STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02245

UNDZER BUKH

Aaron Bergman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בערגמאַן

אונדזער בוך

לייענבוך פאַרן ערשטן יאָר מיטשול

פאַרלאַג פון יידישן פראָטערנאַלן פאָלקס־אָרדן
80 פינפטע עוועניו, ניו־יאָרק.

Copyright by the
BOOK LEAGUE
of the Jewish Peoples Fraternal Order
80 Fifth Avenue, New York 11, N. Y.
September, 1945

PRINTED IN THE U.S.A.
209

אונדזער לאַנד



ניו־יאָרק בײַנאַכט

אונדזער לאַנד

• י. י. שוואַרץ

ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פעט און פרוכטבאַר,
אוצרות טראָגט עס אין זיין שויס;
ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פריש אין יוגנט,
ס׳איז דאָס לאַנד דאָ רייך און גרויס.

ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פול מיט אוצרות, —
אייזן, קופער, גאָלד און שטאָל;
ס׳פאַלן זילבער־וואַסערפאַלן
פון די בערג אַראָפ אין טאָל.

ס׳גיט ווירדזשיניע איר טאַבאַק,
קאַליפאָרניע איר ווייַן,
אין פלאָרידע — אַפּעלסינען
גליען רויט אין זונענשייַן.

אונדזער לאַנד האָט טיפע טייכן,
קלאָרע טייכן פול מיט פיש;
זייַנע בערג דערגרייכן הימלען,
זייַנע טאָלן זייַנען פריש.

ס׳איז מיט זון דאָס לאַנד באַגאָסן —
זייַנע פעלדער זייַנען גרין.
פלינקע, שטאַרקע — זייַנע טעכטער,
שטאָלץ און מוטיק — זייַנע זין.

זייַנע שטעט — זיי זייַנען ריזן,
וואַקסן אויס מיט צויבער-מאַכט;
אונטער ערד און אין דער לופטן
פליען באַנען טאָג און נאַכט.

פרוכטבאַר — fertile | אַפּעלסינען — מאַראַנצן, oranges

איך האָב ליב אַמעריקע

• מ. אָלגין

מיר איז ליב די אַמעריקאַנישע רחבות.

פאָרסט און פאָרסט און פאָרסט — אין אויטאָמאָביל, אין שנעל־צוג, אין „באָס״, און ווידער אין אויטאָמאָביל, און ווידער אין באַן; פאָרסט אַ טאָג און צוויי און דריי און פיר אין איין און דער זעלביקער ריכטונג — און ס׳איז אַלץ נאָך אַמעריקע. די רחבות צעלייגט זיך אַרום דיר אין גראַנדיעזע פּאַנאָראַמעס. ווייטקייטן וויקלען זיך, שטרעקן אויס האָריזאָנטן אין דער גרויסער וועלט אַריין. ס׳דאַכט זיך: ביסט אויסגעוואַקסן גיגאַנטיש, קאָנסט זען אויף אומגעציילטע מיילן, קאָנסט דערלאַנגען מיט איין האַנט צום בלאָען אַטלאַנטיק, מיט דער אַנדערער צום פערלדיקן פּאַסיפיק. אַ לאַנד אַזאַ גרויס, אַ לאַנד

אזא מעכטיקס איז באַשטימט צו טאָן אויף דער וועלט גרויסע היסטאָרישע זאַכן...

איך האָב ליב אַמעריקע פאַר דער אַמעריקאַנישער שפע.

וואָס באַגעגנט איר דען ניט, ווען איר טוט אַ פאָר איבער די טראַקטן און ביי־וועגן פון אונזער צעשפּרייטן קאָנטינענט! וואָסערע רייכקייטן, וואָסערע שאַפונגען, וואָסערע אוצרות!

מיר האָבן דאָס דאָך אַלץ אַרויסגעאַרבעט פון די שטאָפּן פון אַ געבענטשטער נאַטור! מיר האָבן אַרויסגעהאַרעוועט קוילן אַרום פּיטסבורג. מיר האָבן אויסגעשמאָלצן בערג מיט אייזן און שטאָל אין די שטעט און שטעטלעך פון פּענסילוויינע, אָהייאָ, אילינאָי. מיר שיפן געהילץ פון מישיגען איבער שטורעמדיקע טייכן אַרונטער־צו, קיין דרום. מיר האָבן צוגעדעקט קענזעס און מינעסאָטאַ און די דאַקאָטאַס מיט דעם גאָלדענעם קרויז־מאַנטל פון ווייץ. מיר האָבן אויסגעהעפט אויף אַלאַבאַמאַ, מיסיסיפּי, די קאַראָליינעס און ווייטער די קונציקע טעפּיכער פון קאָטן. מיר גראָבן קופּער פון די מאָנטאַנאַ־פעלזן, וואָס שפּאַרן אונטער דעם הימל. מיר פּאָמפּען אויל אין אָקלאַהאָמאַ. מיר האָבן אַרומגעגאַרטלט אונדזער ערד־טייל מיט אַ געדיכטער נעץ פון גלאַטע סאַמעטענע באַן־ און אויטאָ־וועגן. מיר האָבן אַרומגעגאַרטלט אונדזער ערד־טייל מיט ליכטיקע און לופטיקע שטעט אַפילו דאָרט, וואו ס'איז נעכטן געווען אַ מדבר. מיר האָבן אָנגעצונדן דעם רויטן גלי פון צייטיקע אָראַנזשן אין די גרינע בוימלעך פון קאַליפאָרניע. מיר האָבן אַרויפגעשאָסן צו די וואָלקנס הימלקראַצערס — וואונדער פון אַרכיטעקטור־קונסט. מיר האָבן אַרויסגעלאָזט ווי פון אַ צויבער־שאַך־קאַמער אַ מחנה פויגלען — פּילאָטן איבער די רוימען פון אונ־דזערע לופט־אָקעאַנען. און דאָס אַלץ איז דאָך נאָר אַן אָנהויב, נאָר אַ פּראָבע!

מיר איז ליב אַמעריקע פאַר אירע מענטשן.

פייאיקע, טאַלאַנטפולע, געאיבטע, זיכערע מענטשן מיט גאָלדענע הענט און אַכטונג פאַר אַרבעט. אונדזער אַמעריקאַנער מענטש — יענקי, וועסטערנער, ייד, איטאַליענער, שוועד, נעגער, פּאָליאַק, מעק־סיקאַנער, מאַשין־מאַכער, קראַן־שיבער, טראַקטאָר־פירער, קאָרן־מאָלער, קאָטן־וועבער, ראַדיאָ־סיגנאַליזירער, לופט־באַצווינגער — איז אַ מענטש פון אַרבעט, אַ מענטש פון איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט. טוט אַ קוק, ווי פּינקטלעך צו דער סעקונדע ער קומט אָן אויף דער סטאַנציע מיט זיין „שטראָם־ליניעקן” לאָקאָמאָטיוו, ווי

קונציק ער פירט זיין אויטאָמאָביל, מיט וואָס פאַר אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט ער באַלאַנסירט אויף דעם שטאָל־באַלקן אויפן צוואַנציקסטן שטאָק. ניט געאײַלט, ניט געליאַרעמט, ניט פאַר־פּלאָנטערט זיך, פונקציאָנירט אונדזער אַמעריקאַנער אין דער גרויסער אַרבעט־געמיינשאַפט, וואָס הייסט די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר איז ליב אַמעריקע פאַר דעם בעסערן, וואָס זי האָט אויס־געאַרבעט אין אירע מענטשן, הי־געבוירענע ווי אָנגעקומענע און אַריינגעזאַפּטע אינעם גרויסן אַמעריקאַנער פאָלק. מיר איז ליב די פריי־געביקייט פונעם אַמעריקאַנער, זיין פריינטלעכקייט צום מענטשן. ווילסטו אַ שוועבעלע — נאַ דיר דאָס גאַנצע ביכעלע אומזיסט. גייסט צו־פוס און זעסט אויס אַ לייטישער בחור — קום, איך וועל דיר געבן אַ „ליפט". דאַרפסט זיך זען מיט מענטשן — אָט שטייען די האָטעל־זאַלן („לאָבים") פאַר יעדן איינעם; קום, זיץ, שמועס, קיינער וועט דיך ניט טשעפּען. דאַרפסט אינפאָרמאַציע — פרעג, שרייב, קלינג, דריי אַ מוח, מען וועט דיר ענטפערן געדולדיק, פּינקטלעך, זאַכלעך. ווילסטו — גיי אַריין אין אַ ביבליאָטעק; וועסט געפינען אַ מוסטער־האַפטע אָרדענונג, אַ זאַך־קענטעניש, אַ פלינקייט פון באַדינונג, וואָס וועט דיר לייכט מאַכן דיין אַרבעט און דיך לאָזן פילן, אַז דו ביסט אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אַז דו ביסט ווי ביי זיך אין דער היים.

מיר געפעלט אין אַמעריקאַנער זיין גרייטקייט צו קאָאָפּערירן מיט אַנדערע, זיין געפיל פון „לעבן און לאָזן לעבן", זיין פּערזענלעכע ווערדע, זיין אָפּטימיזם, זיין גלויבן אין פּראָגרעס, זיין יושר־געפיל, זיין געראָדער פאַרשטאַנד.

מיר איז ליב אַמעריקע פאַר איר טעמפּאָ. אַמעריקע מאַכט איבער־ראַשונגען, וואָס פאַרגאַפן די וועלט. אַמעריקע בלייבט — און וועט זיין אויף לאַנגע יאָרן — דאָס לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכ־קייטן. און אַלעמאָל, ווען איר באַטראַכט, וואָס אַמעריקע האָט אויפ־געטאָן אויפן וועג פון פּראָגרעס, מוזט איר זיך זאָגן: — דאָס איז אַלץ נאָר אַן אָנהויב.

אַ טייער לאַנד, אַמעריקע! פאַר אונדז יידן, ווי פאַר אַלע האָרע־פאַשנע מענטשן. עס איז מיר ליב פאַר דער פרייהייט־שטרעבונג, וואָס לעבט אין באַוואוסטזיין פון מיליאָנען אַמעריקאַנער. עס איז מיר ליב פאַר זיינע גרויסע ביז־אַהער דורכגעלעבטע פרייהייטס־קאַמפן און פאַר זיין נאָך־גרעסערער פרייער צוקונפט.

רחבות (ראַכוועס) — פרייע ברייטע שטרעקעס; wide open spaces
שנעלצוג — עקספרעס
שפע (שעפע) — abundance
אַרויסגעהאָרעוועט — אַרויסגעקראָגן דורך שווערער האָרעוואַניע (אַרבעט)
קרויז-מאַנטל — אַ מאַנטל מיט קרויזן, מיט לאָקן
שאַץ-קאַמער — treasury
רוימען — spaces
באַצווינגער — conqueror
„שטראָם-ליניעק“ — streamlined
אַרבעט-געמיינשאַפט — community of labor
אַריינגעזאַפט — absorbed
מוסטערהאַפט — model
אָנגעלייגטער גאַסט — געוואונטשענער גאַסט
יושר (יוישער) — גערעכטיקייט
גראַדער פאַרשטאַנד — common sense
האָרעפּאַשנע — וואָס אַרבעטן שווער
שטרעבונג — striving
באַוואוסטזיין — consciousness

אין סאַבוויי

מ. ל. האַלפּערן •

גאָלד איז די צייט אין דעם גאָלדענעם לאַנד.
גיט מען אַ קלונג און אַ הויב מיט דער האַנט,
קלאַפּן זיך טירן צו הילכיק און שנעל,
פליט דער עקספּרעס דורכן שוואַרצן טונעל
שנעלער פון ווינט און געשווינטער פון בליק.
פליען פאַרביי מיט דער וואַנט אויף צוריק
שטערן נאָך שטערן אין גרין און אין רויט —
גרין איז דאָס לעבן און רויט איז דער טויט.
לאָזט אַ סיגנאַל זיך פאַרויס אין געיעג,
וואַרפט ער און שליידערט אַלץ אויפן וועג.
רודערן רעדער אין ווילדן געלויף,
טראָגן זיך באַנען אַראָפּ און אַרויף,
יאָגן און טראָגן זיך פייגל אין פלי׳ן,
ליכטיק ווי בליצן אַהער און אַהין,
ליכטיק ווי בליצן פאַרביי נאָכאַנאַנד —
גאָלדענע פייגל פון גאָלדענעם לאַנד.

קאַליפאָרניע

• פּרץ הירשביין

דער שטילער ים וואַשט דעם זוים פון קאַליפאָרניע, דאָס האַרץ פון דער גאָלדענער וועסט.

דעם נאָמען „גאָלדענע וועסט" האָט קאַליפאָרניע באַקומען אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט און פערציק. דעמאָלט, ווען אַ מענטש מיטן נאָמען ס ו ט ע ר און נאָך אַ מענטש מיטן נאָמען מ אַ ר ש אַ ל, וועלנדיק בויען עפּעס אַ מיל ביי אַ טייכל פון צפון-זייט פון קאַליפאָרניע, האָבן פלוצלונג גאָלדענע זעמדעלעך באַמערקט אויפן גרונט פון קלאָרן וואַסער.

— גאָלד!

פון זייער האַרץ האָט זיך דאָס כישוף-וואָרט אַרויסגעריסן מיט אַזאַ כוח, אַז פון עק וועלט ביז עק וועלט האָט זיך דער אָפּקלאַנג צעטראָגן.

און פון וואַנען האָט מען זיך אַהער ניט געצויגן? פון כינע און יאַפּאַן דורכן שטילן ים, און פון די ברעגעס פון אַטלאַנטיק דורך די קאָלאָראַדער בערג... דורך די מדבריות פון יוטע און אַריזאָנע האָט מען זיך צונויפגעצויגן. מע איז געלאָפן פון אַלע עקן אייראָפּע און פון אַלע אַמעריקעס ווינקעלעך. אפשר נאָך איצטער קען מען געפינען דאָ און דאָרטן אין די מדבריות ביינער פון אָט יענע בראַווע מענטשן, גליק-זוכערס.

שפּעטער מיט איין און צוואַנציק יאָר האָט מען די ערשטע אייזנבאַן-ליניע דורך דער לענג פון לאַנד דורכגעפירט, פון אַטלאַנטיק ביז צום פּאַסיפיק. האָט מען דעם לעצטן טשוואָק אין שוועל פון רעלס אַריינגעשלאָגן — אַ ג י ל ד ע ר נ ע ם.

די גאָלדענע וועסט.

די קינדער פון לאַנד, ווען זיי זעען קאַליפאָרניע אין חלום, איז עס ניט דער קלאַנג פון גאָלד שולדיק. זיי חלומען פון דער גאָלדענער וועסט, און אין חלום זעען זיי גאָלדענע אַפּעלסינען, וואָס שיינען אַרויס פון צווישן גערדיכטע בלעטערדיקע צווייגן; ס'איז גאָר אַן אַנדער מין גאָלד.

אין יענע צייטן, ווען מע האָט אין קאַליפאָרניע גאָלד אַנטדעקט, איז די געגנט נאָך געווען וויסט. ביז צום ים איז די וויסטעניש פאַר־

לאָפן. אַפילו נאָך היינט איז דער גרעסטער טייל פון קאַליפאָרניע, וואָס צו מזרח־זייט, וויסט. שטיין און זאַמד, ווי אין אַריזאָנע.

זומער גייען דאָ קיין רעגנס ניט. זומער איז אַלץ אויסגעטריקנט, אויסגעברענט — אויסער דאָרט וואו דער מענטש האָט זיין מי צו־געלייגט. און ווען ניט דער מענטש און זיין גוטער ווילן, וואָלט נאָך איצטער קאַליפאָרניע געווען אַזוי וויסט ווי אַריזאָנע.

רעגנס גיסן דאָ בלויז אין ווינטער, און מע דאַרף, אַז עס זאָל גרינען און בליען אַ קיילעכדיק יאָר לאַנג. ס'איז צו קומען און צו זען, מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכקייט מע גייט אַרום די חנעוודיקע אַפעל־סינען־ביימלעך, וואָס שטענדיק בלייבן זיי יונג און שיינענדיק; זעען שטענדיק אויס ווי ערשטלינגס; ווי ערשט דאָס ערשטע יאָר האָבן זיי זיך באַדעקט מיט בליעכץ, שפּעטער — מיט גרינע פּירות, וואָס האָבן נעקוואָלן, מיט זאַפט זיך אָנגעגאָסן און אין גאָלד זיך ליכטיק באַקליידט.

ס'ציען זיך אַוועק אויף צענדליקער מיילן שורות, שורות אַפעל־סינען־ביימער, אין הייך פון אַ מענטשן, מיט גרויסע, געדיכטע, גע־קרייזלטע קעפּ — גרינע בלעטערדיקע לאָקן. אין די לאָקן זיינען געדיכט גאָלדענע פּאָמעראַנצן איינגעפלאָכטן. יעדעסביימעלע איז אין צייט אַרומגעצופּט געוואָרן, די ערד אונטער דעם אַרומגעגראָבן און ווייך צעגראָבן; יעדעס ווילד גרעזעלע ביים צופּוסנס פוןביימל אויסגעריסן. אין ווינטער מאַכט מען, אַז עס זאָל זיי וואַרעם זיין: אונטער יעדן ביימעלע אַ קעראָסין־אייוועלע, וואָס דורך נעכט וואַכט מען איבער דעם, ס'זאָל ניט אויסגיין, און אַזוי דערהאַלט מען דעם גאָרטן ביים לעבן.

און וואָס וואַקסט דען דאָ ניט, אַז מע באַמיט זיך? עפּל, באַרן, פלוימען, קאָרן, ווייץ, גערשטן, איילבערטן און פייגן, האָבער, מערן און בוראַקעס.

אָבער קיין שום געגנט שמעקט ניט אַזוי זיס ווי די אַפעלסינען־געגנטן און די ציטרינען גערטנער. זייער פיינער ריח רייסט זיך אַרויס איבער די גרענעצן פון זייער ממשלה, טראָגט זיך אַרויס צום דורכפאָרער אָדער דורכגייער מיט דעםברייטן וועג.

זוים — edge	ערשטלינג — ערשט־געבוירענער
כּישוף (קישעף) — magic	פּירות (פּירעס) — פרוכטן
מדבריות (מידבאַריעס) — deserts	געקרייזלטע — געלאָקטע, curled
אַפעלסינען — אָראַנזשן, מאַראַנצן	ממשלה (מעמשאָלע) — הערשאַפט

די „סטאַטוע פון פרייהייט"

• א. ליעסין

גרינט פון ווייטן די יבשה,
שווימט אַרויס די נייע וועלט,
ווייזט זיך אויפן שוועל די געטין
פון אַ נייער זון באַהעלט.

הויך אין האַנט אַ פרייהייט-פאַקל,
און דער בליק אין ווייטן רוים,
שטייט זי צווישן ים און הימל
ווי אַ שטאָלצער ריזן-טרוים.

ביי דער גרענעץ פון אָקעאַנוס
שטייט זי פאַר די וואַנדערער,
ווי די וואונדער-וואָר פון חלום
פון אַ וועלט אַן אַנדערער.

יבשה (יאַבאַשע)—לאַנד, קאָנטינענט | אָקעאַנוס — אָקעאַן, ocean
רוים — space | וואָר — אמת (עמעס)

אויף דער שיף

• י. קאַפּעלאָוו

אין אַ נעפּלדיקן, אומעטיקן יוני-נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך געזעצט אויף דער שיף, וואָס האָט אונדז געפירט קיין אַמעריקע.

די ערשטע פיר-פינף טעג אויפן ים האָבן מיר אַלע שרעקלעך געליטן. דער ים האָט געבושעוועט, ווי אַ צערייצטע ווילדע חיה און האָט אַרומגעשלײַדערט אונדזער אָרעם שיפעלע, ווי אַ שפּענדל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אים האָט זיך נישט אַנדערש געוואָלט ווי אונדז פאַרשלינגען.

אָט הויבט זיך די שיף אויף אַזוי הויך, אַז דער קאָפּ הויבט אָן שווינדלען, אין די אויגן ווערט פינצטער און ס'ווערט נודנע צו חלשן... אָדער אָט הויבט זי גאָר אָן פאַלן אַרונטער, אַרונטער און דאָס האַרץ הויבט אָן זינקען, זינקען אַראָפּ, אַראָפּ, און ס'דאַכט זיך, אַז באַלד פאַלט עס גאָר אַרויס... אָט טוט זיך די שיף אַ קער אין

אימיגראַנטן יאָסל קאָטלער

איין זייט און מיר אַלע קייקלען זיך פון די געלעגערס מיט די שטרויענע מאַטראַצן, בלעכענע כלים און פעקלעך. עס ווערט אַ קלאַפּעריי, אַ יאָמערן פון קינדער, אַ געשריי פון טאַטעס און מאַמעס, און דאָס וואָיען פון די כוואַליעס שרייט אַלץ אַריבער; פּלוצלונג, מיט האַסט, גיט זיך אַלץ אַ דריי איבער אין דער אַנדערער זייט און די זעלבע געשיכטע חזרט זיך איבער. איצט זיינען שוין אַ סך צע־קלאַפּט, צעביילט און צעשלאָגן. שלעכט, ביטער ווי דער טויט זיינען געווען די ערשטע פּאָר טעג אויף דער שיף!

אָבער אָט האָט אָנגעהויבן ווערן גרינגער. דער ים איז געוואָרן רואיקער און אויפן האַרצן — פרייליכער. עס איז אַוועק אַ טאָג און מען האָט שוין געקאָנט עפּעס נעמען אין מויל. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די לעכער אויף דער פרייער לופט. די ליבע זון האָט געוואַרעמט, געטרייסט און געגלעט. איך האָב זיך דערפילט ווי אויפגעלעבט, ווי איך וואָלט פון אַ קרענק אויפגעשטאַנען. מיין אַפּעטיט האָט זיך צעשפּילט, ווי נאָך אַ קרענק.

פיל, פיל געדאַנקען האָבן זיך ווי אַ וויכער געדרייט אין קאָפּ. עס האָט זיך כסדר געטראַכט וועגן דער היים און, וויי, ווי עס האָט זיך געבענקט! דאָס האַרץ האָט פאַרקלעמט.

איך קוק זיך צו צו די פאַרשיידענע סצענעס און פּאַסירונגען, וואָס קומען פאָר צווישן מיינע שיף־ברידער און שיף־שוועסטער. פּאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען אַלערליי — אי קאָמישע, אי טרויעריקע.

די גרויסע מאַסע פון אַלערליי וואַנדערער, די פאַרשיידענע

קליידער, די אַלערליי שפּראַכן, דיאַלעקטן און אַקצענטן פּלאָנטערן זיך איינער איבער דעם אַנדערן. שמייכלענדיקע פּנימער מישן זיך מיט פאַרכעסטע, פריילעכע — מיט פאַריאָמערטע. עס איז זייער טשיקאַווע און אינטערעסאַנט.

נישט ווייט פון מיר זיצט אַ גאַנצע משפּחה, קענטיק — פּאָגראָם־קרבנות. קיין פרייע מינע זעט זיך נישט אויף קיינעם פון זיי. דער טאַטע זיפצט, ער זיפצט טיף און ביטער. די מאַמע וויינט און גיסט טרערן. אַ טאָכטער, שוין אַ כלה־מיידל, קרומט אַלע ווײַלע איר פאַר־אומערט פּנים, ווי זי וואָלט געטרונקען עסיק. דער ברודער, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, מיט זייער אַן ערנסט פּנים, רייבט דעם שטערן און טוט אַלע ווײַלע מיט כעס אַ שפּײַ.

אַ גרויסע פאַמיליע פון איינעם אַ מענטשן — אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, גרויסע און קליינע קינדער — האַלטן אין איין קריגן זיך, און דווקא הויך און אויפן קול, גאָר ווי ביי זיך אין דער היים. זייער שפּראַך איז געווען עפּעס אַזוי צעצויגן און מאָדנע אויס־געזונגען, אַז מיר איז שווער געווען צו פאַרשטיין זי. גאָר אַ יונג, שיין ווייבל, מיט אַ יינגעלע פון אַ יאָר פינף, אַ זעלטן קלוג און סימפּאַטיש קינד, האָט כסדר געקלאָגט און געוויינט אויף איר ביטער מזל. דאָס קינד פלעגט זי אַרומכאַפּן מיט ביידע הענטלעך, קושן און טרייסטן: באַלד, באַלד וועלן זיי שוין זיין ביי דעם טאַטן.

אַ סך פון די רייזנדע זיינען געווען זייער אָפּטימיסטיש. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די גרעסטע גליקן זיינען פאַר זיי אָנגעגרייט אין אַמעריקע. זיי האָבן גאַנצע לופט־שלעסער געבויט; פּינקטלעך אויסגערעכנט, וויפיל טויזנטער זיי וועלן אין אַ פּאָר יאָר אַרום פירן צוריק און וואָס זיי וועלן טאָן מיט דעם געלט.

אַ סך זיינען געווען שטאַרק דערשלאָגן, געזיפצט, געקרעכצט און געהאַלטן אין איין טענהן: „גאָט ווייסט, גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ גוטס קען מען שוין דערלעבן פון אַ לאַנד, וואו מען גייט מיט קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, האַ?״ די פעסימיסטן זיינען געווען די עלטערע מענטשן. זיי פלעגן קלאָגן: „גיי, הויב אָן אויף די עלטערע יאָרן זיך לערנען רעדן, ברעכן די צונג, גיין אויף אַ נייעם שטייגער.״

די לעצטע פאַר טעג זיינען געווען זייער שיינע. אונדזער שיף איז געשוואומען איבערן וואַסער ווי אַן ענטל. דער עולם איז געוואָרן גוט אויפגעלייגט. די פריילעכע געלעכטערס פון די יינגערע האָבן

פאַרטרונקען די אָפּגעריסענע אָכצן און קרעכצן פון די עלטערע.

אויפן פערצנטן טאָג האָבן מיר דערזען לאַנד! אַ געשריי פון פרייד און באַגייסטערונג האָט זיך אַרויסגעריסן פון די פאַרשמאַכטע הערצער. יונג און אַלט, מענער, פרויען, קינדער אויסגעפוצט אין דעם שענסטן און בעסטן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זיינען צעפלאַמטע, מיט יום־טובדיקע פנימער געשטאַנען אויפן „דעק" און געהיט ווי די שיף קומט אַלץ נעענטער און נעענטער צו דעם נייעם לאַנד, צו דעם נייעם לעבן און צו דעם נייעם מזל...

דער עולם האָט זיך אינגאַנצן פאַרענדערט. יונגוואַרג האָט געפייפט, געזונגען, געלאַכט און געטאַנצט. אַפילו אויף די אַלטע פנימער האָבן זיך אויך די קנייטשן אַ ביסל אויסגעגלייכט. זיי האָבן זיך אַלע געפרייט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיכער געווען, אַז אויפן ברעג, צו וועלכן זיי דערנעענטערן זיך איצט, איז פאַר זיי אָנגעגרייט דאָס העכסטע גליק.

די שיף שווימט אַלץ נעענטער און מיר „שטופּן" זי אונטער מיט אונדזערע קלאַפּנדיקע הערצער.

אָט זעט מען שוין „האָבאָקען". „פאַראָמען" אָדער „פּערים" אָנגעפּאַקטע מיט אַ סך מענטשן, שווימען זיך אַזוי עלעגאַנט איבערן וואַסער, און אונדזערע עמיגראַנטן דענקען נישט אַנדערש, אַז דאָס קומט מען אונדז באַגעגענען... מאַכן זיי דאָך מיט די טיכלעך, מאַכן מיט די הענט. שרייען צו אונדז און לאַכן!...

אַרום עלף אַזייגער זיינען מיר צוגעקומען צום ברעג אין האָבאָקען. דער עולם האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן געזעגענען. פיל באַקאַנטשאַפטן זיינען אויף דער שיף געמאַכט געוואָרן; פיל פריינטשאַפטן געשלאָסן געוואָרן — און איצט דאַרף מען זיך צעשיידן. מען האָט זיך גענומען פאַרשרייבן אַדרעסן, דריקן זיך הענט און שרייען: „זע, פאַרגעס נישט!"

עס איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט גענומען אַריבערזעצן דעם עולם אויף קלענערע שיפלעך און פירן די עמיגראַנטן צום „קעסל־גאַרדן".

געבושעוועט — raged	טשיקאַווע — curious
כלים (קיילים) — utensils	קרבנות (קאָרבאָנעס) — victims
וויכער — שטורעמווינט	פאַראומערט — טרויעריק
פאַרכעסטע (פאַרקאַעסטע) — בייזע, צערייצטע	טענהן (טיינעז) — רעדן, אַרגומענטירן



אויף דער שיף — א. מ. ליליען

דער שטורעם אויפן ים

• מאָרים ראָזענפעלד

דער שרעקלעכער ווינט, דער געפערלעכער שטורעם —
ער ראַנגלט זיך דאָרט מיט אַ שיף אויפן מער;
ער וויל זי צעברעכן, און זי מיט יסורים
שניידט דורך אַלע טיפעניש, קרעכצנדיק שווער.

עס טרעשטשעט דער מאַסטבוים, דער זעגל — ער ציטערט.
דאָס רוישנדע וואַסער איז מוראדיק טיף.
עס קעמפן מיט צאָרן, עס שטרייטן פאַרביטערט
אויף טויט און אויף לעבן דער ווינט מיט דער שיף.

אַט מוז זי זיך לייגן, אַט מוז זי זיך שטעלן;
אַט טרייבט עס צוריק זי, אַט טרייבט עס פאָרויס.
אַ שפילכל איז איצטער די שיף ביי די וועלן,
זיי שלינגען זי איין און זיי שפייען זי אויס.

עס ליאַרעמט דער ים, און עס הייבן זיך כוואַליעס,
עס הודזשעט, עס פילדערט מיט שרעק און מיט גרויל.
דער שטורעם, דער גזלן, וויל אומברענגען אַלעס —
דער תהום עפנט אויף זיין פאַרשלאָסענעם מויל...

מער — ים
יסורים (יעסורים) — ליידן, ווייטיק
טרעשטשעט — creaks
זעגל — sail

וועלן — כוואַליעס, waves
הודזשעט — פילדערט, ליאַרעמט
גרויל — שרעק, horror
תהום (טהאָם) — abyss

מיר אַרבעטן אין שאַפּ

• שלום-עליכם

א

ווי אַזוי מע אַרבעט אין שאַפּ — קאָן איך אייך אַקוראַט ניט זאָגן, וואָרעם איך ווייס אַליין ניט. מע לאָזט מיך אַהינצו ניט אַריין. וואָרעם איך בין נאָך ניט בר-מצווה. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס איך הער פון מיין ברודער עליע און פון מיין חבר פּיניע. אַלע אויף דער נאַכט, אַז זיי קומען אַהיים פון שאַפּ, דערציילן זיי אונדז חידושים. זיי קומען אַלע מאָל אויסגעמאַטערט און הונגעריק. און מיר זעצן זיך עסן וועטשערע. דאָ הייסט עס „סאַפּער". ברכה האָט פיינט אָט דאָס וואָרט, אַזוי ווי אַן ערלעכער ייד האָט פיינט חזיר. נאָך אַ וואָרט איז פאַראַן, וואָס מיין שוועגערין קאָן ניט אַריבערטראָגן. דאָס איז אַ „ווינדע". אַ ווינדע הייסט דאָ אַ פענצטער. זאָגט ברכה דערויף: „ווינד און ווי זאָל זיין צו זיי"... היינט קאָן זי ניט הערן, אַז מע זאָגט „סטאַקינגס". איר וועט קיינמאָל ניט פאַלן דערויף, אַז „סטאַקינגס" זיינען זאָקן. אָדער, אַשטייגער, וואָס וועט איר זאָגן אויפן וואָרט, „דישעס"? דאַכט זיך, אַז „געפּעס", זאָגט ברכה, איז אַ סך שענער? אָדער וואָס קאָן זיין פּשוטער פון אַ „לעפל"? ניין, לוינט זיי ניט. ביי זיי קומט אויס, אַז אַ לעפל איז אַ „ספּון". ניט אומזיסט זאָגט ברכה אַ ווערטל (זי האָט זיך אירע אייגענע ווערטלעך): „אַמעריקע איז אַ לאַנד, סטייק איז אַ מאכל, פּאַרק איז אַ גאַפּל און ענגליש איז אַ שפּראַך"...

חידושים (כידושים) — וואונדער | אַשטייגער – for instance

ב

מיין ברודער עליע און אונדזער חבר פּיניע אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע שעפּער. איינער איז אַן „אָפּרייטער", דאָס הייסט אַ שניידער. דער אַנדערער איז אַ „פּרעסער". אַן אָפּרייטער דאַרף ניט נייען מיט די הענט. ער שטעפּט ביי דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קאָנען. עס שטעפּט זיך ניט אַליין. ווי זשע קומט דאָס צו מיין ברודער עליע, אַז אונדזער טאַטע און אונדזער טאַטנס טאַטע און אונדזער טאַטנס טאַטנס טאַטע איז קיינמאָל קיין שניידער ניט געווען און אַ מאַשין קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען? איז דאָס אָבער אַמעריקע.

אין אַמעריקע איז ניטאָ אַ זאַך, וואָס אַ מענטש זאָל ניט קענען. אין אַמעריקע לערנט מען זיך אויס. אַ סימן האָט איר — אַ רב. זיין אַ רב דאַרף מען דאָך אַוודאי קאָנען, פונדעסטוועגן זיינען פאַראַן אין אַמעריקע רבנים, דאָ הייסן זיי „רעווערענטן", וואָס אין דער היים זיינען זיי געווען קצבים. מיין ברודער עליע האָט זיך דאָ באַקענט מיט אַ רעווערענט, וואָס אין דער היים איז ער געווען אַ שניידער!

פרעגט אים עליע: „היתכן?..."

ענטפערט ער אים: „אַמעריקע!..."

רבנים (ראַבאָנים) — מערצאָל פון רב (ראָוו)
קצבים (קאַצאָווים) — butchers

היתכן (האַיטאָכן) — ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

ג

ווי אַזוי האָט זיך מיין ברודער עליע אויסגעלערנט שטעפּן? איז עליע נעבעך טאַקע גוט אויסגעריסן געוואָרן. מע האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערנייען מיט דער מאַשין. איז ער דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק און איז געוואָרן אָלרייט. אויף מאָרגן האָט ער שוין געשטעפּט. מאָלט אייך, אַז אָך און וויי איז געווען צום שטעפּן. נאָר גוט איז דאָס. פּיניע האָט דאָס אויך ניט געקאָנט באַווייזן. ניט וויל ער האָט זיך געפּוילט אַרבעטן. פּיניע ווערט אייך גיין אַרבעטן טאַטשקע־אַרבעט, אַבי מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע. איז די צרה, וואָס ער האָט אַ נידעריקע ראיה און טוט אַלצדינג כאַפּנדיק. מע האָט אים אויך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין, ווי מיין ברודער עליע, מע האָט אים אויך געגעבן איבער־געבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין הין און צוריק מיט דער מאַשין. האָט זיך געטראָפן מיט אים אַן אומגליק. דאָ ווערט עס אָנגערופן „אַן עקסידענץ". אונדזער חבר פּיניע האָט אין איילעניש פאַרטשעפּעט דעם פּידזשאַק און האָט צוגעשטעפּט דעם לינקן אַרבל צו דער מאַשין. אַ גליק כאָטש, וואָס ניט די האַנט. וויי־וויי, וואָס מע האָט זיך אָנגעלאַכט פון אים! חברה שניידערס האָבן אויפגעהויבן אַ הוראַ! „גרינהאָרן" האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן. גרינהאָרן איז די טייטש אַ גרינער. און אַ גרינער הייסט אַזעלכער, וואָס איז נאָר

חס וחלילה (כאָס וועכאָלילע) — God forbid
טאַטשקע — wheelbarrow

ראיה (ריע) — sight
פּידזשאַק — רעקל, jacket
בזיון (ביזאָיען) — שאַנדע

וואָס אַראָפּגעקומען פון דער היים און ווייסט ניט וואו אַ טיר עפנט זיך. גרינהאָרן איז אַ בזיון, ערגער פון אַ גנב...

ד

בקיצור — פּיניע וועט שוין ניט זיין קיין אַפּרייטער. ער גייט אַוועק אין אַן אַנדער שאַפּ און באַשטעלט זיך דאָרט פאַר אַ פּרעסער, אַן אונטערפּרעסער דערווייל. אַז ער וועט זיך אויסלערנען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער. ביז וואוהין?

— מ׳קאָן ניט וויסן — זאָגט פּיניע — קיינער ווייסט ניט וועמענס מאַרגן ס׳איז. ניט קאַרנעגי, זאָגט ער, ניט וואַנדערבילד, ניט ראָקנ־פעלער האָבן געוואוסט, אַז זיי וועלן אַמאָל זיין דאָס, וואָס זיי זיינען...

דערווייל ווערט נאָך פּיניע גוט פאַרשוואַרצט, און אַלץ איבער זיין טבע, וואָס ער האָט ליב אַלצדינג טאָן כאַפּנדיק. און דערצו נאָך זיין נידעריקע ראיה. ער קומט אַלע טאָג אַ צעבריטער.

איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ צעקאַליעטשעטער נאָז. וואָס איז די מעשה? ער האָט זיך ביים פּרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס פּרעסל צו זיין נאָז? זאָגט פּיניע, אַז זיין נאָז האָט ניט געוואָרט, ביז דאָס פּרעסל וועט זיך מטריח זיין צו זיין נאָז. ער קאָן באַשטיין, זאָגט ער, אַז זיין נאָז זאָל גיין צום פּרעסל. ווי קומט זי, די נאָז, צום פּרעסל? לאָזט זיך אויס, אַז פּיניע האָט גאָר געזוכט אַ שטיקל אַרבעט, און ווייל ער האָט אַ נידעריקע ראיה, האָט ער זיך דעריבער אַנגעבויגן האַרט צום טיש און האָט געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז גלייך אויפן אָנגעגליטן פּרעסל.

— אַ שלימזל, אַז ער פאַלט אין שניי, טרעפט ער אויף אַ שטיין...

איך מיין, אַז איך וועל אייך ניט דערציילן, ווער דאָס האָט גע־זאָגט, וועט איר אויך טרעפן, אַז דאָס האָט געזאָגט ברכה. מיין שוועגערין קאָן אַריינזאָגן...

בקיצור (בעקיצער) — קורץ, in short

טבע (טעווע) — נאַטור, כאַראַקטער

מטריח (מאַטריעך) זיין — זיך באַ־מיען, make an effort

ה

ברכה איז ניט צופרידן. מיין מאַמע אויך ניט, טייבל אויך ניט. איר האָט אַמאָל געזען, אַז ווייבער זאָלן זיין צופרידן? זיי באַוויינען אונדז, מאַנסבילן, וואָס מיר דאַרפן אַזוי האָרעווען אין אַמעריקע, צו מאַכן אַ לעבן. אַ קלייניקייט — אַרבעטן אין אַ שאַפּ! אַז נאָך האַלב

זיבן אין דער פרי מוז מען שוין זיין אויף דער ארבעט. א שעה נעמט צו דאָס פאָרן אהין. עפּעס איבערכאַפּן דאַרף מען. דאַוונען דאַרף מען דאָך אוודאי. היינט רעכנט אויס, ווען מיר דאַרפן אויפשטיין? און פאַרשפּעטיקן טאָר מען ניט אויף אַ מינוט אַפילו. וואָרעם טאָמער פאַרשפּעטיקט איר, רעכנט מען אייך אראָפּ פאַר יעדע פינף מינוט אַ האַלבן טאָג ארבעט. ווי אַזוי ווייס מען דאָס, צי איר האָט פאַר־שפּעטיקט, אָדער ניין? דערויף איז דאָס אַמעריקע. אין אַמעריקע האָט יעדער שאַפּ אַזאַ מין זייגער. אַז איר קומט אין שאַפּ, גייט איר צום אַלעם ערשטן און טוט אַ קוועטש דעם זייגער. ווערט דאָס אָנ־גערופן אויף זייער לשון „פּאַנטשן די קלאַק". „קלאַק" איז אַ זייגער און נעמט זיך, זאָגט מיין ברודער עליע, פון גלאָק. אַ גלאָק קלינגט און אַ זייגער, זאָגט ער, קלינגט אויך, אָבער נאָר אַ וואַנט־זייגער. אַ סימן האָט איר: אַ קעשענע־זייגערל קלינגט ניט, הייסט עס „וואַטש". פרעג איך ביי עליען: „פאַר וואָס עפּעס וואַטש"? זאָגט ער: „ווי דען זאָל עס הייסן?" זאָג איך: „וואַטשל". פרעגט מיך עליע: „פאַר וואָס עפּעס „וואַטשל"? זאָג איך, אַז אַ זייגער איז אַ זייגערל, דאַרף זיין אַ וואַטש — אַ וואַטשל. עלעהיי, זאָג איך, אַ „באָי" איז אַ יונג, איז אַ יינגל — „באָיטשיק", און אַ קליין יינגעלע — אַ „באָיטשיקל"... ווערט עליע אין כעס און זאָגט מיר, אַז איך האָב זיך אויסגעלערנט פון אונדזער חבר פּיניע זאָגן אַלצדינג פאַרקערט.

אַ גליק וואָס פּיניע איז ניטאָ דערביי. פּיניע זאָל זיין, וואָלטן זיי זיך שוין צעאַמפּערט איבערן וואָרט „וואַטש", אַזוי ווי זיי האָבן זיך געאַמפּערט און שיער ניט צעשלאָגן זיך איבערן וואָרט „ברעקפיש"— אָנבייסן. דערפאַר, זאָגט עליע, איז אַן אָנבייסן ברעקפיש, ווייל צום אָנבייסן עסט מען פיש אָדער הערינג. זאָגט פּיניע: „ווי באַלד, אַז הערינג, פאַר וואָס־זשע זאָגט מען ניט „ברעקהערינג"? זאָגט אים עליע: „בהמה וואָס דו ביסט! און וואָס איז אַ הערינג — ניט קיין פיש?" פילט זיך פּיניע, אַז ער איז געשלאָגן, זאָגט ער: „ווייסטו וואָס? לאָמיר פרעגן ביי אַן אַמעריקאַנער יידן!"... און מע פוילט זיך ניט און מע שטעלט אָפּ אַ יידן אין מיטן גאַס (שבת איז דאָס געווען) און מע גיט אים אַ פרעג: „פעטער, איר זיינט שוין לאַנג אין אַמעריקע?" זאָגט ער: „דרייסיק יאָר, וואָס איז דען?"... זאָגן זיי: „מיר ווילן אייך עפּעס פרעגן. גיט אונדז צו פאַרשטיין, פאַר־וואָס זאָגט מען ביי אייך אָנבייסן ברעקפיש?" קוקט זיי אָן דער ייד און זאָגט צו זיי: „ווער האָט דאָס אייך געזאָגט, אַז אויף אָנבייסן

זאָגט מען ביי אונדז ברעקפיש?" „ווי אַזוי־זשע דען זאָגט מען?"

— ברעקפעסט! ברעקפעסט! ברעקפעסט! — שרייט זיי אויס דריי מאָל דער ייד גלייך אין פּנים אַריין און איז זיי מכבד מיטן נאָמען „גרינע חיות"...

איבערכאַפּן — עפּעס עסן

לשון (לאָשן) — שפּראַך

עלעהיי — זאָל זיך דאַכטן

געאַמפּערט — אַרגומענטירט, געקריגט זיך

(איז) מכבד (מעכאַבעד) — treats, offers

ו

איך האָב מורא, אַז מיר וועלן זיך מיטן שאַפּ ניט עלטערן. מיין ברודער עליע זאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן צרות פונעם „פאָרמאַן". יעדער שאַפּ האָט אַ פאָרמאַן — אַן עלטסטן, אַן אויפזעער. און ניט נאָר איין פאָרמאַן, יעדער שטאָק האָט זיך זיין פאָרמאַן. אויף דעם שטאָק, וואו עליע אַרבעט, איז דער פאָרמאַן אַ המן, אַ רשע. ער איז אַליין אַמאָל געווען אַן אַפּרייטער, נאָר ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און איז געוואָרן אַ פאָרמאַן. די אַרבעטער זאָגן, אַז ער איז ערגער פון „באָס". דאָס איז אַ לשון־קודש וואָרט און שטאַמט פונעם וואָרט „באַלעבאָס", אַזוי זאָגט עליע. און פּיניע מוז שווייגן, וואָרעם אויף לשון־קודש איז עליע פאָרט אַ חזנס אַ זון... נאָר מיר קערן זיך אום צום פאָרמאַן. מע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שאַפּ, אַז דער פאָרמאַן רוקט דעם זייגער, אַזוי אַז ווען איר זאָלט ניט קומען, וועט איר פאַרשפּעטיקן — וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ ממזר?... און אונדזער חבר פּיניע דערציילט פון זיין שאַפּ נאָך שענערע מעשות. זייער פאָרמאַן, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין אַ „פּייפּער" אַריין. לייענען אַ ציטונג ביי דער אַרבעט — חיות ניט זיכער; רויכערן — שמועסט מען ניט. אַ וואָרט טאָר מען ניט אויסריידן צווישן זיך. ס'איז אַזוי שטיל, זאָגט ער, אַז מע קאָן הערן אַ פליג! אויסער דעם טראַסק מיטן גראַגערן פון די מאַשינען. נאָך אַ מעלה האָט דער שאַפּ. דאָרט ווערן די פּרעסלעך אָנגעוואָרעמט מיט גאַז. דאָ זאָגט מען ניט גאַז, נאָר „געז". ד. ה. שטינקען שטינקט עס אַזוי ווי ביי אונדז גאַז, נאָר מע טאָר ניט זאָגן גאַז, מע דאַרף זאָגן געז.

לשון קודש (לאָשן קוידעש)— העברייאיש (הייליקע שפּראַך)

מעלה (מיילע) — advantage

חיות (כיעס) ניט זיכער — מיטן לעבן ניט זיכער

מסתמא (מיסטאָמע) — probably

אַקוראַט פאַרקערט. ס'זאָל ביי אונדז הייסן געז, וואָלט מען דאָ מסתמא געזאָגט גאַז.

ז

הקיצור, די געז פון די פּרעסלעך פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפּ פאַלן חלשות און מוזן סטאָפּן די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פון דער „פּיידע", ד. ה., אַז עס קומט צום אָפּנעמען פאַר דער וואָך, וואָס מע האָט פאַרדינט, ווערט אַ לאָך. דאָ האָט איר פאַרשפּעטיקט פינף מינוט — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זיינט איר צו פרי אַוועקגעגאַנגען — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זיינט איר געפאַלן חלשות — פאַרפאַלן אַ טאָג.

נייִן, מע קאָן שוין מער ניט אַריבערטראָגן. מען וועט מוזן אַרויס אין אַ סטרייק.

הקיצור (האַקיצער) — קורץ, in short	חלשות (כאַלאָשעס) — fainting ד. ה. — פאַרקירצט: דאָס הייסט

דער בלינדער פידלער מאַרק שאַגאַל

סוועט־שאַפּ

• מאָרים ראָזענפעלד

עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
און אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש וואו איך בין;
איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלאָרן,
מיין איך ווער דאָרט בטל — איך ווער אַ מאַשין.

איך אַרבעט, און אַרבעט, און אַרבעט אָן חשבון,
עס שאַפט זיך, און שאַפט זיך, און שאַפט זיך אָן צאָל.
פאַרוואָס? און פאַר וועמען? איך וויים ניט, איך פרעג ניט—
ווי קומט אַ מאַשין דען צו דענקען אַמאָל?

ניטאָ קיין געפיל, קיין געדאַנק, קיין פאַרשטאַנד גאָר:
די ביטערע, בלוטיקע אַרבעט דערשלאָגט
דאָס איידלסטע, שענסטע און בעסטע, דאָס רייכסטע,
דאָס טיפסטע, דאָס העכסטע, וואָס לעבן פאַרמאָגט.

עס שווינדן סעקונדן, מינוטן און שטונדן,
גאָר זעגל־שנעל פליען די נעכט מיט די טעג;
איך טרייב די מאַשין, גלייך איך וויל זי דעריאָגן,
איך יאָג אָן אַ שכל, איך יאָג אָן אַ ברעג.

דער שניידער — א. מ. ליליען

נאָר דאַן, ווען ס׳איז שטילער דער ווילדער געטומל,
אַוועק איז דער מייסטער אין מיטאָג־צייט־שטונד,
דאַן פאַנגט אָן אין קאָפּ ביי מיר לאַנגזאַם צו טאָגן,
אין האַרצן צו ציען — איך פיל דאַן מיין וואונד.

און ביטערע טרערן, און זידיקע טרערן
צעווייקן מיין מאָגערן מיטאָג, מיין ברויט,
עס ווערגט מיך, איך קען ניט מער עסן, איך קען ניט..
אָ, שרעקלעכע פּראַצע! אָ, ביטערע נויט!

בטל (באָטל) ווערן — אויפהערן צו עקזיסטירן
חשבון (כעזשבן) — רעכענונג, account
זעגל־שנעל — געשווינט ווי אַ זעגל
שכל (סייכל) — פאַרשטאַנד
זידיק — קאָכעדיק, הייס
פּראַצע — שווערע אַרבעט

אין קאַמף

• דוד עדלשטאַט

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט —
און אַלץ נאָר דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק.

מיר ווערן דערשאָסן, געהאַנגען,
מען רויבט אונדזער לעבן און רעכט,
דערפאַר ווייל מיר אמת פאַרלאַנגען
און פרייהייט פאַר אָרעמע קנעכט!

נאָר קיינמאָל וועט אונדז ניט דערשרעקן
געפענגעניש און טיראַניי;
מיר מוזן די מענטשהייט דערוועקן
און מאַכן זי גליקלעך און פריי.

שמידט אונדז אין אייזערנע קייטן,
ווי בלוטיקע חיות אונדז רייסט;
איר וועט אונדזער קערפּער נאָר טויטן,
נאָר ניט אונדזער הייליקן גייסט!

איר קענט אונדז דערמאָרדן, טיראַנען!
נייע קעמפער וועט ברענגען די צייט —
און מיר קעמפן, מיר קעמפן ביז וואַנען
די וועלט וועט ווערן באַפרייט!...

געפּלאָגט — געמאַטערט | שמאַכטנדע — ליידנדיקע

צום יידישן אַרבעטער

• דוד עדלשטאַט

ברידער, מיר טראָגן אַ דרייפאַכע קייט —
אַלס יידן, אַלס שקלאַפן, אַלס דענקער!
מיר ווערן געיאָגט און געמאַטערט צום טויט
פון אַנטיסעמיטן און הענקער!

מע מאַכט אונדז פאַר בעטלער, מע מאַכט אונדז פאַר קנעכט,
מע וואַרגט אונדז, מע בייגט אונדז אין דרייען;
מע זאָגט צו אונדז: אַלעס דאַרף זיין פאַר אייך רעכט,
און רויבט מען אייך — טאָרט איר ניט שרייען!...

דאָך, ברידער, עס לעבט נאָך דער הייליקער גייסט,
וואָס מאַכט פאַר אַ העלד אויך דעם שלאַפן;
וואָס וואַרפט אום די תפיסות, די קייטן צערייסט
און באַפרייט די פאַרמאַטערטע שקלאַפן!

הענקער — executioner | תפיסות (טפיסעס) — prisons

אַ צייכן פון זומער

• ז. ליבין

עס איז געווען אַ פרימאָרגן אין דעם שיינעם מאָנאַט מיי. אָבער דאָ, וואו איך האָב זיך געפונען, אין אָרטשאַרד סטריט, האָט זיך דער מיי ווייניק געפילט. פון די פעסלעך מיסט האָט זיך ניט געטראָגן קיין פרישקייט; די הויכע טענעמענט קאַזאַרמעס, די פייער-עסקייפּס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געלופטערט מאַטראַצן, קאָלדרעס, קישעלעך, האָבן גאַנץ ווייניק דערמאָנט דעם שיינעם מאָנאַט מיי. די זעלבע בלאָטע, די זעלבע שווערע שטיקנדיקע לופט, דער זעלבער האַרצרייסנדיקער רעש פון האַנדל און וואַנדל — פון דער אייביקער, אייביקער מלחמה פאַרן שטיקל ברויט. אַ טומל, אַ רעש. מען לויפט,

מען יאָגט זיך, מען שטופּט זיך, מען ווערגט זיך... מען זוכט פּרנסה...

און דאָ האָב איך די אַלטיטשקע באַגעגנט.

קליין, דאַר, געבויגן, מיט אַ שטעקל אין האַנט, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, איז זי געשטאַנען און געקוקט אַרום זיך מיט צעשראָקענע אויגן. אויף איר צעקנייטשט פּנים איז געלעגן אַ שווערע, שווערע זאָרג.

איך האָב זיך צו איר צוגעקוקט. זי האָט עס באַמערקט, אַ פּאָר מאָל אַ קוק געגעבן אויף מיר, נאָכדעם האָט זי זיך צו מיר געווענדט און געזאָגט:

— זאָלט איר געזונט זיין, זאָגט מיר, זייט איר אַ ייד?

— יאָ, באָבע — האָב איך געענטפערט — איך בין אַ ייד.

— האָט רחמנות און באַוויזט מיר, וואו קען איך דאָ ערגעץ זען אַ בוים — האָט די אַלטע ווייטער געפרעגט.

— וואָס? אַ בוים?

— יאָ — האָט די יידענע געענטפערט — אַ בוים וואָס וואַקסט זומער, ווי ביי אונדז אין דער היים — און די אַלטע האָט אַ שווערן טיפן זיפץ געגעבן.

— אויף וואָס דאַרפט איר אַ בוים? — האָב איך געפרעגט, גע־קוקט אויף דער שווער-פאַרזאָרגטער אַלטער און נייגעריק דערוואַרט איר ענטפער.

— אויף וואָס? ווייל גאָט האָט מיך זייער ביטער געשטראָפט — האָט די פרוי געענטפערט, און אירע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן.

מיין האַרץ האָט צוזאַמענגעדריקט אַ ווייטיק. איך האָב ווייטער גאָרנישט געפרעגט. איך האָב זיך געאיילט צו באַרואיקן די אָרעמע אַלטיטשקע און האָב געזאָגט:

— יאָ, באָבע, איך וועל אייך באַווייזן אַ בוים.

— גאָט זאָל אייך בענטשן דערפאַר — האָט די יידענע גע־ענטפערט מיט אַ טיפער ערנסטער דאַנקבאַרקייט.

איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן. איך האָב זייער גוט געקענט די געגנט און האָב גענומען טראַכטן, וואו איך קאָן דאָ ערגעץ ניט וויט געפינען אַ בוים פאַר דער אַלטער. איך האָב אָבער ניט געקאָנט דערמאָנען זיך, אַז איך זאָל האָבן דאָ ווען עס איז געזען אַ בליענדיקן בוים. איך וועל זיך מוזן, הייסט דאָס, אַוועקלאָזן מיט דער אַלטער צום דזשעקסאָן-סטריט-פּאַרק.

האָב איך אָבער אַ טראַכט געטאָן: אפשר וועט עס זיין צו ווייט פאַר דער אַלטער? און איך האָב זי געפרעגט:

— וואו וואוינט איר, באָבע?

— ביי מיין קראַנקן זון — האָט די אַלטע געענטפערט.

— און וואו וואוינט אייער קראַנקער זון? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— אָט דאָ ניט ווייט, אין אַ הויף, לעבן אַ גרויסן שטאַל.

איך האָב ווייטער געפרעגט:

— באָבע, ווען מיר וועלן אָפגיין עטלעכע גאַסן ווייטער, וועט איר קאָנען אַהיים טרעפן?

— איך וועל פרעגן — האָט די אַלטע מיך באַרואיקט.

— קומט, באָבע, איך וועל אייך באַווייזן אַ בוים.

מיר זיינען אַוועק צום דזשעקסאָן סטריט פּאַרק. גייענדיק האָט די אַלטע מיר דערציילט איר ביטער האַרץ, און איך האָב זיך דער־וואוסט צו וואָס די אַלטע זוכט אַ בוים.

זי, די אַלטע, איז נאָך אַ „גרינע" אין אָרטשאַרד סטריט. ערשט מיט אַכט חדשים צוריק איז זי געקומען אַהער אין ניו־יאָרק צו אירן אַ זון.

דער זון איז ביי איר איינער און מער ווי אים האָט זי קיינעם ניט אויף דער ווייסער וועלט. דער זון האָט אַ ווייב מיט דריי קליינע קינדערלעך. אין דער היים איז ער געווען אַ לערער און דאָ, אין ניו־יאָרק, איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער ביי פּוטער. די לעצטע צייט, שוין נאָך דער אַלטערס קומען, איז ער שטאַרק קראַנק געוואָרן, אַפּנים אויף שווינדזוכט. ליגט ער אין דער היים און דאָס ווייב פאַרדינט דאָס שטיקל ברויט, אַרויסנעמענדיק פון שעפּער היוזן צום נייען און וואַשנדיק וועש פאַר שכנים.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז אַ דאָקטער געווען ביים קראַנקן און ער האָט געזאָגט, אַז אויב דער קראַנקער וועט אויסהאַלטן ביז זומער, וועט זיין „גוט". די אַלטע, וועלכע האָט שוין געזען, אַז דאָ אין דער מדינה איז עפּעס דער ווינטער קיין ווינטער ניט, האָט געפרעגט ביים דאָקטער, ווען דאָ אין אַמעריקע ווערט זומער. און דער דאָקטער האָט איר געענטפערט, אַז ווען די ביימער הויבן אָן צו בליען און ווערן גרין, איז דאָס אַ סימן, אַז עס איז זומער.

איצט, ווען עס איז שוין אַריבער דער פּסח און אין דער היים וואָלט שוין באַדאַרפט זיין זומער, ווייל די אַלטע ווייסן אויב דאָ אין

אַמעריקע איז שוין זומער, און אויב איר קראַנקער זון האָט אויס־געהאַלטן דעם ווינטער. עס איז אַפילו היים, אָבער דאָס איז ביי דער אַלטער אַ קנאַפּער סימן: ווינטער פּלעגן אויך אַמאָל זיין הייסע טעג. וויל זי זען דעם דאָקטערס געגעבענעם צייכן — אַ גרין בלעטל — דאָס אַליין!

* * *

אָט איז דזשעקסאָן סטריט פּאַרק... אַ גרין ווינקעלע אין אַ שרעק־לעכן מדבר. גרינע ביימער, גרין גראָז...

— נו, אָט האָט איר ביימער וויפיל איר ווילט — זאָג איך צו דער אַלטער.

— איך זע שוין — ענטפערט זי — אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען.

און די אַלטע קוקט אויף די ביימער. איר פּנים ווערט פריי־ער, ליכטיקער. אין אירע אויגן באַמערק איך אַ שטראַל פון האָפענונג און איך הער ווי זי שעפּטשעט שטילערהייט:

— עס איז שוין דער ליבער זומער, זונדעלע טייערער. אפשר וועט שוין דער פאָטער אין הימל אויף דיר רחמנות האָבן און צושיקן דיר אַ רפואה.

נאָכדעם האָט זי זיך צו מיר געווענדט און געזאָגט מיט אַ טיף געבעט:

— ווילט איר שוין נאָך עפּעס טאָן פאַר מיר?

— וואָס, באָבע?

— קריגט פאַר מיר דאָ אַ פּאָר גרינע בלעטלעך, עפּעס אַ וואָסערע עס איז; איך וועל אָוועקטראָגן מיין זון, באַווייזן אים אַז דער זומער איז שוין אָנגעקומען.

איך האָב אויפגעזוכט אַ גרין צווייגל און האָב עס געגעבן דער אַלטער.

זי האָט עס גענומען מיט ציטערנדיקע הענט, אָנגעבענטשט מיך פון פולן האַרצן און געפרעגט ביי מיר ווי מען גייט אַהיים. איך האָב איר געוויזן דעם וועג, און די אַלטיטשקע איז אַוועק צום הויף, לעבן דער גרויסער שטאַל, אָנזאָגן איר קראַנקן זון, אַז עס איז שוין זומער אין אַמעריקע.

פּרנסה (פּאַרנאָסע) — livelihood	מדבר (מידבער) — desert
מדינה (מעדינע) — לאַנד	רפואה (רעפוע)— מעדיצין, היילונג cure
אַפּנים (אַפּאָנעם) — ווייזט אויס	

דער פרייהייט-גייסט

• מאָרים ווינטשעווסקי

אין די גאַסן צו די מאַסן
פון געדריקטע פעלקער-ראַסן
רופט דער פרייהייטס-גייסט:
„איך ברענג וואָפן פאַר דעם שלאַפן,
איך באַפריי די אַרבעטס-שקלאַפן
און איך מאַך זיי דרייסט.

ליכט פאַרשפּרייטן, רעכט פאַרברייטן
קום איך און צעברעך די קייטן
פון דער טיראַניי;
די נאַציאָנען פון קאַנאָנען,
פון אַרמייען, פון שפּיאָנען
קום איך מאַכן פריי.

איך קום לערן: אַרבעט ערן,
ערן, אַכטן און באַגערן
אַרבעט מיט א טאָלק;
גליק און פרייד, — ניט אונטערשיידן
צווישן קריסטן, יידן, היידן,
צווישן פאָלק און פאָלק."

וואָפן — arms
שלאַפן — שוואַכן

טאָלק — אָרדענונג
היידן — heathens

מיין משפּחה

• משה נאַדיר

איך שטאַם פון אַ משפּחה
אָרנטלעך ביז גאָר,
די פרויען — אַרבעטאָרינס,
די מענער — אַרבעטורער.

מיין פעטער איז אַ בעקער
אין ליפשיצעס בעקער-סטאָר,
ער באַקט די בעסטע ברויטן,
די שענסטע פּאַיס און קייקס.
ער פלעכט און ווינזעלט קנויטן,
ער ציט און ציט דאָס טייג.

איך שטאַם פון העכסטן יחוס,
קיין העכערס איז ניטאָ,
און יעדער אַרבעט ריכטיק
ווען אַרבעט איז נאָר דאָ.

דער איינער איז אַ פּלאָמבער,
דער צווייטער איז אַ שמיד,
ניטאָ ביי אונדז אויף טראָמבע,
ליידיק גייט מען ניט.

מ׳איז פלייסיק ווי די בינען,
מיט שער, מיט נאָל, מיט האַק,
מיט הענט און מיט מאַשינען
האָרעוועט מען געשמאַק.

אויף באַנען און אין שעפּער,
אין פעקטאָרים און מאַינס,
ביי הויזן און ביי קעפּקעס,
ביי קוילן און ביי ווייַן.

ביי היטלען אַרבעט פּענעק
און יאָסל — אויף דער מויער,
ס'איז שלום אַ מעכאַניק
און אייזיק איז אַ פּויער.

דעם לעבנס אַלע רעדער
מע מייסטרעוועט געשמאַק —
דער איינער מיט דער פּעדער,
דער צווייטער מיט דער האַק.

אָרנטלעך — honest
פּלעכט — braids
ווינזעלט — smokes

קנויטן — wicks
יחוס (ייכעס) — nobility
אויף טראַמבע — אויסגענאַרט

אַ פּייער אין קלינטאָן סטריט

• כאַווער-פּאַווער

סוף-זומער נאַכט. די שטיינער פון דער גאַס קילן זיך אָפּ. עס שטעלט זיך איין דער טומל פון אַ גאַנצן טאָג. דער שטויב, וואָס איז געהאַנגען די גאַנצע נאַכט אונטערן הימל, פאַלט-צו צו די ווענט. אויבן איבער די דעכער ווערט די לופט דורכזיכטיק. מען קאָן שוין זען אַלע שטערן, קלאָרע, קאַלטע און פינקלדיקע. עס פאַלט-צו דער שטויב צו די דעכער, צו די ווענט, צו די פאַרלאָזענע פושקאַרטס, צו די גליווערנדיקע שטיינער.

די קעץ פון קלינטאָן סטריט זיינען שוין מיד געוואָרן אַרומצוררייסן זיך. איינגעטונקענע אין אַש און אין שמוץ פון די מיסט-קעסטלעך, שלאָפן זיי אין די קעלערס, אין די ווינקלען פון די האָלס.

אַ בלאָק שלאָפט. עס אָטעמט די מענטשהייט פון דעם בלאָק דורך די האַלב-אָפענע פענצטער. מען זיפצט, מען שנאָרכעט און מען כראָפּעט. ווי פילשטאָקיקע שטייגן, קוקן אוים די טענעמענט-הייזער אין דער מוטנער ליכטיקייט פון די גאַסן-לאָמפּן.

אַ גאַס שלאָפט זיך אַזוי-אָ אין אַ סוף-זומער נאַכט. און אין קעלער פון איטשע מאיר עפראָס דעם בוכבינדער האָט אָנגעפאַנגען טאַנצן אַ רויט פלעמל.

א מייזל האָט אָנגעצונדן אָט דאָס פלעמל. אַ קעסטל מיט שוועבעלעך איז געלעגן אויף אַ פּאָליצע. זיך געלעגן ווי שטענדיק, אויף דעם זעלביקן אָרט. אָבער דאָס מאָל האָט איטשע מאיר פאַרגעסן צו פאַרמאַכן דאָס קעסטל מיט שוועבעלעך. דעם מייזל איז נמאס געוואָרן צו גריזשען דעם פאַרדאַרטן פּאַפּ, האָט עס זיך אַוועקגעלאָזט זוכן עפּעס אַ נאַש. האָט עס געזוכט, דאָס מייזל, צווישן די ספרים און צווישן די כלים און זיך פאַרקליבן אויף דער פּאָליצע. די געלע קעפּלעך פון די שוועבעלעך האָבן אויסגעקוקט דעם דאָזיקן באַשעפעניש, ווי עפּעס אַ זאַך וואָס מען קאָן דאָס אַ פּאַרזוך טאָן. אפשר איז דאָס גוט צום עסן?

ס'האָט אַ ביס געטאָן מיט די ציינדלעך — זויערלעך און ביטערלעך, אָבער נאָך אַלץ בעסער ווי דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער פּאַפּ. האָט דאָס זיך גענומען גריזשען דאָס קעפּל פון שוועבעלע. גריזשעט דאָס מייזעלע דעם פּאָספּאָר און ריכט זיך גאָרניט אויף אַזאַ אויסערגעוויינלעכער דערשיינונג. עס הויבט אָן צו זידן און מיטאַמאָל — אַ צונד, אָן אויפריים מיט אַ פייער. ס'גאַנצע קעסטל מיט שוועבעלעך האָט זיך אָנגעכאַפּט און זיך צעברענט אין דער גערדיכטער פינצטערניש. אויפגעגאַנגען מיט פלאַמען צו דער וואַנט, געסמאַליעט דאָס שפּינוועב אונטער דער סטעליע, געהוזשעט און געצישעט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ בלויען רויך.

איטשע-מאיר איז זיך געשלאָפן מיט אַן ערלעכן שלאָף, אָפּגערוט די מידע ביינער. אינמיטן טיפן שלאָף עפענען זיך די אויגן פון זיך אַליין. זיינע אויגן, וואָס זיינען געווען געוואוינט צו אַ שטאָק פינצטערניש, האָבן פלוצלונג דערפילט אַז עפּעס איז ניט גלאַט. האָבן די אויגן דערזען די רויטקייט פון פייער. דערווייל האָבן די אויגן נאָך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען, ווייל די געדאַנקען זיינען נאָך געווען פאַרשלאָפן. באַלד אָבער זיינען די געדאַנקען וואַך געוואָרן און אַ גרויסער פחד איז באַפאַלן איטשע-מאירן.

ווען איטשע-מאיר איז אַראָפּ פון בעט האָבן שוין די ווענט געקנאַקט פריילעך און לוסטיק. די סטעליע האָט זיך געהאַלטן אין אָנכאַפּן. דער אויבערשטער טייל פון טיר האָט געסמאַליעט מיט פייערדיקע צונגען. דער רויך האָט איטשע-מאירן באַלד בלינד געמאַכט די אויגן, פאַרשטיקט דעם האַלדז, און אויפן וועג צו דער ברענענדיקער טיר איז ער געפאַלן.

קעץ לויפן פון האַל, מייז יאָגן זיך פון די ווינקעלעך. אויף דער

לײדיקער גאַס טראָגן זײ זיך אַרױס, די קעץ מיט די מײז, און צעלױפֿן זיך אין די נאָענטע הײזער. אַ פֿײער רײַסט זיך אַרױס פֿון קעלער צו די הילצערנע טרעפּ אױפֿן ערשטן שטאָק. די הילצערנע טרעפּ זײנען אַ מחיהדיקער שטאָף פֿאַרן פֿײער. זײ כאַפּן זיך אָן װי די שװעבעלעך און זײ צעפֿלאַקערן זיך מיט גרױס אימפּעט.

דאָס פֿײער שפּאַנט זיך פֿון דעם ערשטן שטאָק צום צװײטן, פֿון צװײטן צום דריטן, און אַזױ אַלץ העכער און העכער. טײכעלעך פֿײער טײלן זיך אָפּ פֿון דעם הױפּט-טײך, װאָס טראָגט זיך אַרױפֿצו־צו צו די אױבערשטע שטאָקן. די קלײנע טײכעלעך שטראָמען אַװעק צו די טירן פֿון װאױנונגען, צו די טירן פֿון די װאַש־צימערן, װאָס שטײען אין די האָלס. אומעטום איז דאָס האָלץ אױסגעטריקנט און עס צעפֿלאַקערט זיך בײם ערשטן אַרומנעם פֿון פֿלאַם. די גאַז־רערן אונטער דער סטעליע װערן אָנגעגליט, הױבן אָן ברענען, װערן צעגאָסן און עס גיבן זיך אַ יאָג אַרױס די גאַזן און רײַסן אױף מיט דונערן.

— פֿײ־ע־ער! פֿײ־ע־ער!

בײ די שלאָפֿנדיקע אין דעם טענעמענט-הױז װערט פֿאַראַליזירט דער מאַרך. אײדער נאָך די אױגן רײסן זיך אױף פֿון שלאָף, האָט שױן דער געדאַנק געהערט אַ געשרײ:

— פֿײער! פֿײער!

דער װעג צו די טרעפּ איז אָפּגעהאַקט. דער פֿײער־לײטער איז בלױז אַ חלום: שױן לאַנג צעקראָכן געװאָרן פֿון זשאַװער. די שכנותדיקע װאַנט איז אַ בלינדע. אַראָפּצו־צו אין דער נידער — אַ פֿינצטערער אָפּגרונט.

— גע־װו־אַ־ל־ד! ס׳בר־ע־ענ־נ־ט! — שפּאַלטן דעם הימל שנײדנדיקע קװיטשן. אַ בלוטיקער אָפּשײן אױף אַלע װענט, אױף אַלע דעכער. מענטשן אין װײסן מיט אונטערגעהאַקטע פֿיס לױפֿן פֿון אַלע טירן.

אַ גאַנץ הױז פֿלאַקערט מיט כװאַליענדיקע פֿלאַמען פֿון אונטן ביז אַרױף. אַ ברענענדיקע פֿיל־שטאָקיקע שטײג. דורך די פֿענצטער חלשן אױסגעשטרעקטע הענט.

— מײנע קי־י־נ־ד־ער! — יאָגט זיך אַרױס אַ שװידער פֿון אַ פֿענצטער פֿון פֿינפֿטן שטאָק. — מײנע קי־נ־ד־ער!

— מ־ע־ע־נ־טשן! — רעװעט אַ מאַן אַרומגעכאַפּט אין פֿלאַמען.

אַ פֿרױ מיט גליענדיקע האָר האָט זיך אַרױסגעיאָגט און אַװעק־געחלשט אױף די שטײנער, תיכף װאַך געװאָרן און אױפֿגעריסן די

איסט סייד   יאָסל קאָטלער

לופט מיט אַ דורכגעלעכערט געשריי, פּונקט ווי דער האָלדז וואָלט איר געווען איבערגעשניטן.

— פּאַ־אַ־לי־קל! — פֿאַרפּייסט זי דעם קאָפּ.

זי רופֿט איר פּאַליקלען פֿון דריטן שטאָק. דאָרט אינעווייניק האָט זי איבערגעלאָזט איר פּאַליקלען, אַ קינד פֿון אַ יאָר אַכט.

— ווי־ו־ו! — קוויטשעט ווי אַ בייזער פֿויגל די פֿייער־מאַשין — ווי־ו־ו!

די העלדן פֿון פֿייער מיט די ברייטע היטלען און צווייענדיקע דאַשיקעס גיבן אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון די פֿייער־מאַשינען. אין איין אויגנבליק ציט זיך שוין די לאַנגע וואַסער־קישקע, לייטערס ווערן אויפֿגעשטעלט, און מען טראָגט פֿון די פֿענצטער פֿאַרחלשטע, פֿאַר־שטיקטע קינדער און דערוואַקסענע. עס הודזשעט דאָס וואַסער מיט גרויסע שטראָמען, אָבער פֿאַרן פֿייער איז דאָס אַ שפּילעכל. דאָס פֿייער פּרעסט אויף דאָס וואַסער.

— מיין פּאַ! — רעוועט מייק. — מיין פּאַ!

ער זוכט זיין טאַטן צווישן די פֿאַרחלשטע, צווישן די אָרוים־געראַטעוועטע. ניטאָ זיין פּאַ.

— מיין פּאַ! — רעוועט אויף אַ קול מייק עפּראַס, איטשע־מאיר דעם בוכבינדערס זון.

מייק שפּרינגט אַריין אין די פֿלאַמען, איידער די פֿייער־לעשער האָבן צייט אים צו פֿאַרכאַפּן. זיין טאַטע ליגט צעלייגט אויף דער ערד מיט דער באָרד צו דער פּאָדלאָגע. דאָס פֿייער האָט נאָך ניט גערירט איטשע־מאיר עפּראַסן. דאָס פֿייער איז, ווייזט אויס, ניט געווען פֿאַר־אינטערעסירט מיטן קעלער. בלויז איין וואַנט האָט דאָרטן געברענט, אַפֿילו די ספֿרים זיינען ניט אָנגערירט געוואָרן. דאָס גאַנצע הויז איז געווען אין פֿלאַמען, און דער קעלער, פֿון וואַנען דאָס פֿייער האָט זיך אָנגעהויבן, איז נאָך געווען כמעט גאַנץ.

מייק גיט אַ כאַפּ דעם פאַרחלשטן קערפּער פון זיין טאַטן אויף די פּלייצעס און לאָזט זיך מיט אים דורך די פלאַמען. מען האָט אַריינגעכאַפּט איטשע-מאירן אין אַן אַמבולאַנס, און איידער מייק האָט נאָך געהאַט צייט זיך אויך אַריינכאַפּן אינעווייניק, איז דער אַמבולאַנס געפלויגן און האָט געוואָיעט איבער אַלע גאַסן. יאָגט זיך מייק נאָך מיט פלייענדיקע פּיס און רעוועט אויף אַ קול:

— פּאַ, פּאַ, פּאַ!

דורכזיכטיק — transparent	געשמאַקער, גוטער
גליוועראַנדיקע — פאַרשטאַרט	זשאַווער — ראָסט, rust
נמאס (נימעס) געוואָרן — צוגע־געסן, מיאוס געוואָרן	כוואַליענדיקע — ווי כוואַליעס (in waves)
פּאַפּ — paste	תיכף (טייקעף) — גלייך, immediately
כלים (קיילים) — utensils	דאַשיקעס — visors
דערשיינונג — appearance	פאַרחלשטע (פאַרכאַלעשטע) — פאַרוואונדעטע
פּחד (פּאַכעד) — מורא, שרעק	
מחיהדיקער (מעכייעדיקער) —	

פערשקע־ביימלעך

• משה נאַדיר

אין שטאָטישן גאָרטן שטייען צוויי פערשקע ביימלעך. פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער צווישן ציגל־קאַסטנס, מענטשן־געשרייען, רויך, שטויב.

— וואו זיינען מיר אין דער וועלט? — פרעגט איין פערשקע ביימל ביי דעם אַנדערן. — וואו זיינען די איבעריקע ביימער? וואו איז די גרויסע בלויקייט איבער אונדז? וואָס קומען די פויגלען נישט זינגען?

אַ פעדלער פון אַלטע קליידער שטעלט זיך דאָ אָפּ, קוקט אויף דעם יינגערן פערשקע־ביימל, גיט אַ זיפץ, צעהענגט דערוויל אויף די צווייגלעך אַלטע הויזן און צעזינגט זיך: „אָלד קלאָוז! אָל' קלאָוז!"

ביידע ביימלעך גיבן זיך אַ צאַפּל, דערשרעקן זיך, און דאָס יינגערע ביימל רופט זיך אָן צום עלטערן:

— איך וואָלט געשוואוירן, אַז איך בין אַ הויזנביימל. גיב נאָר אַ קוק!

דאָס עלטערע ביימל גיט אַ קוק. דער ייד האָט דערוויל צוריק אַראָפּגענומען די הויזן.

— וואָס רעדסטו נאַרישקייטן? הויזנביימלעך גאָר! וואו האָסטו געזען הויזנביימלעך?

— דער סוף איז גוט! — מאַכט דאָס יינגערע ביימעלע. — האָסט נישט געזען, ווי עס האָבן אויף מיר געוואַקסן הויזן? איך האָב אַפילו געזען דעם ייד, וואָס האָט זיי אָפּגעריסן.

— ווייס איך וואָס!

— ווייס איך וואָס, זאָגסטו? דאָ־הי איז אַלצדינג געמאָלט. דאָ־הי קאָן מען מיט אונדז טאָן וואָס מע וויל. דאָ־הי זיינען מיר אַזוי עלנט (ביידע ביימלעך צעוויינען זיך), מיר ווייסן אַפילו נישט צי עס איז ווינטער, צי זומער. אַז קיין שניי איז ניטאָ. און די שוואַלב, וואָס זאָל אָנזאָגן, ווען דער פרילינג קומט, זעט מען אויך נישט.

— שוין אפשר צייט זיך אַ נעם טאָן צום בליען? — איז איינגעפאַלן דעם יינגערן ביימל.

— וואו בליען?... אַז סע קאָן זיין, אַז ס׳איז נאָך אינמיטן ווינטער, און אַז מירן אַרויסקומען מיט די פערשקעס אויף קריסמעס, וועלן מיר האָבן אַ שיין פּנים.

ווי די ביימלעך רעדן אַזוי, איז אונטערגעקומען אַ ווינטל און געבראַכט צו שלעפּן אַ צייטונג מיט אַ גרויסן „עד״ פון מצות:

„קויפט מעניִדעוויטשעס מצות. די בעסטע מצות אין דער וועלט. יעדע יידישע היים מוז זיך פאַרזאָרגן מיט מעניִדעוויטשעס מצות.״

— אויב סע רעדט זיך שוין וועגן מצות — האָט געזאָגט דאָס עלטערע ביימל, וואָס האָט געקאָנט לייענען יידיש, — מוז שוין זיין אַרום פרילינג. און אויב אַזוי, דאַרף מען זיך אַ נעם טאָן בליען און מאַכן פערשקעס.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער פּעדלער פון אַלטע הויזן פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער דערזען ווי די פערשקע־ביימער זיינען באַדעקט מיט בלימלעך. און עפּעס אַ גרויסער נחת איז זיך אים צעגאַנגען צווישן די רויטלעכע אויגן.

— זאָל עס טאַקע זיין צוויט? — האָט געטראַכט דער הויזן־פּעדלער. — עס איז דאָך ערשט קריסמעס. נאָר כ׳ווייס — האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס — ס׳איז דאָך אַמעריקע!

און אַז די ביימלעך האָבן די אייגענע נאַכט דערזען אין אַ פענצטער אַ קריסמעס־בוים און אין אַן אַנדערן אַ חנוכה־לעמפּל מיט אַ ברענענדיק ליכטל, האָבן זיי אויך שטילערהייט געשמייכלט און געטראַכט:

— וואָס אַמעריקע איז! מ'באַקט שוין מצות און יידן האָבן זיך קוים דערמאָנט צינדן חנוכה-ליכט.

אַז אין אַמעריקע באַקט מען מצות אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, איז די פּערשקע-ביימלעך ניט איינגעפאַלן.

פּערשקע — peach
„אָלד קלאָוז" — old clothes
גיבן אַ צאַפּל — ציטערן, שרעקן זיך

דער סוף איז גוט — I like that
האָבן אַ שיין פּנים — איראָניש: אויסזען מאָדנע
צוויט — בליאונג — blossom

כ'האָב ליב

• מ. א. סול

כ'האָב ליב דעם בוים געוואָרצלט טיף
אין שטורעמדיקסטן וועטער;
נאָר ליבער נאָך האָב איך דעם ווינט,
וואָס לויפט אום זאָרגלאָז ווי אַ קינד
און צופּט פון בוים די בלעטער.

כ'האָב ליב דעם טייך, וואָס רואיק פליסט
און שמייכלט מילד אַנטקעגן;
נאָר ליבער נאָך האָב איך דעם ים,
וואָס פּאַטשט עקשנותדיק דעם צאַם
פון אַלע זיינע ברעגן.

כ'האָב ליב די רו פון ווינטער-טעג,
פון דעכער שניי-באַדעקטע;
נאָר ליבער נאָך האָב איך די מי,
וואָס קומט מיט פרילינגדיקן בלי
אויף פעלדער אויפגעוועקטע.

געוואָרצלט — מיטן וואָרצל, rooted

עקשנותדיק (אַקשאָנעסדיק) — איינגעשפּאַרט
צאַם — curb

אַ קליינער פּאַרק מיט ווייניק ביימער

• ז. לאַנדוי

אַ קליינער פּאַרק מיט ווייניק ביימער,
און ביי דער זייט אַ הילצערן הויז;
אַ ראָב אויף אים איז אויסגעמאָלן, —
ווי קינדיש זעט דאָס אַלעס אויס.

און צוגעקלאַפּט איז דאָרט אַ בלעכל,
און אויפן בלעכל שטייט, אַז דאָ —
אין אַכצן הונדערט ניין און פערציק —
געלעבט האָט עדגאַר אַלען פּאָו.

די ראָב, דער נאָמען עפּעס וועקן
פאַרגעסענעס פון לאַנג אין מיר,
און ווייל מען קאָן דאָס הויז באַזוכן,
אַזוי לאָז איך זיך גיין צום טיר.

פון פּאָוס אַ ליד אַ וואָרט, אַ שורה
זיך פּלאָנטערן אין מיין געדאַנק.
וואו האָב איך זיי געהערט, געזען?
מיר דאַכט זיך, ס'איז שוין דורות לאַנג.

און דאָך געטרייסט האָט און געשראָקן
אין חלום מיך און אויפן וואָר
דאָס אַלץ ערשט נעכטן; ווערט זיך ווען נאָך
דאָס ווידערקערן? — „נעווערמאָר“.

דורות (דוירעס) — generations | אויפן וואָר — in reality

דער שטורעם

• מאָני לייב

אין זיין שוואַרצן וואָגן
מיט די גרויע פערד,
פאָרט פאַרביי דער שטורעם
איבער אונדזער ערד.

פייערדיקע לייצעס
האַלט ער אָנגעשפּאַנט,
און אַ בייטש פון פייער
האַלט ער אין זיין האַנט.

וויאָ! די שוואַרצע רעדער
רעדערן פאַרביי, —
אַז נאָר ווינטן לויפן
מיט אַ פייפעריי.

און פון ווייטן הירזשען
זיינע גרויע פערד,
אַז פון זייער הירזשען
ציטערט אָפּ די ערד.

טפּרו! אויף בלויע ימען
בלייבט דער שטורעם שטיין,
גיט די פערד צו טרינקען
און ער טרינקט אַליין.

טרינקט זיך אָן דער שטורעם,
ווישט די ליפּן אָפּ,
און ער גיט אַ טרייסל
מיט זיין גרויסן קאָפּ.

נאָר די פערד, די ווילדע,
טרינקען נאָכאַנאַנד:
פילן ניט די לייצעס
אין דעם שטורעמס האַנט.

וויאָ! די בייטש פון פייער
פלאַקערט ווי אַ בליץ:
און די פערד די גרויע
מיט די עקן-שפּיץ.

טרייסלען מיט די גריוועס,
דיבאָם זיך געשטעלט,
און — אַ שטורעם-רעגן
פלייצט אויף גאָר דער וועלט.

לייצעס — reins
הירזשען — to neigh

גריוועס — manes
פלייצט — גיסט

אַנקל מאַזעס

• שלום אַש

א. דער נייער „פּרעה"

אויף די אויבערשטע שטאָקן איז געזעסן דאָס גאַנצע שטעטל קוזמין און האָט טריי געדינט דעם אָנקל „מאָזעס". קוזמין איז געזעסן ביי דער אַרבעט און האָט גענייט רעק, הויזן, וועסטן פאַר מענטשן, וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט וואו זייער געביין געפינט זיך. און ווער איז אויף דער בויערי ניט געזעסן! די למדנים פון שטעטל, די יחסנים צוזאַמען מיט באַלמעלאָכעס און גלאַט גראָבע יונגען פון דער היים — אַלע זיינען זיי געזעסן און גענייט. אָנקל מאָזעס האָט אויסגעגלייכט גאַנץ קוזמין. אַלע דינען זיי צו איין אָפּגאָט, אַלע טוען זיי איין זאַך — נייען הויזן. און די וואָס זיינען דאָרט אַריינגעפאַלן — זיינען געבליבן אויפן לעבן-לאַנג. זיי האָבן מער ניט געוואוסט, ווי נאָר איין וועג: אין דער פרי צו דער בויערי און אין אָוונט פון דער בויערי אַהיים.

אין שאַפּ דרייט זיך אום דער אַלטער מעלניק, אָנקל מאָזעס פאָטער, וועלכן דער זון האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע. ער דרייט זיך אום מיטן גאָלדענעם שטעקן, וואָס דער זון האָט אים געשאָנקען

אַ מתנה, און דאָס שטייפע קאַפּעליושל, צו וועלכן ער איז ניט גע־וואוינט, פּייניקט אים. פאַררוקט ער עס אָן אַ זייט. ער לאַנגווייליקט זיך דאָ אין אַמעריקע און בענקט. פאַר לאַנגווייליקייט האָט ער אָנ־געהויבן צו טרינקען. קיין באַקאַנטע האָט ער ניט געהאַט. אַלע זיינע לאַנדסלייט האָבן געאַרבעט ביי זיין זון אין שאַפּ. האָט ער ליב געהאַט אַרויפצוקומען אין שאַפּ און פאַרברענגען מיט זיי און שמועסן וועגן קוזמין, פון רב און חזן. אָפטמאָל האָט זיך קוזמין אַזוי אַריינגעלאָזט אין די שמועסן פון דער היים, זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען אין אַלטן קוזמין און אויסגראָבן מעשות פון פאַרצייטנס.

נאָר באַלד איז אַלץ פאַרשטומט געוואָרן. קוזמין איז פאַרציטערט געוואָרן, פאַרשטיינערט, פאַרגליווערט. קוזמין איז געוואָרן איין מאַ־שין, וואָס האָט געהאַלטן אַ נאָדל אין האַנט און האָט גענייט. אין געווערקשטעל האָט זיך באַוויזן אָנקל מאָזעס מיט דער גרויסער שער אין האַנט. ער האָט געשוויגן, נאָר אויפגעעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. קוזמין האָט געצויגן די קעפּ צו די הויזן און גענייט. אָנקל מאָזעס איז צוגעגאַנגען צום פאָטער און האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם:

— טאַטע, קום אַראָפּ.

— איך וויל ניט. וואָס וועסטו מיר טאָן, וואָס? איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר — האָט דער אַלטער מעלניק געשריען און גע־קלאַפּט מיטן שטעקן מיט קוראַזש, וואָס ער האָט שטענדיק געקראָגן נאָך אַ שנעפּסל.

— טאַטע, דו שטערסט זיי צו אַרבעטן. זיי באַדאַרפן זיין אַליין, קום אַראָפּ מיט מיר.

— איך וויל ניט גיין. איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר. וואָס פאַר אַ „פּרעה" ביסטו געוואָרן? ווער ביסטו, ווער? האָסטו אַ פאָטער, אַ שיכור, וואָס איז מיט דיר דער יחוס? — האָט דער פאָטער געזידלט דעם זון.

קוזמין האָט ניט געוואַגט צו הערן. אָנקל מאָזעס איז אַרום־געגאַנגען אַרום די ניי־מאַשינען און באַטראַכט די אַרבעט. ער איז זייער ערנסט געווען, און זיין ערנסטקייט האָט אַ שרעק אָנגעוואָרפן אויף די לאַנדסלייט, און עס האָט זיך זיי אַפילו ניט פאַרגלוסט צו פרייען זיך פון דעם אַלטנס זידלערייען.

— איך וויל ניט גיין! — האָט דער אַלטער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צו שרייען. — וואָס פאַר אַ „פּרעה" ביסטו געוואָרן אין אַמעריקע?

איך האָב ניט קיין מורא פאַר דיר. נאָ, זע דעם „פּרעה מלך מצרים"... ווער ביסטו, ווער?

פּרעה (פּאַרע) — Pharaoh
למדנים (לאַמדאָנים) — געלערנטע
יחסנים (יאַכסאָנים) — of noble ancestry
בעל־מלאכות (באַלמעלאָכעס) — אַרבעטער

פאַרגליווערט — petrified
יחוס (ייכעס) — noble ancestry
מלך מצרים (מעלעך מיצראַים) — קעניג פון עגיפּטן

ב. דער יוניע־מאַן

אַנקל מאָזעס שאַפּ איז געווען אוממעגלעך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן־שאַפּ. וויפיל די ידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַטאָרס האָבן ניט געפּרואווט צו יוניאָניזירן די לאַנדסלייט פון אַנקל מאָזעס שאַפּ, האָבן זיי זיך שטענדיק אָנגעשלאָגן ווי אין אַן אייזערנער וואַנט. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס די באַציאונג צווישן אַנקל מאָזעס און זיינע אַרבעטער איז געווען אַ משפּחה־באַציאונג. די קוזמינער לאַנדסלייט זיינען שטאָלץ געווען מיט אַנקל מאָזעס פאַרמעגנס. אַז זיי זיינען דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ הויז, וואָס האָט געהערט צו אַנקל מאָזעס, האָבן זיי זיך דערמיט געגרויסט, ווי עס וואָלט געווען זייער הויז. אַנקל מאָזעס האָט זיך אַריינגעמישט אין זייערע פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. זיי האָבן זיך געלאָדן פאַר אים, און אַנקל מאָזעס האָט אַרויסגעגעבן געריכט־שפּרוכן איבער זיי, ווי אַ פּאַרצייטיקער פּאַטריאַרך איבער זיין משפּחה. זיי זיינען געווען געטריי אַנקל מאָזעסן. און טאָמער האָט ווער געפּרואווט זיין אומצופרידן און דערמאָנען עפּעס אַ וואָרט וועגן אַ יוניאָן, האָבן עס די לאַנדסלייט באַלד איבערגעגעבן אַנקל מאָזעס. דער אַנקל מאָזעס איז אַרויפגעקומען אין שאַפּ אַריין, אויסגעזוכט דעם „רעוואָלוציאָנער", אָפּגעשטעלט זיך לעבן אים און צום ערשטן לאַנג און גענוי אים באַטראַכט, אַזוי, אַז עס איז פון יענעם דאָס חיות אַרוים.

— סעם, ווי האָט מען אים גערופן אין דער היים?

— משה גרויס — ענטפערט סעם קורץ אָפּ.

— אַזוי, דאָס ביסטו משה גרויס. דאָס ווילסטו האָבן אַ יוניע ביי מיר. ניט ביי מיר, גוטער ברודער! ביי מיר אַרבעט מען ניט שבת, ניט יום־טוב. ביי מיר איז ניט קיין שאַפּ, וואָס מע זאָל אַריינלאָזן יוניע־לייט. ביי מיר זיינען לאַנדסלייט, משפּחה. וואָלטן ביי מיר

געוועזן אַרבעטער אין אַ שאַפּ, וואָלט מען ביי מיר געאַרבעט אי שבת, אי יום־טוב און אַפילו ראש־השנה און יום־כיפור, ווי אין יעדן שאַפּ. איך לייג געלט צו דערצו. איך האַלט נאָר דאָס אויף צוליב אייך, אַז מיינע לאַנדסלייט זאָלן קאָנען מאַכן אַ לעבן. וואָס וואָלט איר געטאָן אָן מיר? ווער וואָלט אייך געבראַכט אין אַמעריקע? צו ווּעמען זייט איר געקומען נאָך אַ שיפסקאַרטע, נאָך געלט, אַז איר האָט באַדאַרפט אייערע משפחות אַהערברענגען? צו וועמען קומט איר, אַז ס׳ווערט ווער פון אייך, חלילה, קראַנק? — האָט אָנקל מאָזעס זיך צעשריען אויפן קול, אַז די לאַנדסלייט האָבן געציטערט. — צו וועמען קומט איר? — אַלץ צום אָנקל מאָזעס, הע? איז עס אַזוי? און דער וויל ביי מיר איינפירן אַ יוניע. ניט ביי מיר, ברודער! קיינער וועט מיך ניט נויטן, אַז מע זאָל ביי מיר אַרבעטן אין שבת, אין יום־טוב. איך אַרבעט אַזוי שווער ווי איר, איר זעט עס אַליין. און פאַר וועמען? אַלץ נאָר פאַר אייך. איך וועל צושליסן מיין שאַפּ און זוכט אייך ערגעץ אַנדערש־וואו אַרבעט. אַז איר וועט באַדאַרפן אַ פּאָר דאָלער, וועל איך אייך סיי־ווי־סיי געבן. נאָר מער האָבן צו טאָן מיט אייך וויל איך ניט.

— וואָס רעדט דער אָנקל? וואָס הערט דער אָנקל זיך איין, וואָס אַ ליאַדע יונג זאָגט דאָרט? — הויבן זיך אָן די לאַנדסלייט בעטן ביים אָנקל מאָזעס.

— צוליב אים זאָלן מיר אַלעליידן? — צעקאָכט זיך אהרן־משה, דעם אָנקלס אַ משפחה. — לאָזט מיך נאָר צו צו אים, וועל איך אים דערלאַנגען אַ יוניע! — שרייט דער ייִד מיט דער האַנט אויס־געשטרעקט.

— ש־ש־טיי! ביי מיר שלאָגט מען ניט — האַלט אים דער אָנקל מאָזעס איין... — נאָר וועמען עס געפעלט ניט ביי מיר, דער קאָן זיך שאַפן ערגעץ אַנדערש־וואו בעסער. סעם, זע וואָס קומט אים און באַצאָל ביז אַ גראָשן. און נאַ, דאָ האָסטו דיר נאָך אַ פאָר דאָלער מיט אויפן וועג.

אָנקל מאָזעס גוטסקייט האָט אַלעמען גערירט.

— בעט איבער דעם אָנקל! די מינוט בעט איבער דעם אָנקל מאָזעס! — האָבן די קוזמינער לאַנדסלייט געשריען.

— קושן אין האַנט לאָז ער! קוש דעם אָנקל מאָזעס אין דער האַנט! — האָט אהרן־משה דער פרעסער געשריען אויפן „רעוואָ־לוציאָנער“.

דער סוף איז געווען, אַז אַנקל מאָזעס האָט זיך ניט געלאָזט קושן אין האַנט. דעם לאַנדסמאַן האָט ער ניט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. דאָן, פאַר זיין נאַרישקייט, האָט מען אים אַ צונאָמען געגעבן דער „יוניע-מאַן״.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מע האָט ביים אַנקל מאָזעס ניט גע־אַרבעט אין שבת. פאַרקערט, שבת איז אין געוועלב ביי אַנקל מאָזעס געווען דער מערסט-פאַרנומענער טאָג. די פרומע לאַנדסלייט האָבן דעם טאָג טאַקע פאַרבראַכט אין די קלויזן, אין דער היים מיט זייער משפחה. די ניט-פרומע, דעם יונגן עלעמענט, האָט אַנקל מאָזעס איינגעלאַדן שבת, אַז זיי זאָלן קומען אין געוועלב אַריין העלפן פאַרקויפן אָדער „צופיקסן״, ווען מע דאַרף עפּעס צופּאַסן אַ „קאָסטימער״. שבת איז געווען דער טאָג, ווען מע האָט אַממערסטן געלייזט. און די לאַנדסלייט, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געקראָגן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, האָבן די קליינקייטן ניט געהאַלטן פאַר קיין אַרבעט, נאָר פאַר אַ געטריישאַפט צום אַנקל.

סיבה (סיבע) — אורזאַך, reason

משפחה (מישפּאָכע)־באַציאונג — family relationship

געלאַדן — sued

געריכט־שפּרוכן — אורטיילן, sentences

חיות (כיעס) — דאָס לעבן

חלילה (כאָלילע) — God forbid

ליאַדע — any

ג. קוזמין סטרייקט

1.

עס איז געשען אַ וואונדערלעכע זאַך — די לאַנדסלייט פון קוזמין, אַנקל מאָזעס משפחה, זיינען אַרוים אין סטרייק. צוערשט האָט אַנקל מאָזעס גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס איז געשען. געזען, ווי די לאַנדסלייט הויבן זיך אויף אין מיטן טאָג און לייגן אַוועק די נאָדל און פאַרלאָזן דעם שאַפּ, האָט ער געמיינט, עס איז אַן אומגליק געשען.

— וואָס איז געשען? וואוהין גייט איר? —

די לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון שאַפּ, ווי זיי וואָלטן באַגאַנגען אַ גנבה, און געשעמט זיך צו קוקן דעם אַנקל אין די אויגן אַריין. איינציקווייז האָבן זיי זיך אַרויסגעשלייכט. האָט דער אַנקל אָפּגעשטעלט שלמה דאָרפגייער, אַ גוטן באַקאַנטן פון דער היים.

— שלמה, וואוהין גייסטו?

— איך ווייס ניט. מע האָט מיך געהייסן, גיי איך.

— וואָס בין איך, אַ פרעמדער? — האָט דער אַנקל געשריען. — ביי מיר סטרייקט מען? פאַר מיין גוטס, וואָס איך האָב אייך אַראָפּ־געבראַכט קיין אַמעריקע, האַלט איך אויס מיט ווייב און קינדער. די ביזנעס זיינען דאָך נאָר צוליב אייך — סטרייקט מען ביי מיר! גוט, גוט, איך וועל זיי שוין ווייזן סטרייקן.

די לאַנדסלייט האָבן גאָרניט געענטפערט. פאַרלאָזט דעם שאַפּ און צונויפגעקליבן זיך אין שול, פון וועלכער דער אַנקל איז געווען פּרעזידענט.

לאַנג האָט געדויערט, ביז עס איז געלונגען דער יוניאָן פון די שניידער צו אָרגאַניזירן אַנקל מאָזעס שאַפּ. די לאַנדסלייט האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי זיי וועלן קאָנען דעם אַנקל שלעכטס טאָן. — ער איז דאָך אונדזער פרנסה־געבער — האָבן זיי אויף אַלע טענות אָפּגעענטפערט. נאָר פון זינט אַן דער אַנקל האָט חתונה געהאַט, און סעם, דער פאָרמאַן, האָט זיי געלאָזט פילן זיין האַנט, איז ביסלעכווייז געוואַקסן די אומצופרידנקייט צווישן די לאַנדסלייט מיטן אַנקל, און אייניקע אָרגאַניזאַטאָרס פון דער יוניאָן איז ענדלעך געלונגען צו אָרגאַניזירן דעם אַנקלס שאַפּ אין געהיים. ביז דער סטרייק איז אויס־געבראָכן אומגעריכט פאַרן אַנקל און אַלע זיינע באַהעלפערס.

אין אָנפאַנג איז קוזמין געווען זייער ענטוזיאַסטיש צו קעמפן. אַז מען האָט געדאַרפט גיין פּיקעטן פאַרן אַנקלס שאַפּ, האָבן זיך אַלע געריסן. אויסגעקליבן אָבער האָט מען שלמה דאָרפגייער און יאָסל פאָרמאַן, יידן סעדער־האַלטערס און פישערס; יידן, וועלכע קאָנען געבן צוריק אַ קלאַפּ, ווען מע וועט דאַרפן. זיי האָבן גענומען ברויט און אָנגעזאָדענע קאַרטאָפליעס אין די קעשענעס און האָבן זיך אַוועק־געשטעלט אַזייגער זעקס אין דער פרי פאַרן אַנקלס שאַפּ, געשטאַנען און געהיט.

טיילמאָל איז דער אַנקל אַרויס צו זיי און פּרובירט מיט זיי רעדן:

— וואָס וועט זיין דער סוף פון שטיין?

— מיר ווייסן ניט. געהייסן שטיין, שטייען מיר — האָבן די יידן אָפּגעענטפערט.

— אָבער וואָס ווילט איר?

— מיר ווייסן גאָרניט. טשאַרלי, אַלץ טשאַרלי. מיר זיינען פּראָסטע סאָלדאַטן. געהייסן שטיין, שטייען מיר — האָבן די יידן אָפּגעענטפערט מיט אַ זעלנערישן טאָן, דערמאָנענדיק זיך אָן זייער שטיין אויף דער וואַך אין סאָלדאַטן.



בראנקס — א. מאַנעוויטש

— וואָס, טשאַרלי האָט אייך געבראַכט קיין אַמעריקע? טשאַרלי האָט אייך געגעבן אַרבעט? פּרנסה געגעבן? אַ גאַנץ יאָר גייט איר אויך צו טשאַרלין? אָלרייט!

— אַזוי געהייסן.

— וואָס שטייט דער אָנקל און טענהט זיך אוים מיט זיי? מיט וועמען איז דאָ צו רעדן? אָנקל, אַריין! — האָט סעם אים געצויגן ביים אַרבל מיט חוצפּה.

— לאָז מיך, איך וויל זיך מיט זיי דורכרעדן.

— אָנקל! — האָט סעם געשריען. — איך וויל, אַז דער אָנקל זאָל אַריין! מען דאַרף ניט רעדן מיט זיי. אוים משפּחה, אוים לאַנדסמאַן. איך לאָז מער ניט קיין משפּחה איבער דער שוועל אַרויף.

— אַלץ צו טשאַרלין. מיר וויסן גאָרניט — האָבן די לאַנדסלייט אָפּגעענטפערט.

און טשאַרלי איז געקומען יעדן אָוונט אין „חברה אנשי קוזמין" און גערעדט צו די לאַנדסלייט; טשאַרלי האָט געבראַכט אַנדערע

רעדנער; טשאַרלי איז אַרומגעלאָפן צו די צייטונגען; טשאַרלי האָט פון ערגעץ־וואו געלט געקראָגן; טשאַרלי איז געווען דער, וואָס איז געקומען אויסלייזן די לאַנדסלייט פון אַנקל מאָזעסן.

זיך אַרויסגעשלייכט — זיך אַרויס־געגליטשט; אַרויס, אַז מ׳זאָל ניט זען	סעדער־האַלטערס — דינגען סעדער (פּרוכטגערטנער) צו פּאַרקויפן די פּרוכטן
פּרנסה (פּאַרנאָסע)־געבער — provider	לאָז איבער דער שוועל אַרויף — לאָז אַריין אין הויז
טענות (טײַנעס) — רייד, אַרגומענטן	אויסלייזן — באַפרייען

2.

קוזמין האָט גערוט.

ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב — ס׳איז אינדערוואָכנס, און מע אַרבעט ניט. און צו דעם איז קוזמין ניט צוגעוואוינט. שוין אַכט־טעג ווי דער סטרייק האַלט אָן. דער ערשטער ענטוזיאַזם איז שוין פאַרשוואונדן, און קוזמין האָט שוין געפילט אַ בענקשאַפט נאָכן שאַפּ. נאָך האָבן זיי ניט געפילט קיין הונגער. אַ ביסל האָט יעדער געהאַט אַליין אָפּגעשפּאָרט און באַהאַלטן פאַרן סטרייק, און אַ ביסל האָט די יוניאָן מיט מי צונויפגעשטעלט. נאָר קוזמין האָט ניט געקאָנט אַרומ־גיין ליידיק. דאָס „באַלעמוטשען" האָט זיי ניט געלאָזט רוען. דער „תכלית" האָט געפּיקט און גענאָגט דאָס האַרץ, ווי אַ שלעכטער וואָרעם.

— וואָס וועט זיין דער תכלית פון דעם באַלעמוטשען? — האָט איינער אין דער שטיל געפרעגט דעם אַנדערן.

— און וואָס פאַר אַ תכלית האָסטו ביים אַנקל אין שאַפּ? פאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט — דאָס איז דער תכלית!

קוזמין האָט זיך אַרומגעדרייט פראַנק און פריי און האָט גאָרניט געטאָן. קוזמין האָט דערוויל באַקענט זיך מיט זייערע ווייבער און קינדער, אויף וואָס זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט, ווען זיי האָבן געאַרבעט; קוזמין האָט אָפּגעגעבן זיך מיט הויז־זאַכן, צורעכט גע־מאַכט זייערע אייגענע קליידער, אָבער קוזמין איז ניט צופרידן געווען.

— גוואַלד, טשאַרלי, וואָס ציט זיך עס אַזוי לאַנג? וואָס וועט זיין דער תכלית?

און טשאַרלים פּאָפּולאַריטעט ביי די קוזמינער לאַנדסלייט האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַלן. וואָס לענגער עס האָט זיך געצויגן דער סטרייק און מע האָט קיין רעזולטאַטן ניט געזען, האָבן די

קוזמינער לאַנדסלייט, ווי אַמאָל זייערע עלטערן אין דעם מדבר, אָנ־געהויבן צו „מורמלען" אויף טשאַרלין:

— וואָס וועט זיין דער סוף? אַלטע יידן לאָזן זיך פירן פון אַ יינגל. הע, שיין זעען מיר אויס.

„באַלעמוטשען" — ליידיק גיין; גאַרניט טאָן
תכלית (טאַכלעס) — צוועק, סוף, aim, end
מדבר (מידבער) — וויסטעניש, desert
„מורמלען" — באַקלאָגן זיך

.3

סעם איז דערווייל אויך ניט געשלאָפן. ער האָט צונויפגערופן די נאָענטסטע משפחה און בסוד אַוועקגעשיקט זיי צו די לאַנדסלייט אהיים. צוערשט איז מען געגאַנגען צו די באַקאַנטע, וואָס מע קען פון דער היים, וועלכע דער אָנקל האָט אַממערסטן טובות געטאָן, און געמאַכט מיט זיי אַ שמועס:

— וואָס זאָגט איך צו טשאַרלי, ער וועט פאַר אייך אַ שאַפּ עפּענען? וואָס לאָזט ער אייך הונגערן? אַז ער האָט אייך פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען, פאַרוואָס גיט ער אייך ניט אַ לעבן צו מאַכן? ער עסט, ער נעמט געהאַלט פון דער יוניאָן. פאַרוואָס סטרייקט ער ניט? ער סטרייקט ניט, אייך הייסט ער סטרייקן.

און די לעצטע ווערטער האָבן איבערצייגט. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, און סעמען איז געלונגען צו געווינען אַ טייל פון די לאַנדס־לייט צו דער אַרבעט. ניט דער הונגער, ניט די נויט האָט דאָ געזיגט, נאָר קוזמין איז ניט געוואוינט געווען אַרומצוגיין ליידיק און האָט געבענקט נאָך דעם שאַפּ.

צומאָרגנס אין דער פרי, אַז טשאַרלי איז אַריינגעקומען אין שול צו דער „חברה אנשי קוזמין", האָט ער דאָרט געטראָפן אויך די ווייבער פון די סטרייקנדיקע לאַנדסלייט. קוים האָבן זיי אים דערזען, זיינען זיי עם צו צו אים, און חנה־ראָזע, שלמה דאַרפגייערס ווייב, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויסטענהן פאַר אַלעמען:

— ווער האָט דיך געבעטן, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט זיך פאַר אונדז אָננעמען? וויפיל האָסטו גענומען דערפאַר?

— פאַר וואָס?

— אַז דו זאָלסט זיי, די אַלטע נאַראָנים, פון וועג אַראָפּפירן.

— ניין, דו פרעג בעסער, פאַרוואָס סטרייקט ער ניט? — האָט אַ צווייטע יידענע געשריען.

— ביי וואָס זאָל איך סטרייקן?

— ביי דער יוניע פאַרוואָס סטרייקסטו ניט? פאַרוואָס הייסטו אונדז סטרייקן?

— אָבער איך האָב דאָך ניט צו וואָס צו סטרייקן, איך אַרבעט דאָך ניט ביי קיינעם, ביי וועמען זאָל איך סטרייקן? — האָט טשאַרלי געלאַכט.

— דו הערסט, ער אַליין סטרייקט ניט, אונדז הייסט ער סטרייקן.

— וואָס רעדט איר מיט אים? ווער איז ער אינגאַנצן, וואָס ער וואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן דעם אָנקל? און מיר, אַלטע יידן, לאָזן זיך פאַרפירן פון אַזאַ שנעק, פון אַזאַ יינגל!

— קומט, יידן, קומט. די הענט דאַרפן מיר קושן דעם אָנקל, אַז ער זאָל אונדז צוריקנעמען. געהערט אַ מעשה?

און שוין האָבן זיך די קוזמינער לאַנדסלייט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער חברה.

טשאַרלי איז געשטאַנען אין מיטן אַ פרעמדער וועלט — און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס צו זאָגן זיי. ער האָט יאָ געפּרואווט עפּעס רעדן וועגן אויסהאַלטן, וועגן אַ בעסער לעבן, וועגן אַ גערעכטלעכער אָרדענונג, נאָר די יידן האָבן אים ניט געהערט, געלאַכט הינטער אים. און אַ יידענע האָט גערופן צו אים:

— דו באַזאָרג זיך צוערשט, אַז דו זאָלסט ניט גיין מיט אָפּגע-האַקטע אָפּצאַסן און מיט אַן אָפּגעריבענעם הינטן, דערנאָך וועסטו די וועלט פאַרזאָרגן. מיינע פאַרזאָרגער . . .

טשאַרלי איז געוועזן פאַרצווייפלט. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב פאַר דער אַרבעטער-באַוועגונג, אַלס קינד פון זיין פאָטער, וואָס איז געוועזן מיט זיין משפחה, מיט זיינע לאַנדסלייט פאַרשקלאַפט ביים אָנקל מאָזעס, צו אָרגאַניזירן אָנקל מאָזעס שאַפּ. און מיטאַמאָל האָט ער געזען זיין אַרבעט פון חדשים און יאָרן צונישט.

נאָר אין דעם האָט זיך אויפגעהויבן אהרן זשאָכלינער—טשאַרלים פאָטערס אַ חבר. די קוזמינער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אים געקענט פון דער היים, האָבן פאַר אים דרך-ארץ געהאַט. דעריבער האָבן זיך אַלע איינגעשטילט און אויסגעהערט, וואָס ר׳ אהרן האָט צו זאָגן.

— יידן! — האָט ער אָנגעהויבן. — ס׳איז דאָך פונקט ווי אין מצרים. קוים מיט צרות און גרוים מאַטערניש זיינען מיר אַוועק פון „פּרעהן" און פון זיין גובערנאַטאָר סעם, וואָס אַרבעט מיט אונדז אַזוי שווער, ווי די יידן אין מצרים, און קוים זיינען מיר שוין באַלד אויס-

געלייזט, נאָך אַ ביסל איבערצוטראָגן דעם צער פון הונגער, פאַר־בענקט איר זיך נאָך די טעפּ פלייש און זאָגט: „לאָמיר זיך צוריקקערן צום אָנקל." איך זאָג אייך...

אַ שעמעוודיקייט האָט אַרומגענומען די יידן. עס איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן די שרעק פאַר פרנסה; די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן מיטאַמאָל דערפילט אַ גאַנץ אַנדערן טעם אין קאַמף מיטן אָנקל מאָזעס, און שלמה דאָרפגייער האָט זיך געגעבן אַ רוף אָן פאַר אַלע:

— יידן, קומט מיט מיר! מיר וועלן אַרויסטרייבן די לאַנדסלייט פון שאַפּ. אַז ניט אַרבעטן, זאָל קיינער ניט אַרבעטן!

און די לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט באַלאַגערן דעם אָנקלס שאַפּ.

בסוד (בעסאָד) — אין געהיים, secretly

טובות (טויוועס) — favors

געהאַלט — salary

„חברה אנשי (כעווערע אַנשיי) קוז־מין" — דער נאָמען פון דער קוז־מינער שול

דרך ארץ (דערעך ערעץ) — רעספּעקט

צער (צאַר) — מאַטערניש

טעפּ פלייש — אין חומש ווערט דערציילט, אַז די יידן אין דער מדבר האָבן זיך געקלאָגט אויף משהן און געוואָלט צוריק קיין מצרים נאָך די טעפּ פלייש.

4.

סעם האָט זיך געריכט אויף די לאַנדסלייט און האָט געמאַכט אַלע פאָרבאַרייטונגען צו באַגעגענען זיי. און ווי שלמה דאָרפגייער מיט די לאַנדסלייט זיינען אָנגעקומען פאַר דעם שאַפּ פונעם אָנקל, האָט זיי באַגעגנט אַ פּרוי, וועלכע איז פון ערגעץ אַרויס און אַרומגענומען שלמהן.

שלמה איז דערשראָקן געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער פרוים אָרעמס און אַריין אין סטאָר אַראָפּצונעמען די אַר־בעטער, נאָר די פרוי האָט אים פעסט געהאַלטן ביים אָרבל און געשריען:

— פאַלים! ער האָט מיך באַליידיקט!

מיטאַמאָל זיינען אַרויס פאַלים מיט קלאָבס אין די הענט, ציוויל־געקליידטע דעטעקטיווס מיט פאַרדעכטיקע פרויען, וועלכע האָבן געריסן די אַלטע יידן ביי די בערד און פאות.

— וואָס איז געשען? — האָט דער „קאָפּ" געפרעגט.

— ער האָט מיך באַליידיקט — האָט די פֿאַרדעכטיקע פֿרוי געשריגן.

און דאָס איז געווען אַ סיגנאַל. באַלד זײַנען שוין געפֿלויגן שטעקנס איבער די קעפּ פֿון די לאַנדסלײַט. אַ טייל זײַנען אָפּגעקומען מיט צעקלאַפּטע קעפּ, מיט ביילן אויפֿן פּנים; אַנדערע, מיט שלמהן אין דער שפּיץ, זײַנען געוואָרן אָפּגעפּירט צעבלוטיקטע אין פּאָליס-סטיישאָן. די פּאָליס האָבן זיי באַגלייט מיט זידלערייען און קלעפּ. אין אַ פֿערטל שעה אַרום איז שוין קיין זכר ניט געבליבן פֿון די לאַנדס-לײַט, און פּאַר אָנקל מאָזעס שאָפּ איז געווען שטיל און רואיק.

אין די ווײַבער פֿון די קוזמינער לאַנדסלײַט האָט זיך געפֿילט אַן ענדערונג נאָכדעם, וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען פֿאַרן אָנקלס שאָפּ. געזען זייערע מענער צוריק אַהיים קומענדיק, ווער מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ, ווער מיט אַן אויסגעפֿליקטער באָרד, האָט זיך אין זיי דערוועקט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער גייסט, אַז זיי זײַנען גרייט געווען די מינוט צו לויפֿן און באַפֿאַלן אָנקל מאָזעס שאָפּ. זיי האָבן שוין ניט געשיקט צוריק זייערע מענער צו דער אַרבעט. ניט געהייסן, אַז זיי זאָלן פֿאַרן אָנקלס פּיס פֿאַלן, אַז זיי זאָלן סעמס הענט קושן. פֿאַרקערט, זיי האָבן גע-שראָקן זייערע מענער, אַז זיי וועלן גיסן איבער זייערע קעפּ מיט טעפּ זודיקע וואַסער, ווען זיי וועלן וואַגן דעם אָנקלס שוועל איבערצוטרעטן.

— דו קאָנסט זיך שוין זוכן אַן אַנדער היים, אַן אַנדער ווײַב, אַז דו וועסט מיר וואַגן צום אָנקל צו גיין — האָט אַ ייִדענע געמאַכט מיטן פֿינגער אויף דער נאָז צו איר מאַן.

— און אַלצדינג וואָס טשאַרלי וועט דיך הייסן, זאָלסטו טאָן! דו הערסט! טשאַרלי ווייס וואָס ער האָט צו טאָן. אוי וויים ער, אַ געזונט אין זײַן קאָפּ!

און טשאַרלי איז צוריק געוואָרן דער העלד, דער אויסלייזער, דער באַפֿרײַער פֿון די קוזמינער לאַנדסלײַט.

פֿאַרדעכטיקע — suspicious בייל — bump	זכר (זייכער) — אָנדענק; צייכן אויסלייזער — באַפֿרײַער

אַ ווידער־קול

• משה נאַדיר

די צייטן זיינען געווען שלעכט. די צייטן זיינען געווען ביטער, נאָך ביטערער ווי איר דענקט. צו עסן איז נישט געווען וואָס, און דאָס ביסל וואָס איז געווען צו עסן איז אויך נישט געווען מיינס, נאָר עמעצן אַנדערשס.

מענטשן, וואָס איך האָב זיי נישט געקענט און האָב אַפילו קיינ־מאָל נישט געהערט זייערע נעמען, זיינען געגאַנגען פריי איבער די גאַסן און געגעסן זאַפטיקע באַרן און עפּל און שקאַרמיצן מיט רויטע קאַרשן, און זיי האָבן געשיילט באַנאַנעס און געוואָרפן די שאָלעכץ אונטער מיינע פיס; און איך בין אַרומגעגאַנגען ליידיק און מיינע ציין זיינען אַרומגעגאַנגען ליידיק. אין יעדן פון מיינע צוויי אויגן איז געהאַנגען אַ חלום פון אַ פרישן פרישטיק. און אין יעדן פון מיינע נאָזלעכער האָט געציטערט די ליידנשאַפט צו אַ כשרן רעסטאָראַן, צו אַ וואַרעמען מאָלצייט.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, געדרייט אין דער לופט מיין שטעקן און זיך געוואונטשן ענטוועדער דעם טויט, אָדער אַ גליקלעכע צוקונפט.

דער טויט איז נישט געקומען, און ווען ער וואָלט געקומען וואָלט ער מיך סיי־ווי־סיי נישט געווען געטראָפן אין דער היים, ווייל איך האָבן זיך געהאַט אַרויסגעצויגן פון דער אַלטער דירה; און די גליק־לעכע צוקונפט איז געווען ווייט, אַזוי ווייט ווי זי איז אַלע מאָל, אַפילו אין דער צוקונפט.

עס האָט געהאַלטן שמאָל, זייער שמאָל. מיינע באַקן זיינען גע־וואָרן איינגעפאַלענער פון טאָג צו טאָג. מיין ברוסט־קאַסטן איז געוואָרן פלאַך ווי אַ מצה. מיינע אויגן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער דרויסנדיקער וועלט און זיך באַהאַלטן אין די לעכער און זיך געפוילט צו באַטראַכטן די זאַטע וועלט. מיינע הענט זיינען געוואָרן שוואַך, מיין האָפענונג אויך. זי האָט נישט מער געפלאַטערט ווי אַ זיידענע פאָן אין ווינט, נאָר איז געלעגן אויף דער נשמה, ווי אַ קאַלדרע וואָס הענגט אַרויס פונעם פענצטער און וויל אַראָפּפאַלן, נאָר זי קען נישט...

אַך, די קרעכצן און די זיפצן, וואָס זיינען צו יענער צייט אַרויס פון מיין ברוסט! פון די אויגן זיינען מיר געֶרונען — נישט קיין

בלוטיקע טרערן, נאָר ה י י ס ע בלוטיקע טרערן! די דאָזיקע טרערן האָב איך געלאָזט רינען פריי איבער מיין וועסטל. דערנאָכדעם פלעג איך נעמען ס׳וועסטל און עס אויסדרייען, און עס אַרויסהענגען אין דרויסן — עס זאָל זיך טריקענען.

איז ביי מיר געבליבן — זוכן אַרבעט.

אַ לאַנגע צייט האָב איך געזוכט אַרבעט און, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט געפונען. אומעטום וואו איך בין געקומען זוכן אַרבעט האָב איך געקראָגן דעם זעלבן ענטפער — ווי אַלע וואָלטן זיך צונויפגערעדט — „נישטאָ גאָרנישט״.

אַז ס׳האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל — אַזוי שמאָל, אַז דאָס וואַסער האָט שוין דערגרייכט אַזוי ווייט (אַנווייזנדיק אויף מיין קראַוואַט) — דעמאָלט האָב איך דערהאַלטן פון אַ פריינט מיינעם, אַ פאַרמער, אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיר אָנגעבאָטן ווערן אַ ווידער-קול מיט אַ געהאַלט פון $2.40 אַ טאָג און פרייע לאָנדרי.

אַז איך בין אָנגעקומען אַהינצו אויף דער פאַרם און זיך באַגריסט מיט מיין פאַרמערישן פריינט, האָט זיך צווישן אונדז געשטעלט אַזאַ מין שמועס:

א י ך: אין וואָס באַשטייט מיין אויפגאַבע אַלס ווידער-קול, פליז?

ע ר: וועסט מוזן שטיין אַ גאַנצן טאָג לעבן בריקל פון מיין טייך און אַרויסלאָזן עכאָס...

א י ך: דער שכל?

ע ר: פאַרשטייסטו מיך, עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס זיינען גרויסע נאַטור-ליבהאָבערס און זיי האָבן האָלט אַז עס זאָל עכאָן... און אַזוי ווי מיין קאָנקורענט האָט פאַראַיאָרן צוגענומען אַ מענטשן און אים אָוועקגעשטעלט ערגעץ ביי אַ בריקל ער זאָל עכאָן, האָב איך היינטיקס יאָר אַדווערטייזט, אַז מיר האָבן נאָך אַ שטאַרקערן ווידער-קול אין אונדזער וועלדל — וויל איך דו זאָלסט זיין דאָס ווידער-קול... ווייל דו האָסט אַ געזונט קול.

שפעטער מיט 8 מינוט בין איך שוין געלעגן ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ זומפּיק וועלדל און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט אויסצופרואוון מיין טאַלאַנט אַלס אַ ווידער-קול.

באַלד איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ייד, און לויט זיינע באַוועגונגען מיט די הענט, ווי אויף צו כאַפּן פליגן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז

ער מוז זיין אַ פאַרערער פון דער מוטער נאַטור, און אַ זוכער פון — עכאָס.

באַלד האָב איך דערהערט אַ רוף: העלאָ! הוזדער?

איך האָב פּינקטלעך צוריקגערופן: העלאָ! הוזדער?

— אַ פיינער טאָג! — האָט געזאָגט ס׳קול קומענדיק אַלץ נעענטער.

— דאַטסרייט! — האָב איך געענטפערט — אַ פיינער טאָג!

דער „דאַטסרייט" איז געווען איבעריקע, אָבער נאַטירלעך.

— זיינען מיר אַלזאָ אין קאַנטרי! — האָט גערופן ס׳קול.

און איך האָב צוריקגערופן מיט דער זעלבער באַטאָנונג: זיינען מיר אַלזאָ אין קאַנטרי!

— כאַ־כאַ! — האָט געלאַכט ס׳קול.

— כאַ־כאַ! — האָב איך צוריקגעלאַכט.

— וואו זענט איר? — האָט געפרעגט ס׳קול.

— וואו זענט א י ר? — האָב איך צוריקגעפרעגט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך ס׳קול געהאַלטן ביי די זייטן פון לאַכן.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָב איך צוריקגעלאַכט, נאָך מער ווי מ׳האָט באַדאַרפט.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. איך האָב זיך דערווייל פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל און באַלד האָט ס׳קול ווידער געפרעגט:

— וואָס מאַכט איר עפּעס?

— טענקיו! — האָב איך געענטפערט. — איך בין אָלרייט. וואָס מאַכט איר אַליין?

*   *   *

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָב איך געהאַלטן אויף דער דלאָניע $2.40 — געצאָלטס פאַר מיין מערדערישער אַרבעט אַלס ווידער־קול, און מיין פריינט, דער פאַרמער, האָט מיר געוויזן מיטן פינגער צו דער באַן־סטאַנציע און ער האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל אַכטונג געבן ווי איכ׳ל אַריבערגיין די „טרעקס", אַז נישט וועט מען מיך איבערפאָרן...

ווידער־קול (קאָל) — עכאָ	דער שכל (סייכל) — זין, meaning
שקאַרמיצן — paper bags	פאַרערער — admirer
קראַוואַט — necktie	דלאָניע — palm (of the hand)

מיין יידיש וואָרט • ז. וויינפּער

דאָס גאַנצע לאַנד געוואָרן איז דאָך איצט מיין שטאָט,
און אַלע שטעט זיינען לאַנג שוין מיינע סקווערן, —
עס טראָגט זיך היימישלעך אַרום אין זיי מיין טראָט,
און דאָ און דאָרט לאָזט מיין קול זיך אויך דערהערן.

מיין יידיש וואָרט פילט זיך נישט אינגאַנצן אין דער פרעמד;
עס לעבט נאָך און עס זעט זיך אָן דאָ אונדזער חלק.
איז אייגן מיר דערפאַר די ערד דאָ, ווי מיין אייגן העמד,
און יעדעס ווינקל איז מיר ליב דאָ, איז מיר הייליק.

דאָס גאַנצע לאַנד געוואָרן איז מיין ברייטער האָריזאָנט,
מיין בליק צעוואַכט איז איבער אַלע בערג און אַלע טאָלן.
און איז מיר עפּעס דאָ אַרום נאָך נישט גענוי באַקאַנט,
איז איצט דאָס גרינגער דאָך פאַר מיר זיך אויסצומאָלן.

עס זינגט דער טאָל צום באַרג אַרויף מיט זילבערדיקן טייך,
דער באַרג כאַפּט אויף דאָס ליד מיט שווייגנדיקן פאַרגעניגן, —
מיין לאַנד איז נישט נאָר בלויז מיט שטעט און דערפער רייך,
עס האָט אויך פיש און אָדלערס, הערשן, פערד און ציגן.

די מינעסאָטער יידן כאַפּן אין די שיינע טייכן גרויסע פיש,
און די קענטאָקער האַנדלען מערסטנס בלויז מיט אַלטע הויזן,
און אַז עס לאַדט אַ ייד אין קאַליפאָרניע דיך צום טיש,
צעשמעקט זיך דאָרט מיט אייגענע געפלעגטע, פרישע רויזן.

אין מיטל־מערב איז דער ייד פאַרשמייעט און פאַריאָגט,
כאָטש יאָגן יאָגט ער זיך אויף גוטע אויטאָ־רעדער,
און אויפן צפון זיצט פאַרוואָרפן וואו אַ ייד און קלאָגט,
אַז ער האָט פאַר זיינע קינדער נעבעך נישט קיין חדר...

דאָס גאַנצע לאַנד געוואָרן איז דאָך לאַנג, שוין לאַנג מיין שטאָט,
און אַלע שטעט און דערפער זיינען איצט דאָך מיינע גאַסן, —
עס טראָגט זיך היימישלעך און פריי אַרום אין זיי מיין טראָט,
באַשיצט פון פאָן באַליבטער מיט די שטערן און פּאַסן.

חלק (כיילעק) — טייל
געפלעגטע — cultivated
מיטל־מערב (מיידעוו) — Middle West

פאַרשמייעט — פאַרטאָן און צע־טראָגן
נעבעך — alas

אויף קאַנאַדער ערד

• ש. שטערן

די נאַכט — פראָסטיק, שטייף.
רויך — שפריצנדיקער פונקען-רייף.
די שיף אַנקערט, לעצטער קוימען פייף.

טוען אַלע צום דרויסן זיך אַ יאָג.
דער פראָסט כוואָשטשעט — אַ הייסע רוט.
דער שניי וואַרפט זילבערנע קנעפּ
אויף היים-צעשויבערטע קעפּ.
עס שטאָלצן הויכע, הילצערנע טרעפּ.
ווייט פינטלען עלעקטרישע לאָמפּן-טעפּ.

ניי אָרט, געגאַרט גליק, ליכטיק וואָרט
גייט אויף אין אויסגעצערטן גוף.
גרינג און פלינק
טאַנצט אַ פויער-יונג,
אונטער העמד דאָס לייב ברענט.
פון האַרצן טיף דאָס געשריי:
לאַנד! גוט און פריי!

שיינען פנימער פון נאָענטע ביים טויער:
„גיכער, חיים בער! פלינקער, סטעפּאַן פויער!
וואָס מאַכט פעשע, וואָס מאַכסטו, חיים בער?"
אויטאָמאָבילן פירן,
נישטאָ קיין צייט צו קלערן,
עס ווערן יום-טוב טעג זיך מערן, מערן. —

געגאַרט אָרט, ליכטיק וואָרט.
וואָס פינקלט דאָרט אין דער שטאָט?
וואָס פינקלט דאָרט אויף מויער און דראָט?

בענקשאַפט, דערוואַרטונג, הייסער זאָט —
אין פרעמדן לאַנד פעסט און זיכער ערשטער טראָט.

רייף — tire	געגאַרט — הייס פאַרלאַנגט
כוואָשטשעט — whips	אויסגעצערט — דאַר
שטאָלצן—הייבן זיך שטאָלץ אַרויף	זאָט — קאָך

אַ פישער־דאָרף אין מעין

• י. א. ראָנטש

אַ שטילער שמייכל רוט געמיטלעך אויפן האַפן־שטעטל.
און איינגעהאַלטן שפרייזט דער מענטש אויף טראָטואַרן שמאָלע.
עס שמעקט מיט פיש געזאַלצענע, וואָס טריקענען זיך אויף ברעטער,
די ברוינע ים־לייט צופן פויל די איינגעעקשנטע מאָזאָליעס.

אויף הויפט־גאַס הענגען אויסגעשטעלט אינדיאַנישע געוועבן
און קערבלעך געפלאָכטענע פון שמעקעדיקער קאָרע.
אין קוישן ליגן הויפנווייז אין מושעלן די קרעבן.
און שווייגנדיקע קרעמער האָבן אויגן בלויע, קלאָרע.

פון קילנדיקער בוכטע שפיצן זיך גראַציעזע מאַסטן.
אויף בערגלעך הויערן די טונקל־גרינע סאָסנע וועלדער.
די שלעפערס אויפן וואַסער פעכן אונטער שווערע לאַסטן,
און קאַפיטאַנען זיינען דאָ ביי יעדן גרויסע העלדן.

אין האַפן אַנקערן די מיליאָנערסקע ווייסע יאַכטעס,
נאָר קינדער דאָרפישע פון אָרעם פישער־לעבן טרוימען.
אין הויפן ליגן שיפלעך אונטער שווערע שטייפע פלאַכטעס
און אונטן — גרינע כוואַליעס קלאַפן אָן אין טיר און שוימען.

געמיטלעך — רואיק, אנגענעם
איינגעעקשנטע (איינגעאַקשנטע)— — האַרטע, איינגעשפּאַרטע
מאָזאָליעס — callouses
קאָרע — bark (of a tree)
מושעלן — sea-shells

בוכטע — bay
הויערן — crouch
פעכן — פלאַצן
יאַכטעס — yachts
פלאַכטע — coarse cloth

דאָס לאַשעקל

• א. ראַבאָי

1.

זעקס אין דער פרי האָט דער אַלאַרם-זייגער געקלונגען און באָבי מיט אַי'ען זיינען אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער. די זון האָט זיך נאָר וואָס גענומען דורכברעכן דורך דעם מיט בערג-פאַרוואָרפענעם האָרי־זאָנט. עס איז נאָך געווען קיל אין דרויסן, כאָטש דער קאַלענדאַר האָט שוין געהאַלטן ביים אָנהויב מיי.

אַי און באָבי האָבן ניט געקאָנט רעדן צווישן זיך. די אַרבעט האָט זיי געהאַלטן צעטיילט. ווען איינער האָט גערייניקט די מאַניור האָט דער צווייטער דערוויל געפירט די פערד צום ברונעם. מען האָט געדאַרפט פאַרטיק ווערן אַרום זיבן דעם זייגער צום איבער־ביסן. פרוי הילדנבערג איז געווען זייער אַ פינקטלעכע מיט אירע מאָלצייטן.

ביים איבערביסן האָט הילדנבערג געהייסן באָבין אַקערן און אַי'ען האָט ער געזאָגט, אַז ער זאָל אָנזאָטלען צוויי רייטערלעך.

עס איז שוין מאַי, און מען דאַרף אַ קוק טאָן וואָס עס טוט זיך אויף דער פּרעירי.

אַי האָט אָנגעזאָטלט צוויי רייטערלעך און זיי אַרויסגעפירט פון שטאַל. הילדנבערג איז אַרויסגעקומען מיט צוויי שטריק אין ביידע הענט. די שטריק זיינען געווען זאָרגזאַם צונויפגעלייגט און פינקטלעך פאַרבונדן. הילדנבערג האָט די שטריק צוגעפעסטיקט צו די הערנער פון די זאָטלען, אויסגעפּרואווט די רימענס פון די זאָטלען אַרום די בייכער פון די פערד.

דאָס האָט אַי'ען אַ ביסל באַליידיקט. — וואָס מיינט ער, אַז איך ווייס ניט ווי אַזוי צוצובינדן דעם זאָטל אַרום אַ פערדס בויך?

איידער וואָס-ווען איז שוין הילדנבערג מיט אַ לייכט קרעכצעלע

געזעסן רייטנדיק אויף זיין פערדל. ער האָט זיך פלינק געטאָן אַ כאַפּ אַרויף אויף דעם צווייטן פערדל אוןביידע רייטערלעך האָבן אויסגעשאָסן ווי פון אַ ביקס און זיך אַוועקגעטראָגן. די צוויי פערדלעך האָבן זיך געהאַלטן קאָפּ צו קאָפּ און ער מיט הילדנבערגן זיינען געזעסן איינער לעבן צווייטן, וויגנדיק זיך אַראָפּ און אַרויף אויף זייערע זאָטלען.

— אַ שיינער טאָג! — זאָגט הילדנבערג.

זיי זיינען געקומען צו אַ פּלויט פון שטעכיקן דראָט. ער איז אַראָפּ עפענען דעם טויער. הילדנבערג איז דורכגעפאָרן און ער האָט דורכגעפירט זיין רייטערל און פאַרמאַכט דעם טויער.

— אַ פיינער בחור, — האָט הילדנבערג געטראַכט וועגן אים, — מ'קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן, כאָטש ער איז אַ ייד... — הילדנבערג האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט זיי, מיט די יידן. מען זעט זיי דאָ זייער ווייניק אויף דער פּרעירי... ער האָט זיי אָבער ניט ליב געהאַט...

הילדנבערגן איז געפעלן, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט פיל גראַציע אַרויפגעכאַפּט אויף זיין רייטערל, ווי אַ געבוירענער קאַובאָי. דאָס פערדל האָט זיך געטאָן אַ בויג-איין פון דער געוויכטיקייט פון אים טראָט אין דעם טרעטער פונעם זאָטל.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן אויף דער ברייטער פּרעירי. אויף אַ ברייטער לאָנקע, פאַרשטעלט פון ביידע זייטן מיט צוויי גרינע בערג, איז געשטאַנען אַ וויים-גרוי פערד און לעבן אים איז געלעגן אויפן גראָז אַ לעבעדיק קליין באַשעפעניש מיט אַ קעפּל און צוויי אויפגעשפּיצטע אויערן.

— זעט, מיסטער הילדנבערג, איז עס ניט אַ לאַשעקל! — האָט ער מיט פרייד אויסגעשריען.

— איך דענק, אַז עס איז, — האָט הילדנבערג געטאָן אַ דוצקע מיט זיינע ביידע פּיס דעם רייטערל פון ביידע זייטן בויך.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט מיט ביידע פּיס אין די זאָטל-טרעטערס און אין אַ פּאָר מינוט זיינען זיי ביידע צוגעפאָרן לעבן דער וויים-גרויער שקאַפּע.

דאָס קליינע באַשעפעניש האָט זיך פון שרעק געטאָן אַ שטעל-אויף אויף זיינע צעשפּרייטע, דאַרע פיסלעך און איז אַרונטער זיך צו באַשיצן אונטער דער מוטערס קאָפּ. עס איז געווען אַ ראָזעווע לאַשעקל מיט וויים-גרויע פיסלעך. אויף זיין פּנימל אַ ווייסער פלעק.

עס האָט אויסגעזען ווי אַ יונגער הירש, וואָס האָט נאָך ניט קיין הערנער. דאָס לאָשעקל האָט זייער ווינציק אויסגעזען ווי זיין מוטער, אָבער דער אופן ווי אַזוי די ווייס־גרויע שקלאַפּע האָט זיך געגרייט עס צו פּאַרטיידיקן האָט שוין דערוויזן, אַז עס איר קינד. עס איז געווען וואונדערלעך־שיין און פּאַטעטיש. דאָס קערפּערל באַדעקט מיט געקרייזלטע ראָזעווע האָר, אַ שמאָלס און אַ קורצס, מיט הויכע דינע פיסלעך, מיט אַ קליינעם עק, ביי וועלכן עס האָבן געוואַקסן ווייסע האָר. עס איז ניט געווען גלויבלעך, אַז פון אַט־אַזאַ שיין, צאַרט באַשעפעניש זאָל אויסוואַקסן אַ האַרעפּאַשנע פערד.

— דאָס איז אונדזער ערשטלינג! — האָט הילדנבערג געזאָגט.

אַי האָט אַ פאַרכישופטער אַנגעקוקט דאָס לאָשעקל און איז גע־בליבן זיצן אין זאָטל, ווי אַ פּאַראַליזירטער פון פרייד. און דאָס לאָשעקל איז געשטאַנען מיט זיינע פיסלעך צעשפּרייט אונטער זיין מוטערס קאָפּ. די מוטער האָט געכראָפּעט מיט אירע נאָזלעכער און אירע אויערן האָבן זיך איינגעלייגט און אויפגעהויבן. די אויבערשטע ליפּ האָט זיך פאַרהוילט און צוויי שורות ווייסע, שטאַרקע ציין האָבן ביי איר געקריצט און זיך געגרייט צום בייסן.

— איך דענק, אַז מיר זאָלן איר פאַרוואַרפן דעם שטריק — האָט הילדנבערג געזאָגט און זיך גענומען פאַרקען ביי דעם שטריק, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין זאָטל־האָרן.

די שקאַפּע האָט געפינטלט מיט ביידע אויגן. די זון האָט אָפּ־געוואָרפן אַן אָפּשיין אין אירע שוואַרצאַפּלען און עס האָט פון אירע אויגן געשפּילט אויף די צוויי רייטער צוויי בייזע פיילן.

הילדנבערג האָט געטאָן אַ וואָרף זיין שלייף אויף דער שקאַפּעס קאָפּ. אָבער זי האָט באַוויזן דעם שלייף פון זיך אַראָפּצוואַרפן. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו די צוויי רייטער מיטן הינטן, אַזוי אַז דאָס לאָשעקל איז נאָך אַלץ געווען ביי איר אונטערן קאָפּ. זי האָט פאַר־וואָרפן ביידע פיס און געטאָן אַ בריק מיט די טלאָען. דער ווייס־גרויער ביין פון אירע קאָפּיטעס האָט אָפּגעבליאַסקעט אין דער זון.

די רייטער זיינען אָבער געווען זייער ווייט פון דער שקאַפּע, אַז זי זאָל זיי קאָנען דערלאַנגען מיט איר צאָרנדיקן בריק.

— זי לעבט און בריקעט זיך, — האָט הילדנבערג געזאָגט דאָס באַוואוסטע אַמעריקאַנישע פאָלקס־ווערטל. ער האָט איצט נאָכאַמאָל געטאָן אַ וואָרף דעם שלייף פון זיין שטריק און זי פאַרכאַפּט. די שקאַפּע האָט מיט אַלערליי מיטלען געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך

דעם שטריק. אָבער דאָס מאָל איז דער שלייף געווען שוין אַרום איר האַלדז אַ פאַרצוויגענער ביז צום ווערגן. זי האָט געשאָקלט מיט איר קאָפּ און געשפּיגן מיט ווייסער פּיענע, געטופּעט מיט די פאָדערשטע פיס און געבריקעט מיט די הינטערשטע. איצט האָט הילדנבערג זיך גערירט פון אָרט מיט זיין רייטערל. די שקאַפּע האָט זיך איינגעגראָבן מיט אירע פאָדערשטע פיס אין גראָז און זיך צוריק-געהאַלטן מיט איר געוויכט. דער שטריק האָט זיך אָנגעצויגן ווי אַ טעלעפאָן-דראָט. דורך דעם שטריק איז געגאַנגען אַזוי ווי דורך טעלעגראַף-דראָט פון דער שקאַפּע ביז צום האָרן פונעם זאָטל דאָס שווערע אָטעמען פון דער שקאַפּע. זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן, ווייל זי איז שיער ניט דערוואָרגן געוואָרן.

איצט, אַז הילדנבערג האָט זי גערירט פון אָרט און דאָס לאָשעקל איז געבליבן שטיין אַליין, איז אַי אַראָפּ פונעם זאָטל און צוגעגאַנגען זייער פאַרזיכטיק, מיט זיין היטל אין דער האַנט, צו דעם שיינעם באַשעפעניש. אַי האָט מיטגעפירט מיט זיך זיין רייטערל. ער האָט געמיינט, אַז מיט דעם היטל זיינעם וועט ער אָפּנאַרן דאָס לאָשעקל. עס וועט מיינען, אַז ער גיט אים עפּעס צום עסן.

דאָס לאָשעקל האָט נאָך, ווייזט אויס, ניט געוואוסט פון קיין אַנדער מין עסן, נאָר פון זיין מאַמעס מילך. און ווי קליין עס איז געווען האָט עס שוין געוואוסט, אַז דאָ גייט אויף אים אַ שונא. האָט זיך דאָס לאָשעקל אויסגעדרייט און דערלאַנגט אַי'ען אַ בריק מיט זיינע הינטערשטע פּיסלעך. אַי האָט באַצייטנס אָנגעכאַפּט אָט-די צוויי דינע פיסלעך. ווען ניט דאָס, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שאָדן זיי וואָלטן אים אָפּגעטאָן...

דאָס לאָשעקל איז געפאַלן צו דער ערד. אַי האָט עס גענומען אויף זיינע הענט און זיך קוים אַרויפגעדראַפּעט אויפן זאָטל.

דערנאָך, ווען זיי זיינען געקומען אַהיים, איז אין שטוב געוואָרן אַ גרויסע שמחה. די באַלעבאָסטע איז אַרוים אַקעגן און אויך עלען.

— מיר וועלן עס רופן אַי, — האָט די באַלעבאָסטע סענטימענ-טאַליזירט.

הילדנבערג און אַי האָבן קוים מיט צרות אַריינגענאַרט די ווילדע שקאַפּע אין שטאַל אַריין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז שוין ניט איינמאָל געווען אין שטאַל. דאָס איז געווען איינע פון די עלטסטע שקאַפּעס, וואָס הילדנבערג האָט פאַרמאָגט. און זי איז אַ סך מאָל שוין געווען אין שטאַל און אַפילו געאַרבעט אויך. אָבער דערפון

וואָס מען האַלט זי אַ יאָר אויף דער פּרעירי ווערט זי צוריק ווילד.

— וואָס פאַר אַ דאַרלינג, סוויטהאַרט! — איז צום לאָשעקל צוגעפאַלן דאָס מיידל עלען און עס געקושט צווישן די אויערלעך און אַפילו אין קליינעם שוואַרצן מיילעכל. דערנאָך האָט זי דאָס לאָשעקל גענומען אויף די הענט און עס דערלאַנגט אַי'ען.

ער האָט אַריינגעטראָגן דאָס לאָשעקל אין שטאַל אַריין. אַלע פערד, וועלכע זיינען דאָרט איצט געווען, האָבן אויסגעדרייט זייערע קעפּ און באַגריסט דאָס לאָשעקל מיט פריילעכע אויסגעשרייען־הירזשען. די מוטער האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג און גע־פרינקעט, ווי זי וואָלט זיך געפּיעשטשעט.

לאָשעקל — יונג פערדל	געקרייזלטע — curly
רייטערלעך — רייט־פערד	האַרעפּאַשנער — וואָס אַרבעט שווער
זאָטל — saddle	פאַרהוילט — זיך פאַרהויבן, זיך אויפגעדעקט
רימענעס — לעדערנע פּאַסן, (traces)	טלאָען — hoofs
שקאַפּע — mare	
פּאַטעטיש — רירנדיק, moving	

2.

דאָס לאָשעקל „אַי" איז געוואָרן דער ליבלינג פון הויז. עס איז פון אָנהויב געווען אָראַנדזש־געל אין קאָליר, נאָר וואָס עלטער עס איז געוואָרן, אַלץ טונקעלער איז זיין קאָליר געוואָרן, ביז עס איז געוואָרן באָרדאָ־רויט. דאָס לאָשעקל איז געווען אַ זי. און ביי אים האָבן זיך פאָרמירט צוויי אויערן ווי ביי אַ הירש. עס האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ הירש. עס האָט אים נאָר געפעלט צוויי הערנער.

עס איז געוואָרן אַזוי באַליבט, אַז מען האָט עס אַפילו אַריינ־גענומען אין שטוב אַריין, ווען מען האָט געגעסן. און דאָס לאָשעקל האָט ליב געהאַט צו שטיין ביים טיש און עסן פון אַ טעלער: גע־קאָכטע קאַרטאָפל, מערן־צימער, עפּל־קאָמפּאָט, ברויט מיט פּוטער, רובאַרב־פּאַי און נאָך אַנדערע מאכלים.

מען האָט דעם לאָשעקל געלערנט שיינע מאַנירן: ניט בריקענען אין שטוב, ווי עס האָט זיך אים דווקא געוואָלט טאָן; ניט טאָן זיינע „נאַטירלעכע באַדערפעניש" אינמיטן שטוב, ווי עס האָט פון אָנהויב געטאָן, ווען עס האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען, אַז עס איז דאָ אַן אונטער־שייד פון אַ שטוב ביז אַ שטאַל.

דאָס לאָשעקל האָט פאַרשטאַנען, ווען מען האָט עס גערופן ביים

נאָמען, צו שענקען אויפמערקזאַמקייט צו דעם וואָס רופט עס. עס פלעגט אויפשטעלן זיין קליינעם קאָפּ און קוקן מיט זיינע שוואַרצע אויגן גלייך צום מענטשן אין פּנים אַריין.

טאָמער האָט מען אַמאָל געלאַכט ביים טיש פון זיינעם אַן איינ־פאַל, האָט דאָס לאָשעקל אויך געלאַכט מיט די מענטשן: — כע־כע־כע...

עס איז געווען שיין צו קוקן ווי דאָס לאָשעקל לאַכט.

עס פלעגט אויפהויבן דעם קאָפּ אין דער הויך און אויפעפענען דאָס מויל און פאַרקאַטשען די ליפּן און ווייזן די ווייסע ציין...

דאָס לאָשעקל איז געוואָרן צוגעבונדן צו דעם פערד־יונג אַי, ווי עס וואָלט געווען אַ הונט אַן איבערגעגעבענער.

זונטיק, ווען אַי האָט געהאַט אַ ביסל מער צייט, ווי אין אַ וואָכנ־דיקן טאָג, האָט שוין דאָס לאָשעקל פון אים ניט אָפּגעטראָטן.

אַי האָט עס געלערנט אַלערליי „קונצן": ווי צו געבן אַ „האַנט", ווי צו שאָקלען מיטן קאָפּ, ווען מען פרעגט אים עפּעס.

די לעצטע „קונץ" איז אַי'ען אָנגעקומען זייער גרינג.

דאָס לאָשעקל האָט ליב געהאַט צו שאָקלען מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַרויף, ווען עס האָט געדאַרפט ענטפערן: יאָ. עס האָט שוין אויך געדרייט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, ווען עס האָט געדאַרפט ענטפערן: ניין.

אַי האָט אָבער געאַרבעט שווער, ביז ער האָט דאָס לאָשעקל אויסגעלערנט צו געבן אַ „האַנט". עס איז דעם לאָשעקל געווען שווער אויפצוהויבן אַ פוס. אָבער עס האָט זיך אויסגעלערנט צו געבן דעם פאָדערשטן, רעכטן פוס, ווען אַי האָט געטאָן אַ געשריי צו אים: — גיב אַ „האַנט"!

אַ דריטע „קונץ" האָט זיך דאָס לאָשעקל אויסגעלערנט: אַראָפּ־צוכאַפּן ביי אַי'ען דעם קאַפּעליוש און אַוועקלויפן מיט דעם קאַפּעליוש אין מויל און דערנאָך צוריקקומען און ברענגען דעם קאַפּעליוש און אים אַראָפּלאָזן אויף דער ערד ביי אַי'ס פוס.

— לערנט אים אויס אייך אָנצוטאָן דעם הוט צוריק אויפן קאָפּ, — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט.

— איך וועל אים דאָס אויך אויסלערנען, — האָט אַי געענטפערט.

— מיט דער צייט וועל איך פון אים אויסבילדן אַן אמתן מענטש.

— אַ דאַנק אייך פאַר אייער מי, — האָט הילדנבערג זיך אַריינ־געמישט. — מאַכט מיר ניט קאַליע קיין פערד!...

עס איז געווען אַ ביסל אמת אין הילדנבערגס ווערטער. ער האָט אין דער אמתן מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט אָנווערן געלט דורך דעם, וואָס דאָס לאָשעקל וועט זיך אויסלערנען מענטשלעכע מאַנירן.

דאָס לאָשעקל איז געווען אַ גרויסע שטערונג אין טאָג־טעגלעכע אַרבעטן. למשל, ווען אַי האָט געדאַרפט אַרויספאָרן אין דער פּרעירי, אָדער אַז ער האָט געדאַרפט פאָרן אין שטעטל, האָט דאָס לאָשעקל אויך געוואָלט נאָכלויפן.

מען האָט עס דעמאָלט געמוזט צובינדן אין שטאַל אויף אַ שטריק, ביז אַי איז אַוועקגעפאָרן ווייט.

דאָ איז אָנגעקומען דער סוף פון חודש אויגוסט און הילדנבערג האָט געזאָגט, אַז עס איז שוין צייט דאָס לאָשעקל אַוועקצופירן אויף דער פּרעירי.

— אַ פערדס אָרט איז אויף דער פּרעירי, — האָט ער געזאָגט.
— גענוג אים צו שטיפן !...

— איך וועל ניט לאָזן ! — האָט זיך מאַרדזשי, די באַלעבאָסטע, אנטקעגנגעשטעלט.

— דו ווילסט האָבן אַ שפּילעכל, צי אַ פערד ? — האָט זי הילדנבערג אָנגעקוקט שטרענג.

— לאָז עס איבער דאָ, ביים הויז. קאַרג פערד האָבן מיר אויף דער פּרעירי ? — האָט זיך מאַדזשי געבעטן.

— ניין, דאָס לאָשעקל מוז גיין אויף דער פּרעירי ! — האָט הילדנבערג זיך איינגעשפּאַרט. און ער האָט אויסגעפירט.

אַי האָט עס נאָך אַליין מיט זיינע אייגענע הענט אַוועקגעפירט אויף דער פּרעירי.

דאָס לאָשעקל האָט אַפּנים דערשמעקט, וואָס מען גייט טאָן. האָט זיך עס באַהאַלטן און מען האָט עס געדאַרפט אַרומזוכן, ביז מען האָט עס געפונען.

דאָס לאָשעקל האָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. אַלעמאָל האָט עס געוואָלט נאָכלויפן אַי׳ען, און היינט האָט עס דווקא ניט געוואָלט נאָכגיין נאָך אַי׳ען.

עס האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן אין אַ רגע. עס איז געוואָרן עפּעס אַזוי ווי עלטער מיט צען יאָר. דאָס פּנים האָט זיך געקנייטשט און די אויערלעך האָבן זיך צעלייגט און דאָס לאָשעקל האָט געפּרואווט צו צעבייסן דעם שטריק פאַר כעס.

מאַרדזשי האָט געוויינט און דאָס מיידל עלען האָט באַקומען אַ

טרויעריק פנים. נאָר איין הילדנבערג האָט געלאַכט און מיט זיין שטעקן געטריבן דאָס לאַשעקל, אַז עס זאָל נאָכגיין נאָך אַי׳ען.

אַי האָט דאָס לאַשעקל אָנגענומען אַרום האַלדז און צו אים געזאָגט: — דו ביסט אַ קלוגער, איז וואָס האָסטו מורא? מיר וועלן זיך זען אַלע טאָג אויף דער פּרעירי. איך וועל קומען און פאַר דיר ברענגען גוטע זאַכן צום עסן...

דאָס לאַשעקל האָט זיך איינגעהערט צו די ווערטער פון דעם בחור אַי. עס האָט אים געטאָן אַ קוש אין זיין באַק מיט די ליפּן — אויך אַ „קונץ”, וואָס אַי האָט אים אויסגעלערנט.

אַי האָט דאָס לאַשעקל געבראַכט אויף דער פּרעירי און אים אַוועקגעפירט העט ווייט, ווייט אין אַ ברייטן טאָל, וואו עס זיינען געשטאַנען אַ סך ווילדע פערד און זיך געפּאַשעט.

דאָס גראָז איז געווען טיף־גרין און ווייך ווי אַ גוטער פּערסישער טעפּיך. אַי האָט אַראָפּגענומען דעם שטריק פון דעם לאַשעקלס האַלדז און צו אים געזאָגט: — גיב מיר אַ „האַנט”!

דאָס לאַשעקל האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, כמעט ביז צו דער ערד, און געטאָן אַ פינטל מיט די אויגן, ווי עס וואָלט זיך געקליבן וויינען.

— פּע, ניט שיין! דו ביסט דאָך שוין ניט קיין „בייבי”!

האָט אַי אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. און עס איז שוין טאַקע ווירקלעך ניט געווען קיין „בייבי”. עס איז שוין איצט געווען אַלט זעקס חדשים און האָט זיך שוין מסתם געמאָסטן פון דער ערד אַרום אַ זעקס פוס הויך.

— גיב אַהער אַ „האַנט”, — האָט אַי צום לאַשעקל אויסגע־שטרעקט זיין רעכטע האַנט, — לאָמיר זיך געזעגענען.

דאָס לאַשעקל האָט אויפגעהויבן זיין רעכטן פוס און דערלאַנגט אַי׳ען. עס האָט געקוקט צו אים מיט פאָספאַר־שוואַרצע אויגן, וועלכע זיינען געווען טיף אַן אַ ברעג און עס האָט דאָך אין זיי געפינקלט עפּעס אַזוי פיל פאַרשטאַנד און אַזוי פיל בענקשאַפט, אַז עס האָט אַי׳ען אַרומגענומען אַ שווערער טרויער, פאַרוואָס די נאַטור איז אַזוי גרויזאַם, וואָס זי האָט באַשאַפן אַלערליי באַשעפעניש, וועלכע טיילן זיך אין הויזיקע חיות, אין ווילדע חיות, און אין מענטשן, וועלכע טיילן זיך אויך אין אָרעמע און אין רייכע.

— זיי געזונט און לעב אַ גוטן טאָג! — האָט אַי געזאָגט, דריקנדיק דעם לאַשעקלס פוס.

דאָס לאָשעקל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַרויף.

דאַן האָט אַי אָפּגעלאָזט זיין „האַנט" און האָט אים געהייסן גיין צווישן די פערד.

אָבער דאָס לאָשעקל איז געשטאַנען אויף איין אָרט.

אַי האָט זיך גערירט פון אָרט, צו גיין אַהיים. דאָס לאָשעקל איז אים נאָכגעגאַנגען. עס האָט ניט געוואָלט בלייבן אויף דער פּרעירי.

— פאַרוואָס גייסטו מיר נאָך! — פרעגט אַי, זיך אומקערנדיק מיטן פּנים צום לאָשעקל.

אָבער קיין ענטפער האָט דאָס לאָשעקל ניט געגעבן. עס איז געשטאַנען און טרויעריק געקוקט אויף אַי'ען, ווי עס וואָלט זיך ביי אים געבעטן: — נעם מיך צוריק אַהיים!....

אַי איז אַוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון די ווילדע פּרעירי־פערד.

ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צו די ווילדע פערד, האָבן זיי זיך דערשראָקן און ווי אַ סטאַדע ווילדע פייגל אויסגעשאָסן אין אַ ווילד געלאַף.

דאָס לאָשעקל האָט זיך אויך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו ברי־קענען מיט אַ פאַרריסענעם עק. איצט, אַז דאָס לאָשעקל האָט געבריקעט, האָט אַי זיך אַוועקגעגנבעט פון דער פּרעירי. ער איז געלאָפן אַהיים מיט דעם באַרג־אַרויף. און ווען ער איז געקומען אויפן שפּיץ באַרג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט צו טאָן אַ קוק, וואָס עס הערט זיך מיטן לאָשעקל.

ער האָט שוין דאָס לאָשעקל מער ניט געזען.

אויסבילדן — שאַפן, מאַכן
אַפּנים — apparently
דווקא (דאַווקע) ניט — by no means

גרויזאַם — cruel
זיך אַוועקגעגנבעט (אַוועקגעגאַנ־וועט) — אַוועק ניט באַמערקט

3.

אַי איז אַוועק אַהיים און דאָס לאָשעקל איז געבליבן אויף דער פּרעירי צווישן די ווילדע פערד. דאָ איז שוין פון לאַנג געווען אויך זיין מוטער. אָבער די מאַמע זיינע האָט אים שוין ניט געוואָלט דערקענען.

דאָס לאָשעקל האָט זיך צו איר צוגעלאָנטשעט און זי האָט אים געטריבן פון זיך מיט דעם, וואָס זי האָט איר קינד געביסן און זיך

אפילו געבריקעט אויף אים מיט די הינטערשטע פיס.

האָט דאָס לאָשעקל געזען, אַז זיין מאַמע וויל פון אים ניט וויסן, איז ער אַוועק זוכן „פריינט" צווישן די ווילדע פערד.

דאָס לאָשעקל האָט ניט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַן אומגעשריבן געזעץ אויף דער פּרעירי: יעדעס פערד צו זיין קאָליר...

עס איז דווקא צוגעגאַנגען צו אַ בינט מיט גראָע פערד. דאָס זיינען געווען די ווילדסטע פערד אויף דער פּרעירי. אַז זיי האָבן דערזען דאָס לאָשעקל, האָבן זיי עס אַרומגעסטאַמפּעוועט און עס אָנגעהויבן צו בייסן פון אַלע זייטן.

דאָס לאָשעקל האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן און איז אַוועק צווישן די שוואַרצע פערד.

אָבער די דאָזיקע שוואַרצע פערד זיינען געווען אַזוי גרויזאַם שלעכט, אַז זיי האָבן דאָס לאָשעקל געבריקעט און אים שיער ניט אויסגעזעצט די ציין.

ביז ענדלעך איז דאָס לאָשעקל געפאַלן אויפן שכל און האָט זיך צוגעלאָנטשעט צו די טונקל-רויטע פערד. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט שמעקן צו אים פון יעדן פערד באַזונדער. און דאָ צווישן אָט-די טונקל-רויטע פערד איז אויך געווען זיין שלעכטע מאַמע. און דעם לאָשעקל איז געווען אַ גרויסער ווייטיק, פאַרוואָס די מאַמע זיינע איז אַזוי פרעמד צו אים. אָבער צוביסלעך, צוביסלעך האָבן אים די דאָזיקע פערד אַרומגעשמעקט און אים אָנערקענט אַלס איינעם פון זייערע פריינט.

דאָס לאָשעקל האָט נאָך אַ סך זאַכן ניט געוואוסט, וואָס אַ פערד דאַרף וויסן אויף דער פּרעירי. אַשטייגער, אַז ווען אַלע פערד ליגן און רוען — דאַרף איינער שטיין אויף דער וואַך... אָדער אַז טרינקען גיין צום טייך קאָן מען ניט גיין איינער אַליין — נאָר אַלע צוזאַמען... אָדער אַשטייגער, אַז עס גייען די „קאַיאָטן" איבער דער פּרעירי — דאַרף מען אויף זיי האַלטן אַן אויג... און נאָך אַנדערע וויכטיקע כללים, וואָס אַ פּרעירי-פערד מוז וויסן.

דאָס לאָשעקל איז דעם ערשטן טאָג געגאַנגען אַליין צום טייכל טרינקען וואַסער. דאָס טייכל האָט מען גערופן: „בלעק דעוויל קריק". עס איז געלאָפן אַ טונקל-שוואַרצס אין דער קרום. אין טייל ערטער איז דאָס טייכל געווען טיף, מיט קעסל-גריבער. און אין איניקע ערטער האָבן ביים ברעג פון טייכל געוואַקסן ווערבע-ביימער,

דזשאָ דייווידסאָן

פיאָנערן פרויען

מאָריס סטוירן

אַלטע ווי די אייביקייטן, מיט צעוואַקסענע, הויכע צווייגן און פאַר־וואַקסן מיט אַ סך בלעטער. אויף אַט די געדיכטע צווייגן זיינען געזעסן ווילדע פרעירי־קעץ און געלויערט אויף פערד. ווען זיי האָבן דערזען אַן איינציק פערד קומען צום טייכל, האָבן זיי שוין געלויערט אויף אים, ווען ער וועט דורכגיין, אויף אים צו טאָן אַ שפרונג פונעם בוים און אים צערייסן אויף שטיקער.

דאָס לאָשעקל האָט דווקא ניט געטרונקען וואַסער ביי די ווערבע־ברעגן, אַניט וואָלט ער שוין ניט דערלעבט צו זען די ליכטיקע וועלט. אַז ער איז געקומען צוריק, האָט ער ניט געטראָפן דעם טאַבון פון די טונקל־רויטע פערד. זיי זיינען געלאָפן אים זוכן ביי די ווערבעס. און עס האָט זיך דערנאָך אָנגעהויבן אַ יאָגעניש.

דאָס לאָשעקל האָט זיי אַרומגעזוכט און זיי האָבן דאָס לאָשעקל אַרומגעזוכט. די פרעירי איז ברייט און גרויס. און געפאַרן זיינען דאָ טויזנטער...

ענדלעך אין אָוונט, ווען דער טאַבון האָט געפונען דאָס לאָשעקל,

האָבן זיי אים געביסן אין די אויערן און געהירזשעט פון פרייד.

אויף ביינאַכט זיינען די טונקל־רויטע פערד געגאַנגען איבער־נעכטיקן אויף אַ הויכן באַרג, וואו זיי האָבן געקאָנט בעסער זען די שטערן. זיי זיינען געשטאַנען אַלע אין אַ בינטל און זיך גע־טוליעט איינער צום צווייטן. און דאָס לאָשעקל האָבן זיי אַריינגענומען אין דער מיט. דאָס לאָשעקל האָט זיך געוואָלט לייגן אויף דער ערד זיך אָפּרוען. האָבן די קלוגע, עלטערע פערד אים ניט געלאָזט. זיי האָבן אים פּשוט אָנגעטראָטן מיט די פיס אויף זיינע פיס ביז דאָס לאָשעקל האָט געמוזט בלייבן שטיין אויף די פיס.

אויף מאָרגן איז אַי געפאָרן רייטנדיק אויף דער פּרעירי: אַ קוק טאָן וואָס אַלע פערד טוען און אויך זען דאָס לאָשעקל.

אַי האָט מיטגענומען פון שטוב עפּעס צו נאַשן פאַרן לאָשעקל.

ווען אַי איז געקומען צום אָרט, וואו דאָס לאָשעקל איז געשטאַנען מיט די טונקל־רויטע פערד, איז ער אַראָפּ פון זיין רייטערל און האָט געוואָלט צוגיין צום לאָשעקל.

אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען דאָס לאָשעקל איז פון אים אַנטלאָפן.

— אַי! — האָט דער מענטש אַי גערופן דאָס לאָשעקל צו זיך, — קום צו מיר, איך האָב דיר געבראַכט ברויט מיט פּוטער.

דאָס לאָשעקל האָט אויפגעהויבן זיינע פיס און צוזאַמען מיט די איבעריקע ווילדע פערד אַוועקגעבריקעט אויף דער פּרעירי.

און זינט דאַן האָט עס אים שוין מער ניט דערקענט.

צוגעלאָנטשעט — צוגעטוליעט, צוגעשאַרט, זיך געהאַלטן נאָענט	ווערבע — willow
אַרומגעסטאָמפּעוועט — אַרומ־געטרינגלט	געלויערט — lurked
כּללים (קלאָלים) — regulations	טאַבון — herd of horses
	דערשטוינט — איבערראַשט, פאַר־וואונדערט

ביים גרענד קעניאָן

• מ. בירנבוים

ביים האָטעל אויף אַ טעראַסע.
איבער קעניאָן — אָוונט-טראַנס.
מענטשן קומען, בלייבן זיצן —
באַלד וועט פאָרקומען אַ טאַנץ.

„ס'וועלן טאַנצן אינדיאַנער" . . .
כ'זע דעם נייגיר אין דעם אויג.
ס'עפנט זיך אַ זייטיק טירל:
דומפּיק קלאַפּט אַ טאַם-טאַם פויק.

און אַט ווירבלט שוין אַ ייִנגל
מיט אַ רויטן באַנד אויף שלייף;
און ער דרייט זיך בונט באַמאָלן,
ווי אַ פאַרביק-שנעלע רייף.

און אַ צווייטער און אַ דריטער —
„טאָמאַהאָקס" און פעדער-פּראַכט.
ס'קאָכט דער טאַם-טאַם, טענצער קוויטשען —
גאַפט דער עולם און ער לאַכט.

ס'טאַנצן יונגע אינדיאַנער
פון דעם אַלטן האָפּי-שטאַם.
פאַלן קלינגענדיקע מטבעות —
„אַטאַ באָים! קאַם אָן!"

און אַן אַלטער האָפּי-קריגער
מיט אַ ווילדער פעדער-קרוין,
קרייצט די הענט אויף ברוסט און נייגט זיך,
דאַנקט אונדז פאַרן לוין.

טראַנס — שטיל און באַגייסטערט,
ווי היפּנאָטיזירט
ווירבלט — דרייט זיך גיך

גאַפט — קוקט פאַרוואונדערט
מטבעות (מאַטבייעס) — coins
קרייצט — crosses

אויך איך

• לענגסטאָן יוז

אויך איך זינג אַמעריקע.

איך בין דער טונקעלער ברודער.
מ׳שיקט מיך עסן אין קיך
ווען געסט קומען.
אָבער איך לאַך
און עס געשמאַק
און ווער שטאַרק.

מאָרגן —
וועל איך זיצן ביים טיש,
ווען געסט קומען אָן.
קיינער וועט דעמאָלט
ניט וואַגן זאָגן:
„עס אין קיך.״

און מער נאָך:
זיי וועלן דערזען
ווי שיין איך בין
און זיך פאַרשעמען —

אויך איך בין אַמעריקע.



ברידער — הוגאָ געלערט

קינדער-יאָרן

אין דער יידישער שול

(פון אַ שילערינס טאָגבוך)

א. גאָלדבערג

1. מיר גראַדואירן

מאַי 25.

ווי שנעל עס גייען די טעג אין אונדזער שול. ערשט געווען דער אָנפאַנג און שוין — דער סוף. איך קאָן זיך שוין באַלד ניט דערמאָנען וואָס עס איז געווען פריער און וואָס שפּעטער:

אַ חנוכה-שמחה [גוטע לאַטקעס און פריילעך],

אַ האַלאָווין-פּאַרטי [לעבעדיק און טומלדיק!],

מיטיאָר-עקזאַמענס [ניט צו שווער!],

דעם לערערס קראַנק ווערן [בררר!],

אַ פּורים-מאַסקאַראַד [איך בין געווען אסתר המלכה, פרעד איז געווען האַלב-המן און האַלב-היטלער; איז ער געווען קאָמיש!],

צוויי „הייקס", איין צעבראָכענע שויב, אַ שול-קאָנצערט, לייבלס אַוועקפאָרן, און —

שוין, מען גרייט זיך שוין צו די עקזאַמענס, צו די גראַדואיר-עקזאַמענס.

נעכטן בין איך געזעסן אין הויז און געטראַכט וועגן דער שול, און ס'איז מיר אומעטיק געוואָרן. האָט מיך די מאַמע געפרעגט פאַר-וואָס איך זיין אַזאַ טרויעריקע, האָב איך איר געענטפערט, אַז איך זיין ניט קיין טרויעריקע, איך זיין נאָר אַן אומעטיקע. האָט מיך די מאַמע געפרעגט, וואָס ס'איז דער אונטערשייד צווישן טרויעריק און אומעטיק, האָב איך איר ניט געקאָנט דערקלערן. האָט די מאַמע געזאָגט, אַז אומעטיק איז אַ מין ערב-טרויעריק, און אויב אַ מענטש ווייסט זיך ניט וואו אַפּצושטעלן קאָן ער זיך זייער לייכט אַריינגליטשן פון אומעטיק אין טרויעריק אַריין, ווי פון ערב-פסח אין פסח אַריין. כ'האָב זיך צעלאַכט פון אירע רייד און זיך זיי גוט איינגעהזרט, כ'זאָל זיי קאָנען שפּעטער פאַרשרייבן.

מיר איז געווען אַ ביסל אומעטיק, ווייל כ׳האָב געטראַכט וועגן אונדזער קלאַס אין שול. 9 זיינען מיר אין גראַדואיר-קלאַס, אַכט זיינען אַריין אין שול פּונקט מיט 4 יאָר צוריק, אין ערשטן קלאַס אַריין (ציפּע איז צוגעקומען שוין אין דריטן קלאַס, זי איז געקומען פון אַ באָסטאָנער שול). מיר זיינען געוואָרן זייער גוטע פריינט, די בעסטע פריינט, אין די 4 יאָר. איך געדענק: ווען איך בין 2 וואָכן קראַנק געווען און ניט געקאָנט קומען אין שול, איז מיר יעדן טאָג פּונקט 6 פאַרנאַכט געוואָרן ליידיק אַרום האַרצן און איך האָב געוואָלט וויינען. (איך בין דעמאָלט געווען אין דריטן קלאַס און מיר פלעגן לערנען פון 6 ביז 7.)

ניט אַלעמאָל איז פריילעך געווען אין אונדזער קלאַס, אָבער אַלע־מאָל איז וואַרעם געווען און גוט געווען (אפילו ווען דער לערער פלעגט זיך אַמאָל צעבייזערן).

בין איך געזעסן און איבערגעלאָפן אין קאָפּ אַלע בענקלעך און, כדי איך זאָל זיי ניט פאַרגעסן, האָב איך זיי אַלע פאַרשריבן אָט אַזוי ווי מיר זיינען אָפּגעזעסן אין קלאַס, יאָר נאָך יאָר:

	לערער	
איך	ציפּע	הערשל
פרעד	מאָלי	רוט
קאָפּל	סעם	זינע

אָט אַזוי וועל איך געדענקען דעם קלאַס: 9 פריילעכע, לעבעדיקע קעסטעלעך, וואָס האָבן 4 יאָר פאַרבראַכט צוזאַמען און ווען ס׳איז זייער, זייער גוט געווען, ווייל זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט.

יוני 1.

מיר גרייטן זיך צו די גראַדואיר-עקזאַמענס. דוכט זיך, אַז מיר׳ן אַריבער אין מיטלשול. מיר זיינען אָבער ניט זיכער מיט זינען: איר יידיש איז ניט צו גוט און זי פּלאָנטערט זיך אין דער געשיכטע.

איך האָב היינט גערעדט מיט ציפּען און מיט פרעדן וועגן זינען. מיר האָבן זי אַלע זייער ליב. דער קלאַס איז ליידיק און צו שטיל, אויב ס׳פעלט זינעס שעמעוודיק שוויגן. איך קאָן אַ לאַנגע צייט קוקן אויף אירע אַראָפּגעלאָזענע שווייגנדיקע אויגן, אירע ברוינע גלאַטע האָר, און די פאַררויטלטע — ווי זיי וואָלטן זיך כסדר געשעמט — באַקן, און טראַכטן: וואָס קאָן מען עפּעס טאָן איר צו העלפן? ווי מאַכט מען, זי זאָל שמייכלען?

מיר האָבן גערעדט וועגן איר און וועגן די עקזאַמענס: ווי וועלן מיר דאָס אַלע קאָנען אַריבער אין מיטלשול, אויב זינע זאָל איבער־בלייבן אין זעלבן קלאַס אויף נאָך אַ יאָר? ווי וועט זי דאָס קאָנען בלייבן אין קלאַס, אויב מיר זאָלן אַריבער אין מיטלשול?

— מיר'ן ניט אַריבערגיין אָן איר — גיט ציפּע אַ זאָג.

— אַ זיץ־סטרייק? — פרעגט פרעד. [אַן איינפאַל פון אַ יינגל!]

— ניין, חכם מיינער, ניט קיין זיץ־סטרייק — ענטפערט איס ציפּע — נאָר אַ פּלאַן ווי אַרויסצוהעלפן זינען אין דער אַרבעט. מען דאַרף אָבער אַרבעטן שנעל.

— יאָ — זאָגט פרעד — מען דאַרף מאַכן אַ בליץ־קריג. כ'מיין אַ בליץ־קריג צום גוטן, פאַרשטייט זיך.

מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי צו העלפן זינען: יעדן אָוונט וועט זי קומען צו עמעצן אַנדערש אין הויז אַריין און מיר'ן צוזאַמען שטודירן. פרעד האָט אויף זיך גענומען געשיכטע, ציפּע—ליטעראַטור, און איך — יידיש.

מיר זיינען זייער צופרידן מיט אונדזער פּלאַן. ס'ווייזט אויס, אַז ס'וועט אַרבעטן. היינט איז דער ערשטער אָוונט און זינע דאַרף קומען צו מיר. זי וועט מסתמא באַלד אָנקומען. איך זיץ און וואַרט.

* * *

יוני 15.

הוראַ! די עקזאַמענס זיינען אַריבער. עך, איז דאָס געווען אַ שטיקל אַרבעט! וואָס טשעפּען זיי זיך צו אונדז, די לערער? ווי טראַכטן זיי גאָר אויס אַזעלכע מאָדנע פראַגעס?

מיר וועלן, ווייזט אויס, אַלע גראַדואירן. זינע אויך.

יוני 30.

מאָדנע, טומלדיקע טעג. כ'האָב אַפילו ניט געשריבן אין מיין טאָג־ביכל. שוין באַלד צוויי וואָכן ווי מיר לערנען כמעט ניט. די רעזולטאַטן פון די עקזאַמענס זיינען געווען גוטע. שפּעטער איז געקומען דאָס גראַדואירן, מיט די רעדעס, מיט די דיפּלאָמעס, מיט די ווייסע קליידלעך, מיטן שלום־באַנקעט — איין לאַנגער אויסגעצויגענער און טומלדיקער יום־טוב.

היינט איז געווען דער לעצטער טאָג אין שול. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער שול. איך האָב זיך צוגעקוקט צו יעדן ווינקעלע, און צו יעדן בילד אויף דער וואַנט. כ'האָב זיך שטילערהייט געזעגנט

מיט יעדן בילד באַזונדער. כ׳האָב ניט געוואוסט, אַז כ׳רעד הויך צו זיך און האָב פּלוצים אַ זאָג געטאָן: „גוד-ביי, שלום-עליכם!" דער קלאַס האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

דער לערער האָט זיך מיט אונדז געזעגנט. ער האָט גערעדט קורץ, וואַרעם און האָט שטיל געשמייכלט:

— נו, חברה, 4 יאָר איז אַ לאַנגע צייט. איר זייט אין די יאָרן אויסגעוואַקסן, מען קאָן צו אייך רעדן ווי צו גלייכע. געדענקט, ס׳איז ניט אַזוי וואָס מ׳לערנט, ווי וואָס מען טוט מיטן געלערנטן. געדענקט וואָס די שול האָט אייך געגעבן. האָט ליב דאָס יידישע מאַמע-לשון, האָט ליב אייער פאָלק, האָט ליב אייער לאַנד אין וועלכן איר זייט געבוירן געוואָרן, האָט ליב דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט מיט האַנט און מאַרך אַזאַ זעלטן שיינע וועלט אויפֿגעבויט. זאָרגט ניט וועגן די שלעכטע צייטן, אין וועלכע מיר לעבן איצט. דאָס שלעכטע וועט פאַרגיין...

ער האָט נאָך ווייטער גערעדט. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און די שול האָט — פונקט ווי אַ בילד אין אַ מואווי — זיך אָפּגערוקט ווייטער און ווייטער אויף צוריק און געוואָרן קלענער און קלענער — און איך האָב געשעפּטשעט:

— גוד-ביי, שול, גוד-ביי...

ערב (ערעוו) — eve	מאַמע-לשון (לאָשן) — מוטער-שפּראַך, mother-tongue
כּסדר (קעסיידער) — continually	געשעפּטשעט — whispered
מסתּמא (מיסטאָמע) — probably	

2. אַ נייע וועלט

סעפּטעמבער 20.

נו, ניט געווען פאַר וואָס זיך צו שרעקן. כ׳האָב געמיינט, אַז אַ מיטלשול איז וועגער ווייס וואָס. לאָזט זיך אויס — ס׳איז אַ שול ווי אַלע שולן, נאָר אַ ביסל גרעסער, און אַ ביסל טומלדיקער, און פון אָנפאַנג אַ ביסל פרעמדלעך.

ס׳האָט זיך מיר געבענקט נאָך דער עלעמענטאַר-שול. דאָרט איז, דאַכט זיך, געווען היימישער און וואַרעמער. (כ׳האָב עס דערציילט דער מאַמען, האָט זי אַ זאָג געטאָן: „וואָדען, אַ וואַרעם אין כריין!") כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן לערער פון עלעמענטאַר-שול.

— אַ שאָד געווען אים איבערצולאָזן דאָרט אין שול, איינעם אַליין — האָב איך אַ זאָג געטאָן.

— וואָס האָסטו געוואָלט? ער זאָל אויך גראַדואירן אין מיטל־שול אַריין? — האָט פרעד אַ לאַך געטאָן.

— יאָ, נעבעך, „איינער איינער" — האָט דער „אַלטער קאָפּ" ציפּע פון מיר געחוזקט. — ער זיצט דאָרט מסתמא און ווייגט זיך די אויגן אויס פון גרויס בענקעניש נאָך מיר און נאָך דיר און נאָכן זיסן פּרעדעלע, אַ געזונט אים אין קעפּעלע.

— גיי שוין, גיי! — האָט זיך זינע אַריינגעמישט. — ער האָט שוין מסתמא פאַרגעסן ווי מיר זעען אויס אַפילו.

פרעד האָט פּלוצים אויסגעשאָסן:

— נע, אַ לערער איז ווי אַ באַס־טרייבער. ער נעמט אַריין פּאַסאַזשירן, ד. ה. קינדער — פירט זיי אָפּ 4 סטאַנציעס — ד. ה. פיר קלאַסן — פירט זיי צו צו דער סאָבוויי — ד. ה. צו דער מיטלשול, און — פאָרט זיך געזונטערהייט, קינדערלעך. און ער אַליין, דער לערער, פאָרט צוריק, נעמט אַ חברה נייע קינדער און פאַרגעסט די אַלטע.

מיר האָבן געלאַכט. אָבער איך בין מיר געבליבן ביי ס'מייניקע: אַ שאָד דער לערער. ניט באַדאַרפט אים איבערלאָזן איינעם אַליין אין דער עלעמענטאַר־שול.

אָקטאָבער 7.

מיר לעבן זיך איין אין מיטלשול. אַזויפיל נייע קינדער. דאַכט זיך, אַז מיר וועלן דאָ האָבן אַ סך נייע חברים. די ערשטע טעג האָבן מיר, די קינדער פון אונדזער שול, זיך כסדר געהאַלטן צוזאַמען און געהאַט ווייניק וואָס צו טאָן מיט די אַנדערע קינדער. מיר פלעגן קומען צוזאַמען, אַרויסגיין עסן צוזאַמען און אַהיימפאָרן צוזאַמען.

דער עיקר איז געווען דאָס „קומען צוזאַמען" — מיר פלעגן דאָרטן איינער אויפן אַנדערן אויף דער סאָבוויי־סטאַנציע, כדי מיר זאָלן פאָרן צוזאַמען אין שול. פלעגט זיך איינער אַמאָל פאַרשפּעטיקן, פלעגן מיר זיך אַלע פאַרשפּעטיקן, און אַריינמאַרשירן אין קלאַס אַריין, אַז ס'איז געווען אַ שאַנדע.

איין מאָל האָבן מיר אַריינמאַרשירט 10 מינוט נאָכן אָנהייב קלאַס. דער לערער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, ער איז בלויז צוגעגאַנגען צום ברעט און אָנגעשריבן אין ענגליש:

The Charge of the LATE Brigade

דער קלאַס האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. זייט דעמאָלט וואַרטן מיר מער ניט איינער אויפֿן אַנדערן אויף דער סאַבוויי־סטאַנציע.

מיר האָבן אָנגעהויבן צוקריגן נייע חברים און פֿריינט, מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט אַ סך נייע לערער, אַזויפֿיל נייע לערער, אין מיטל־שול. שווער אַלעמען צו געדענקען ביי די נעמען. די ערשטע טעג האָב איך זיי בלויז געדענקט ווי: חבר יידיש, חברטע געשיכטע, חבר ליטעראַטור, חברטע „קינדער, איר זייט צו טומלדיק היינט".

פֿרעד זאָגט אויך, אַז ס'איז אַ סך לערער. מ'קאָן ניט אַלעמען געדענקען. ס'איז, זאָגט ער, צופֿיל, ווי אַ „דאַבל פּיטשור".

— פֿרעדעלע — האָט אים ציפּע אַ זאָג געטאָן — דו רעדסט שוין! דו דאַרפֿסט בלויז געדענקען אַ פֿינף־זעקס נעמען. אָבער די לערער, נעבעך, זיי דאַרפֿן זיך אויסלערנען די נעמען פֿון אַזויפֿיל קינדער, ס'אַ שרעק.

— אַהאַ, דו „פֿאַרשטייסט שוין ווייטער דאָס ביטערע האַרץ פֿון לערער" — האָט פֿרעד צו איר אַ לאַך געטאָן. אַוודאי, איז עס אַ שרעק. ס'איז אויך אַ פּחד, אַ מורא, אַ רחמנות, אַן אוי־ווי־איז־מיר'עלע, ניין, ציפּקע?

וואָדען — וואָס דען	געחוזקט (געכויזעקט) — אָפּגע־לאַכט; געמאַכט שפּאַס
„אַ וואָרעם אין כריין" — זיין צו־פֿרידן אַפֿילו מיט עפּעס וואָס איז ניט גוט, אַבי עס איז באַקאַנט, היימיש.	ד. ה. — פֿאַרקירצט: דאָס הייסט
	דער עיקר (איקער) — mainly
	פּחד (פּאַכעד) — שרעק

3. מאַמע־לשון

דעצעמבער 1.

די קלאַסן גייען ווי אַלע מאָל: די לערער לערנען — די קינדער הערן. די יידישע גראַמאַטיק דערגייט אַ סך קינדער די יאָרן, די געשיכטע קומט ניט אָן לייכט, אָבער דאָס זיינען אַלץ אַלטע זאַכן. אונדזער לערער אין יידיש זאָגט, אַז ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה. גראַמאַטיק, זאָגט ער, קאָן זיין פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט ווי יעדער אַנדער געגנשטאַנד.

ער איז אַ שטילער מענטש, אונדזער יידיש־לערער, מיט וואַרעמע ברוינע אויגן. מיר האָבן אים זייער ליב און לערנען ביי אים בעסער

ווי ביי אַנדערע לערער, כאָטש ער לערנט גראַמאַטיק און קאָמפּאָזיציע.

אַז ער גיט פרעדין צוריק אַ קאָמפּאָזיציע, צעשמייכלען זיך זיינע ברוינע אויגן:

— נו, פרעדעלע, מיין אויג אין קאָפּ, האָסטו דאָס געמאַכט אַ פּאַגראָמטשיקל אויפן אָרעמען מאַמע־לשון, אַ רחמנות.

ציפּע האָט זיך פון אים אויסגעלערנט זאָגן מאַמע־לשון, און זי לאָזט דאָס וואָרט פון מויל ניט אַרויס. היינט אין קלאַס גיט זי אַ זאָג:

— לערער, איך האָב נעכטן אַ גאַנצע שעה געטראַכט אויף מאַמע־לשון.

פרעדי איז נאָך אַלץ ברוגז אויף ציפּען, שיקט ער מיר צו אַ צעטעלע: „דיין ציפּקע איז אַ נודניצע אויף מאַמע־לשון און אויף אַלע אַנדערע ל ש ו נ ם.״

איך האָב אים צוריקגעשריבן: „פרעדעלע, „מיין אויג אין קאָפּ״, די מערצאָל פון לשון איז ל ש ו נ ו ת.״

האָט מיר פרעדי געענטפערט מיט אַ צעטעלע: „בין איך טאַקע דיין אויג אין קאָפּ? דאָס רעכטע, צי דאָס לינקע?״ — גיי האָב צו טאָן מיט פרעדין. איך בין רויט געוואָרן, און דער לערער האָט אויף אונדז אַ קוק געגעבן:

— אַהאַ, דער „פּאָני־עקספּרעס״ אַרבעט שוין.

אוים צעטעלעך!

אונדזער יידיש־לערער איז אַ גוטער לערער, ווייל ניט נאָר לערנט ער אונדז, נאָר ער לערנט אונדז אויך ליב האָבן דאָס וואָס ער לערנט. און דאָס הייסט אַ גוטער לערער, אַזוי מיין איך. ער דערציילט אונדז וועגן יידיש, פון וואַנען ווערטער נעמען זיך, ווי לאַנג די יידן רעדן יידיש, און אַז עמעצער פון אונדז פלעגט זיך אַמאָל קלאָגן, אַז ס׳איז אים שווער, אַז ענגליש איז לייכטער, פלעגט דער לערער בלויז שמייכלען מיט די ברוינע אויגן:

— צוויי הענט איז בעסער ווי איינע, צוויי פיס איז בעסער ווי איין פוס, צוויי אויגן איז בעסער ווי איין אויג — טאַ, וואָס איז אייגנטלעך דער מער מיט צוויי שפּראַכן? האַ? וואָס טשעפּעט איר זיך?

דערגייט די יאָרן — פאַרמאַטערט, מוטשעט	וואָס איז דער מער — what's the matter
לשונות (לעשוינעס) — שפּראַכן	

4. „פּרעשים"

סעפּטעמבער 27.

מיר זיינען שוין צוריק אין שול. דער זעלבער יום־טובדיקער טומל ווי אָנהייב אַלע יאָר. מען פרייט זיך און מען כאַפּט זיך אַרום און מען האָט זיך אַזויפיל צו דערציילן און מען ווייסט ניט וואו אָנצוהייבן, און מען דערמאָנט זיך, וואָס מען האָט געוואָלט זאָגן און מען עפנט דאָס מויל אָנצוהויבן רעדן און —

עס צעקלינגט זיך דאָס גלעקל און מען גייט אַריין אין קלאַס.

אַ מאָדנע פאָלק — די „פּרעשים". זיי קומען אָן אין מיטלשול און זעען אוים ווי מאָטל פּייסים מיט זיין משפּחה, בעת זיי זיינען ס׳ערשטע מאָל אַרוים אויף דער ניו־יאָרקער סטריט.

ווען מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם אָפיס, וואו די „פּרעשים" האָבן זיך רעגיסטרירט, האָט מאַרטין טאַקע אַ זאָג געטאָן:

— זעט נאַר, ווי איך בין אַ ייד, עלים איילאַנד!

ער האָט אָפּגעשטעלט איינעם פון די „פּרעשים", אַן ערנסטן בחור פון אַ יאָר 13, מיט אַ פּאָר זייער ערנסטע ברילן אויף דער נאָז:

— שלום עליכם, ר׳ ייד.

— עליכם שלום — האָבן אים די ברילן געענטפערט אין אַ ריינעם יידיש.

— פון וואַנען קומט אַ ייד?

— פון פלעטבוש קומט אַ ייד.

— אַ־וואַ, אַ גרינער נעבעך.

— אַ׳ם עי סיטיזען — האָבן די ברילן זייער ערנסט געענטפערט און אונדז געוויזן אַ קאַרטל, אַז ער איז אַ מיטגליד פון די „פלעטבוש־קאָמאַנדאָס".

אין אַ צווייטן ווינקל האָט דער לאַנגער לואי פון אונדזער קלאַס איינגעטענהט מיט אַ רויט וועווריקל פון די „פּרעשי"־לייט:

— סי? אין עלעמענטאַרער שול יו טאָק פליין יידיש, באָט היר אין מיטלשול יו העוו טו טאָק דהי העברייאישער עלעמענט אָל דהי טיים.

דאָס רויטע וועווריקל האָט אויף אים אַ פינטל געטאָן מיט אַ פּאָר גרינע קלוגע אייגלעך:

— גולם. טיפש, גנב, גזלן... גוד אינאַף פאָר יו, אָר דו יו וואָנט מי טו טהראָו אין „בן־יחיד", ענד „ערב־פּסח" טו?

לואי האָט זיך פון אים שנעל אָפּגערוקט.

ציפּע זאָגט, אַז מען דאַרף זיך ניט טשעפּען מיט די „פּרעשים”. איך האַלט אויך אַזוי. און ציפּע זאָגט אויך, אַז אַממערסטן טשעפּען זיך דווקא די גרויסע העלדן פון צווייטן קלאַס, ניט פון די אַנדערע קלאַסן.

* * *

אין אַ ווינקל זיינען געשטאַנען די לערער און האָבן באַקוקט די נייע „רעקרוטן”. ווער ווייס וואָס אַ לערער טראַכט? נאָר מיר דאַכט זיך, אַז יעדער לערער האָט געטראַכט וועגן זיינע צרות:

דער ליטעראַטור-לערער: — וועט יענע מויד כאָטש פאַרשטיין אַ ביסל ליטעראַטור?

דער יידיש-לערער: — ד ע ר בחורעץ זעט אויס ווי אַ מענטש, וואָס וועט צעקייען אַ בלאַט גראַמאַטיק.

דער געשיכטע-לערער (שאָקלט מיטן קאָפּ): — פאַרפאַלן, קיין געשיכטע וועלן זיי שוין קיינער ניט קענען.

דער דירעקטאָר איז צוגעקומען צו די לערער. כ'האָב געהערט ווי ער האָט צו זיי אַ זינג געטאָן:

— יידעלעך, פריש פון די אייעלעך.

וועוועריק — squirrel
גולם (גוילעם) — idiot
טיפּש (טיפּעש) — נאַר

„יידעלעך, פריש פון די אייע-לעך” — אַ פערז פון ביאַליקס אַ באַוואוסטער פּאָעמע

אָקטאָבער

• ל. ניידוס

לאַנג שוין אָפּגעפירט דער האָבער,
לאַנג צעדראָשן שוין דער קאָרן.
ס'בלאָזט אָקטאָבער
אין זיין האָרן!

ס'פליען רענדלעך גאָלד צעשטראַלטע
אין דעם אָפּגעקילטן עטער:
ס'פאַלן אַלטע
געלע בלעטער . . .

כ'בלאָנדזשע אום ביי ווינטערס שוועלן,
און די פיס פאַרמאַטערט שלעפּ איך
דורך דעם העלן
פאַרבן-טעפּיך.



ווינטער אין ניו־יאָרק י. ביעל

די קינדער זיינען אַנגעלאָפן

● י. י. שוואַרץ

די קינדער זיינען אַנגעלאָפן פון דער גאַס
מיט פייכטע לאָקנס און צעבליצטע אויגן;
מיט זיי צוזאַמען איז אַ גרויסע ליבע פרייד
פון דרויסן אינעם צימער אַנגעפלויגן.

די בעקלעך גליען ווי די עפּל קאַלט און רויט;
די שטאָלענע און בלאַנקע גליטשערס קלינגען;
געשווינטע פיסלעך טראַמפּלען אויפן דיל;
איין קולכל וויל דאָס צווייטע איבערזינגען.

עס שלאָגט מיט שטראָמען לעבן יונג און פריש —
אָט האָבן זיי אַרומגעכאַפּט די מאַמען;
איין קעפּל טוליעט זיך צום צווייטן ווי אַ קראַנץ,
און אַלע רעדן, פּלוידערן צוזאַמען.

גליען — פלאַמען
טראַמפּלען — טרעטן

קולכל (קאָלכל) — שטימעלע

שוין איינמאַל אַ סוכה!



• שלום עליכם

א.

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן קיין זאַך ניט געלערנט און קענען אַלצדינג, אין ערגעץ ניט געוועזן און ווייסן אַלצדינג, אויף קיין זאַך ניט פאַרטראַכט זיך און פאַרשטייען אַלצדינג.

„געבענטשטע הענט!" — אַזוי רופט מען זיי, די דאָזיקע גליקלעכע מענטשן, און די וועלט איז זיי מקנא, חידושט זיך און האָט רעספּעקט.

אַט אַזאַ מענטש איז געווען ביי אונדז אין קאַסרילעווקע, און גערופן האָט מען אים: שוין איינמאָל משה.

דערפאַר האָט מען אים גערופן שוין איינמאָל משה, ווייל אויף יעדער זאַך, וואָס ער האָט געזען, געהערט אָדער געמאַכט, האָט ער ליב געהאַט צו זאָגן: „שוין איינמאָל אַזוי".

— מען האָט געטראָגן אַן אינדיק — שוין איינמאָל אַן אינדיק!

— מאָרגן וועט זיין אַ פראָסט אין דרויסן — שוין איינמאָל אַ פראָסט!

— איז דאָס געפלויגן פעטש — שוין איינמאָל פעטש!

— אוי, יידן, בין איך אַן אָרעמאַן — שוין איינמאָל אַן אָרעמאַן!

שוין איינמאָל משה איז תמיד געווען פריילעך, תמיד זיינען אים די בעקלעך געווען רויט, איין וואָנסע אַ ביסל לענגער פון דער אַנדערער, דאָס היטל אויף אַ זייט, און די אויגן תמיד גוטע, שמייכלענ-

דיקע, שטענדיק קיין צייט ניט געהאַט און אַלעמאָל, צו יעדער צייט, געווען גרייט פון יענעמס וועגן גיין צען מייל צופוס.

אָט אַזאַ מין פּאַרשוין איז געווען אונדזער „שוין איינמאָל משה".

איז מקנא (מעקאַנע) — envies	תמיד (טאָמיד) — שטענדיק, אייביק
חידוש (כידעש) — וואונדער	

ב.

ניט געווען איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס „שוין איינמאָל משה" זאָל דאָס ניט קאָנען מאַכן: אַ שטוב איז אַ שטוב, אַ זייגער איז אַ זייגער, אַ מאַשין איז אַ מאַשין, אַ לעמפּל, אַ דריידל, אַ קראַן, אַ שפּיגל, אַן עמער, אַ שטייג — און וואָס ניט?

אַז מע האָט משהן ניט צעריסן אויף שטיקלעך, איז ער געווען איינער אַ גליקלעכער! האָט זיך איבערגעדרייט אַ שלאָס — צו וועמען איז מען געגאַנגען? צו משהן. האָט זיך געשטעלט דער זייגער — צו משהן. פאַרשטאָפּט געוואָרן דער קראַן פונעם סאַמאָוואַר און עס קאָן זיך ניט צאַפּן — צו משהן. ווידער אַמאָל „שוין איינמאָל משה", און טאַקע אָבער אַמאָל „שוין איינמאָל משה"!

אמת, דעם איבערגעדרייטן שלאָס האָט מען טאַקע נאָכדעם פאַרוואָרפן אַן איבערגעדרייטן ערגעץ אויף אַ שאַפע, דעם זייגער האָט מען געמוזט אָפּגעבן צום זייגערמאַכער, און דעם סאַמאָוואַר — צום קעסלער. נאָר „שוין איינמאָל משה" איז געבליבן דער אייגענער „שוין איינמאָל משה", וואָס פריער. פאַרט „געבענטשטע הענט"!

אַ קראַן — faucet	צאַפּן — to draw, to tap
	קעסלער — boilermaker

ג.

מיט דעם דאָזיקן „שוין איינמאָל משה" זיינען מיר געוואָרן גאַנץ נאָענטע שכנים אין איין דירה, אונטער איין דאַך. און אַז ס'איז אָנגעקומען סוכות, האָט „שוין איינמאָל משה" זיך אונטערגענומען אויפצובויען אַ סוכה פאַר די דריי שכנים אין הויז: פאַר אונדז, פאַר זיך, און פאַר אונדזער באַלעבאָס, הערשקע מאמצים.

— וואו רעכנט איר, רב משה, צו שטעלן די סוכה? — פרעגט דער טאַטע ביי „שוין איינמאָל משהן", און „שוין איינמאָל משה", פאַרריסן דאָס היטל און פאַרטראַכט, ווי אַ גרויסער אַרכיטעקט, וואָס

באַקלערט זייער אַ גרויסן פּלאַן, ווייזט מיטביידע הענט פון דאַנען אַהער און פון דאָרטן אַהין, און וויל געבן צו פאַרשטיין, אַז עס וועט ביי אים אַ ביסל געדויערן, נאָר דערפאַר וועט דאָס זיין אַ סוכה — שוין איינמאָל אַ סוכה! דער עיקר, ס'זאָל נאָר זיין מאַטעריאַל.

— מאַטעריאַל וועט זיין, האָט איר זשע אינסטרומענטן? — פרעגט אים הערשקע.

— אינסטרומענטן וועלן זיך געפינען, האָט איר זשע געהילץ? — פרעגט אים משה.

—געהילץ איז פאַראַן, האָט איר זשע טשוועקעס? — פרעגט אים הערשקע.

— טשוועקעס קאָן מען קריגן, האָט איר זשע סכך? — פרעגט אים משה.

— עפּעס זענט איר מיר היינט צו „דאָסיק"! — מאַכט הערשקע.

— צו וואָסיק? — פרעגט אים משה און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין, און ביידע צעלאַכן זיך.

דער עיקר (איקער) — די הויפּט־זאַך געהילץ — האָלץ	סכך (סכאַך) — צווייגן פון נאָדל־ביימער, מיט וועלכע מען באַדעקט די סוכה.

ד.

נאָר אַז הערשקע מאַמצים האָט געבראַכט צו שלעפּן די ערשטע עטלעכע ברעטלעך מיט די ערשטע פּאָר קלעצלעך, האָט „שוין איינ־מאָל משה" געזאָגט, אַז עס וועט זיין „שוין איינמאָל אַ סוכה". און איך בין געווען זייער נייגעריק צו וויסן, ווי אַזוי וועט ער דאָס מאַכן פון די דאָזיקע עטלעכע ברעטלעך מיט די פּאָר קלעצלעך אַ סוכה? איך האָב מיך אויסגעבעטן ביי דער מאַמען, זי זאָל מיך לאָזן זיין דער־ביי, בשעת משה וועט מאַכן די סוכה, און משה אַליין — ניט נאָר האָט ער מיר דערלויבט צו זיין דערביי, אדרבה — ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אים זיין אַן אַרויסהעלפער, דאָס הייסט, איך זאָל אים העלפן דערלאַנגען און צוהאַלטן, וואָס ער וועט מיך הייסן.

סע פאַרשטייט זיך, אַז איך בין פון אַזאַ מעשה געווען אויפן זיבעטן הימל. אַ קלייניקייט — איך וועל העלפן בויען אַ סוכה! און געהאָלפן האָב איך זייער אַ סך: געהאָלפן מאַכן מיט די ליפּן, בשעת משה האָט געקלאַפּט מיטן האַמער, געהאָלפן גיין אין שטוב אַריין

גלייך מיט אים עסן, געהאָלפֿן שרייען אויף די איבעריקע קינדער, זיי זאָלן אונדז ניט שטערן די אַרבעט, און געהאָלפֿן אונטערטראָגן אים אַלעמאָל דעם האַמער, בשעת ער האָט באַדאַרפֿט דעם דלאָט, און דערלאַנגען אים די צוואַנג בשעת ער האָט באַדאַרפֿט האָבן אַ טשוואָק.

— קום, וועסטו זען די סוכה, וואָס מיר האָבן אויסגעבויט! — אַזוי זאָג איך דעם טאַטן און שלעפּ אים אַרויס פֿאַר דער פֿאָלע אינ־דרויסן אַרויס, און דער טאַטע קוועלט־אָן פֿון אונדזער אַרבעט, קוקט אויף משהן מיט אַ שמייכעלע און זאָגט צו אים, באַווייזנדיק אויף מיר:

— האָט איר כאָטש געהאַט פֿון אים, רב משה, אַ שטיקל הילף?

— שוין איינמאָל אַ הילף! — זאָגט משה.

בשעת (בעשאַס) — while	דלאָט — chisel
אדרבה — פֿאַרקערט; נאָך מער	צוואַנג — pliers

ה.

ערב סוכות האָט הערשקע געבראַכט צו פֿירן אַ וואָגן מיט דינע, דינע שטעקעלעך און מיר האָבן זיך גענומען דעקן די סוכה; דאָס הייסט, דעקן האָט גדעקט משה אַליין, און איך האָב געהאָלפֿן צע־טרייבן די ציגן, וואָס האָבן זיך צוגעכאַפּט צום דאַזיקן סכך, ווי צו עפּעס רעכטס. איך ווייס ניט, וואָס פֿאַר אַ טעם האָבן זיי געפֿונען אין די דאַזיקע ביטערע, גרינע שטעקעלעך.

אַז דער גאַנצער סכך איז שוין געלעגן אויף דער סוכה, זיינען די ציגן געבליבן שטיין, ווי די נאַראָנים, געקוקט אַרויף מיט נאַרישע אויגן און נאַריש געמאַלעגיירעט. איך האָב דערלעבט אָן זיי אַ נקמה און האָב זיך אָנגערופֿן צו זיי:

— פֿאַרוואָס שלעפּט איר איצטער ניט קיין סכך, נאַרישע ציגן!

ערב סוכות ביינאַכט. מיר זיצן אַלע אין סוכה. אַלע דריי באַלע־באָסטעס ברענגען צו טראָגן די גוטע, וואַרעמע, פֿרישע, געפּעפּערטע, שמעקעדיקע פֿיש — און איטלעכער זיצט זיך מיט זיין געזינדל ביי זיין טיש. אַ סך חלות. אַ סך הענט טונקען איין ווייכע חלה אין הייסער פֿיש־יויך. אַ סך מיילער עסן. און אַ ווינטל בלאָזט אַריין אין סוכה דורך די דינע שוואַכע ווענטלעך און דורכן שיטערן סכך, און די ליכטלעך שמעלצן זיך, און אַלע עסן, עסן געשמאַק — פּלוצים

— טררראַך! דער גאַנצער דאַך מיטן סכך אויף אונדזערע קעפּ; און נאָכן דאַך — איין וואַנט און די אַנדערע וואַנט בויגן זיך, און עפּעס אַ ציג פּליט פון אויבן אַראָפּ גלייך אויף אונדז, און מיטאַמאָל ווערט פינצטער־חושך, אַלע ליכט אויסגעלאָשן, אַלע טישן איבערגעקערט, און מיר אַלע, מיט די חלות, מיטן געפעס, מיט דער ציג, ליגן אין זאַמד. און די לבנה שיינט, און די שטערן קוקן, און די ציג כאַפּט זיך אויף מיט שרעק אויף די דינע פיסלעך, בלייבט שטיין אַ ווילע און קוקט זיך אַרום מיט נאַרישע אויגן, און באַלד כאַפּט זי די פיס אויף די פּלייצעס און מאַרש איבער טישן און איבער בענק און איבער קעפּ מיט אַ געשריי: „מע־ע־ע!" די ליכט אַלע אויסגעלאָשן, דאָס געפעס צעבראָכן, די חלות אין זאַמד, מיר אַלע איבערגעשראָקן אויף טויט. די ווייבער קוויטשען, די קליינע קינדער וויינען — אַ חורבן! אַן אמתער חורבן!

— אַ שיינע סוכה האָט איר אַנידערגעשטעלט! — זאָגט צו אונדז נאָכדעם דער באַלעבאָס, הערשקע מאַמצים. — אַ שיינע סוכה, אַז איין ציג האָט זי געקאָנט אַנידערלייגן. אַ שיינע סוכה!

— שוין איינמאָל אַ סוכה! — זאָגט „שוין איינמאָל משה", שטייט ווי אַן אויסגעפּאַטשטער און באַטראַכט מיט קאָפּ פון וואַנען, אייגנט־לעך, האָט זיך גענומען דער דאָזיקער חורבן. — שוין איינמאָל אַ סוכה!

— יאָ, שוין איינמאָל אַ סוכה! — קרימט אים איבער דער באַלע־באָס, און אַלע העלפן אים אונטער אין איין קול:

— שוין איינמאָל אַ סוכה!...

געמאַלעגייערט — chewed the cud	כאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס — לויפט
נקמה (נעקאָמע) — revenge	חורבן (כורבן) — אַן אומגליק
געזינדל — משפּחה	אייגנטלעך — properly, strictly speaking
חושך (כוישעך) — פינצטער	

אויפן גליטש

• פּרץ מאַרקיש

כ׳בין אַרויס דיר, פראָסט, אַנטקעגן,
אויף די אויסגעגלאָזטע וועגן:
איך — מיט גליטשערס נייע צוויי,
דו — מיט שליסל פונעם שניי.

שליסטו אויף דאָס שנייענשיטן,
מיר מיין גליטשלקע פאַרשיטן, —
איז דער טייך געגוג נאָך גרויס
און איך רייב אַ נייע אויס.

שטעלסטו אונטער מיר אַ פיסל,
רייס איך אויס ביי דיר דעם שליסל
און אַנטלויף מיט אים; היי, היי, —
כ׳בין געפאַלן און איך שטיי!

און צעגלי מיר נאָך די באַקן
מיט אַ ווינטל אַ געשמאַקן,
כ׳גיב זיך איין מאָל נאָר אַ דריי
און איך שיט דיך אָפּ מיט שניי.

אויסגעקאַטשעט כ׳האָב אַ שנייער
העבער נאָך פון אונדזער טויער.
ציילן קאָנסטו פראָסט? איינס, צוויי,
כאַפּ אַ קויל און ווייטער גיי.

צעגלי — צעהיץ; פאַרפלאַם | אַ שנייער — אַ שניי־מענטש

אַ ציגעלע

• ס. אָרניץ

1.

נייַן יאָר

אַ שאַרפער דעצעמבער אָוונט. גאַז-לאָמפּן ברענען ווי לייכט-טורעמס אויף דעם בלויען ים אין אַ ווינטער-נאַכט. איך קום אַהיים פון חדר. איך גיב אַ וואָרף מיינע ביכער אויף אַ שטול, כאַפּ דאָס גרויסע שטיק ברויט און דעם עפּל, וואָס די מאַמע האָט אָנ־געגרייט פאַר מיר, און ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, לאָז איך זיך צו דער טיר. איך איַיל זיך צו טרעפן מיט דער לודלאָו-סטריט גענג. ערשט נעכטן בין איך אויפגענומען געוואָרן אין אירע גלאָררייכע רייען ווי דער פּערצנטער פירער.

איך איַיל זיך אַוועקצוגיין, שוויַיגנדיק, פאַרטאָן אין זיך, ווי אַ וויכטיקער פּאַרשוין. אַנקל פיליפּס קול האַלט מיך אָבער אָפּ. איך קייַע דערווייל דעם עפּל, בעת אַנקל פיליפּ זאָגט מיר מוסר, ווי אַ מגיד. ער שרעקט מיך אָפּ. ניט אַזוי ער, ווי זיין אופן פון רעדן יידיש. ס׳איז ניט דאָס געוויינלעכע כאַפּ-לאַפּ יידיש, נאָר אַ ריטמישע אינ־טערעסאַנטע לאַנגישע שפּראַך. אויף יידיש, די שפּראַך פון די גרינהאָרנס, קוקן די לודלאָו-סטריטער פון אויבן אַראָפּ, ווי עס פּאַסט פאַר זיי, די אַמעריקאַנער, וואָס פילן אַזוי שטאַרק זייער אַמעריקאַניזם. אָבער אַפילו די גענג היט זיך אוים צו מאַכן חוזק פון אַנקל פיליפּ, ווייל ער באַגלייט זיין יידיש מיט זשעסטן, וואָס לאָזן זיך שמערצלעך געדענקען.

— נו, ישיבה-בחור, וואָס זאָגט מען עפּעס? אַזוי ווי אַ וויכער, אַריין און אַרויס, אַ כאַפּ, און אַוועק, פאַרטיק! און וואָס הערט זיך מיט יוצא זיין פאַר לייטן? און פאַר טאַטע-מאַמע? וואָס דענקסטו צו ווערן, אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, צי אַ באַלעגאָלע, זיך חברן מיטן פערד? נו, וואָס זאָגט מען עפּעס?

— טאַקע, וואָס זאָגט מען? — רופט זיך אָפּ די גוטע מאַמע מיט אַ לייכטן פאַרוואורף.

דאָס מויל איז מיר פאַרשטאָפּט מיט ברויט און עפּל, און איך ווער שיער ניט דערוואָרגן פאַר פאַרדראָס, ווען איך דערהער, ווי די מאַמע רופט מיך אָן מיט מיין פאַרהאַסטן צונאָמען — ציגעלע.

דער טאַטע קוקט מיט זיינע אומעטיקע אויגן. ווי געוויינלעך, זיצט ער איינגעהויקערט אין זיין שטול. זיינע אויגן לייכטן מיט אַ דאַנק אויף דעם יונגן, קרעפּטיקן פיליפּ, דעם טאָן־געבער פון דער משפחה, וועמען ער האָט אַזוי ליב און אידעאַליזירט אַזוי, גאָרניט ווי זיינעם אַ שוואָגער. פיליפּ, זאָגט ער, איז דער פייערדיקער זייל, וואָס ווייזט דעם וועג פון דעם מדבר אַרוים — פון סוועט־שאַפּ.

— געדענק, — זאָגט פיליפּ מיטן טאָן פון אַ שטרענגן מגיד, — ביסט שוין אַרוים פון די ווינדעלעך. היינט ווערסטו ניין יאָר. מאָרגן הויבסטו אָן דאָס צענטע יאָר . . .

— ס׳צענטע יאָר, אַ לאַנג לעבן אויף דיר, ציגעלע!

ציגעלע, ציגעלע! שטענדיק ציגעלע! ס׳פאַרביטערט מיר דאָס לעבן. די לודלאָו־סטריטער האָבן פאַר מיר קיין אַנדער נאָמען ניט. זיי באַגריסן מיך מיט „מע־ע־ע, מע־ע־ע“ און צופּן מיר דאָס פּנים, אַקוראַט ווי איך וואָלט געהאַט אַ באָרד. אַ שיינער נאָמען, ציגעלע! אַנדערע קינדער האָבן אויך צערטלעכע נעמען, רופט מען כאַטש איינעם טאַטעלע, אַ צווייטן זיידעלע, אַ דריטן הערצעלע. נאָר מיך האָט מען אַרויסגעשטעלט אויף לייטיש געלעכטער ווי אַ ציגעלע. פאַר־וואָס קומט עס מיר?

פיליפּ האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעשטעלט זיין גלאָז אויפן טיש. קיין שאָלן האָבן מיר נאָך דעמאָלט ניט פאַרמאָגט. ער האָט זיך גאַלאַנט פאַרנויגט, בעת ער האָט גענומען ביי דער מאַמען איר גלאָז. דער טאַטע האַלט אין גריזשען אַ קליין שטיקל צוקער און זופּט די טיי פון גלאָז מיט אַ צופרידענעם צישען. ווען פיליפּ באַוועגט זיך צווישן דעם לעמפּל און דעם טיש, טאַנצן שאָטנס אויף דער וואַנט, שאָטנס וואָס נעמען אָן די געשטאַלט פון ציגן, וועלכע רייצן זיך מיט מיר. און מיר ווילט זיך אויף זיי עפּעס וואַרפן.

— מאיר, — זאָגט צו מיר פיליפּ און מאַכט צו מיר מיט אַ פינגער, — געדענק, אַז בילדונג אָן דערציאונג איז ווי אַ קוגל אָן שמאַלץ. ס׳איז אַ מאכל אָן טעם, און אַזוי איז אויך אַ מענטש אָן איידלקייט.

— דזשי, — פאַרטיידיק איך זיך אויף ענגליש, — איך האָב קיין צייט ניט אויף אַלצדינג.

אַ שנעלער, שטראָפנדיקער זשעסט צווינגט מיך אַנטשוויגן צו ווערן.

— רעד צו מיר מאַמע־לשון און ניט די פּאַסקודנע גאַסן־שפּראַך!

ווידער מאַכט ער מיך צו שאַנד, ער, דער גרינהאָרן. ער ווייסט, אַז איך רעד ניט קיין אײַדעלע אַמעריקאַנער שפּראַך.

איך פאַרטיידיק זיך שוין אויף יידיש, און ווייל איך רעד אַזוי גרינג און פליסיק, שמייכלט די מאַמע מיט שטאָלץ און אַפילו פיליפּס שטרענגע באַנעמונג ווערט מילדער.

— אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען אין סקול און דערנאָך אַ גאַנצן אָוונט אין חדר, און איך וויל אַ ביסל שפּילן מיט די באָיעס. און אין חדר איז היינט געווען זייער שווער. כ'האָב געמוזט לייענען אַ גאַנץ בלעטל חומש און רש"י און כ'האָב געלייענט אַפילו אָן איין גרייז.

די מאַמע שטראַלט. „נישט שלעכט, נו, וואָס זאָגסטו, פיליפּ? און ערשט ניין יאָר."

— האָסט נאָך אָבער ניט געענדיקט לערנען, — זאָגט פיליפּ. — אַ לעקציע אין באַנעמונג איז קיינמאָל ניט אויסערן וועג. געדענק, מאיר, ווי רייך און ווי געלערנט דו זאָלסט ניט זיין, וועסטו גאָרנישט ניט ווערט זיין, אויב דו וועסט ניט זיין קיין דזשענטלמאַן. — דאָס לעצטע וואָרט רעדט ער אַרויס שאַרף אויף ענגליש.

— וואָס איז דאָס — אַ דזשענטלמאַן? — פרעג איך.

— אַ דזשענטלמאַן, אַ! אַ דזשענטלמאַן — הם — איז אַ מענטש, וואָס מע קאָן אים ניט אַקוראַט באַשרייבן — הם — אָבער ווי נאָר מען גיט אַ קוק אויף אים, דערקענט מען, אַז ער איז אַ דזשענטלמאַן. — ער קוקט אויף מיר מיט דערוואַרטונג, אָבער מיין פּנים איז בלאַנק. איך פאַרשטיי ניט.

— הייסט עס, אַנקל פיליפּ, אַז איך וועל ניט וויסן, וואָס אַ דזשענטלמאַן איז, ביז איך וועל אים ניט זען?

— יאָ, מאיר, ניט פריער.

— אָל ראַיט, — גיי איך איין אויף אַ קאָמפּראָמיס, — איך וועל אַרויסקוקן אויף אים.

פיליפּ זעט אָבער אויס אַנטוישט. — אַזוי, מאיר, — זאָגט ער פאַרטראַכט. — אַזוי. דו קענסט ניט קיין דזשענטלמאַן. אַזוי...

— אַנקל פיליפּ, דו קאָנסט פון מיר ניט פאָדערן איך זאָל וויסן וואָס אַ דזשענטלמאַן איז, ווען איך האָב קיינמאָל קיין דזשענטלמאַן ניט געזען.

— הייסט עס, — פרעגט פיליפּ מיט אַן אומצופרידענעם טאָן, — אַז איך בין ניט קיין דזשענטלמאַן?

— ניין, דו ביסט מיין אַנקל פיליפּ.

— טאַקע אַזוי, — מורמלט פיליפּ, — ווייל איך בין דיין אָנקל.

ער נעמט אַרויס אַ קליין נאָטיץ-ביכעלע פון קעשענע, ווייזט עס מיר און זאָגט: — זעסט אָט דאָס ביכעלע, מאיר, ס׳איז אינגאַנצן וועגן דיר. — ער מישט אויף אַ בלעטל און לייענט: „באַמערקונגען וועגן דער דערציאונג פון מיין פּלימעניק מאיר הירש.״

ישיבה-בחור (יעשיווע באָכער) — אַ יינגל, וואָס לערנט אין אַ ישיבה. (דאָ — גיעזאָגט איראָניש, אָפּ־צולאַכן.)
וויכער — ווינט
יוצא (יויצע) זיין פּאַר לייטן — זיך אויפפירן ווי מ׳דאַרף, ווי אַ מענטש
באַלעגאָלע — driver

מוסר (מוסער) זאָגן — פּרעדיקן מאָראַל
מגיד (מאַגיד) — preacher
טעם (טאַם) — געשמאַק
מאכל (מייכל) — עסנוואַרג
מאַמע-לשון (לאָשן) — מוטער־שפּראַך
חומש מיט רש״י (ראַשע) — רש״י — אַ קאָמענטאַר צום חומש

2.

פּערצנטער פּירער

די גענג איז אויפן עק גאַס, פּאַרזאַמלט אַרום אַ פייער, וואָס פלאַקערט אין אַ מילך-קאַן מיט גרויסע לעכער אויף דורכצולאָזן די לופט. ס׳איז אַן ענגער קרייז, און מען זיצט אַקסל צו אַקסל אויף אַלערליי קאַסטנס און קעסטלעך. מיך ציט שטאַרק צו זיין איינער פון זיי, צו הערן די שרעקלעך-וויכטיקע באַראַטונגען פון די הויפּט־לינגען און טיילן מיט זיי די קאַרטאָפליעס, וואָס בראָטן זיך אין אַש. איך פּאַדע אַרום זיי מיט האָפענונג, שאַר מיט די פיס און לייג אַרויף אַ בעטנדיקע האַנט אויפן אַקסל פון דעם געמיינסטן פון זיי, דעם דרייצנטן פּירער. מיט אַ שנעלן צוק פון אַקסל וואַרפט ער זי אָבער אָפּ.

איך ווער אין כעס, און אַ דרייסטער געדאַנק ווערט געבאָרן. איך שלעפּ אַוועק היימין, דעם צוועלפטן פּירער, פון זיין פּלאַץ. קיין ווערטער דאַרף מען דאָ ניט. די אַרויספאָדערונג איז אַ קלאָרע. אַ געשלעג. פּאַרטייאישע אויסגעשריען: „דערלאַנג אים ריכטיק, היימי!״ „זעץ מיט דער לינקער!״ „נו שוין, ציגעלע-מע, אַ שטורך אין די קישקעס!״

דער אומדערוואַרטעטער אָנפאַל האָט מיך געשטעלט אין אַ גינסטיקער לאַגע, און באַלד איז היימי געווען געצוואונגען אויפֿצוגעבן זיין אָרט ביים פייער און זיין פּאָזיציע פון צוועלפטן פירער. דער דרייצנטער פירער האָט געשוויגן און גאָרנישט ניט געטאָן, און דערמיט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין רעכט. איך האָב אָפּגעראַמט פון וועג צוויי שונאים אויף אַמאָל דערמיט וואָס כ'האָב בייגעקומען דעם שטאַרקערן. מיין ערשטער זיג, מיין ערשטער אָרט ביים פייער, און עס צאַפּלט און שפּילט אין מיר די פרייד.

און איצט קומען די קאַרטאָפליעס. אַ דאגה אויב זיי זיינען פאַרברענט... ס'איז שוין איינמאָל אַ סעודה! מיט אַ ציטער פון פרייד האָרך איך די רייד וועגן מלחמה קעגן די עסעקס סטריט גערילאָס. רופט זיך אָן בולקע מיט אַ מיסטעריעזן טאָן און מאַניר, ווי עס פּאַסט פאַר אַן ערשטן פירער: „וואָס זיי זאָלן ניט טאָן, האָט מען זיי אין דער ערד. מיר'ן זיי געבן, אַז זיי וועלן שוין אַליין מער ניט וועלן.” פּלוצים — אַ טרעוואָגע! אַן אויסקוק-וועכטער שרייט אויס די וואָרנונג: „אַ שמש, אַ שמש!” דאָס איז געווען אַ וואָרנונג, אַז אַ פּאָליסמאַן קומט אָן. דערהערט דאָס געשריי, האָט זיך דער מעכטיקער שבט פון די לודלאָו-סטריטער צעזייט אין אַלע זייטן.

פייל פון בויגן לויף איך צום קעלער פון אונדזער הויז, וואו עס אַרבעט בערל דער רימער. בערל שמייכלט, ווען איך פאַל אַריין אַ פאַרסאָפּעטער. ער זיצט ביי זיין וואַרשטאַט און לאַטעט לייצעס.

איך האָב האָלד בערלען. ער רעדט ניט צו מיר, ווי צו אַ שנעק, נאָר ער שמועסט מיט מיר ווי מיט אַ גלייכן. ער איז אַ מייסטער אויף דערציילן מעשות, מעשות וועגן די וועלדער און פעלדער פון זיין זוניקער, באַגרינטער בעסאַראַביע. ער איז אַ ליך, אַ קיבעצער, אָבער שטענדיק איז ער ליבלעך, ווי איצט, צום ביישפּיל, ווען ער באַגריסט מיך ווי אַ דערוואַקסענעם:

— וואָס מאַכט איר עפּעס, ר' מאיר?

— אָלראַיט, אַ שיינעם דאַנק פאַרן נאָכפרעגן זיך, ר' בערל.

— פון אַ בער אַנטלויפסטו דאָס אַזוי, צי האָט דיר דיין שאָטן אונטערגעשטעלט אַ פיסל אין אַ פינצטער געסל?

— אַ, ניין, כ'האָב קיין מורא ניט פאַר אַזוינע זאַכן. איך בין נאָר וואָס אַנטלאָפן פון אַ פּאָליסמאַן, — פאַרטרוי איך אים מיט שטאָלץ.

ער גיט אַ פּייף מיט די ליפּן אויף צו באַוואונדערן מיין העלדיש־קייט.

— זעץ זיך אַנידער, זעץ זיך דאָ אויפן זאָטל, מיין בראַוועד פריינט. מוזט אוודאי זיין מיד.

איך קוק ווי בערל נייט צונויף לעדערנע פּאַסן.

— די לייצעס, וואָס דו מאַכסט צורעכט, איז אוודאי פאַר אַ קליינער פּאָני?

— ניין, מאיר, ס׳איז פאַר אַ ציג.

אַ ציג. דאָס איינציקע וואָרט איז גענוג צו פאַרסמען מיר די גאַנצע פרייד פון דעם אָוונט...

— איך שטעל זיך פאָר, אַז דו ווייסט אַלצדינג וועגן פערד. אמת, בערל?

— יאָ, עפּעס וויים איך.

— ווייסטו אַלצדינג וועגן ציגן אויך?

— יאָ, ווען איך בין געווען אַ יינגל, פלעג איך אַכטונג געבן אויף גאַנצע סטאַדעס ציגן.

—זאָג־זשע מיר, בערל, זיי אַזוי גוט, פאַרוואָס האָט קיינער ניט ליב קיין ציגן און פאַרוואָס לאַכן אַלע פון זיי?

— ערשטנס, אַרט דער ציג קיין זאַך ניט, און דאָס פאַרדריסט די מענטשן. אַ ציג קאָן לעבן און געדייען דאָרט, וואו אַן אַנדער באַ־שעפעניש וואָלט אומגעקומען. צווייגן, פאַרדאַרטע שטרוי אויפן אָפּ־געשניטענעם פעלד — אַלץ איז פאַר איר אַ מאכל. די ציג האַלט זיך אָן אַ זייט. זי קאָן גיין איבער אַ שמאָל דרענגל, איבער אַ פלויט, ווען מען מוז. זי איז אַליין פאַר זיך, האָט ניט קיין פריינט, האָט קיינעם ניט האָלד. קיינער האָט זי ניט ליב, זי איז אַ מיאוס באַשעפעניש מיט גאָרניט קיין פיינעם ריח.

יאָ, אַ פיין בילד פון דער באַשעפעניש, נאָך ווענען מ׳האָט מיר אַ נאָמען געגעבן. עס נעמט ביי מיר אָפּ דעם מוט און מאַכט מיך אומעטיק...

הויפּטלינגען — chiefs
שונאים (סאָנים) — פיינט
דאגה (דייגע) — זאָרג
סעודה (סודע) — מאָלצייט, „פּאַרטי״
טרעוואָגע — טומל

שמש (שאַמעס) — אויפזעער אין אַ שול, sexton
צעזייט (זיך) — זיך צעקראָכן, צע־לאָפן
לץ (לעץ) — וויצלער, קיבעצער
זאָטל — saddle

3.

דאָס לעצטע וויגליד

אַנקל פּיליפּ שלאָפֿט אויף דער סאָפֿע אין קיך, און די מאַמע דרעמלט ביים אויוון, ווען איך קום צוריק אַהיים.

— אַזוי שפּעט, מאיר, אַזוי שפּעט, און מאָרגן דאַרפֿסטו אויפֿשטיין פֿרי אין סקול אַריין.

— אָ, ס׳איז ניט אַזוי שפּעט, — באַמערק איך מיט דער רואיקייט פֿון אַ צוועלפֿטן פּירער.

אין דעם פֿאַררויכערטן שיין פֿון דעם אויסגייענדיקן לעמפּל ווערן דער מאַמעס אויסגעשטרעקטע אָרעמס פֿאַרוואַנדלט אין אומגעהויערע שאָטנס אויף די ווענט. איך קוק אויף די שאָטנס און בין ניט זיכער, צי פֿון זיי וועט ניט ווערן אַ סטאַדע ציגן. די מאַמע שעפּטשעט:

— קום צו מיר, מיין קינד, קום אַהער און זעץ זיך אַוועק אָט־אָ־דאָ.

זי ציט מיך צו איר שוים און איך לאָז זיך ניט, ווייל עס פּאַסט ניט פֿאַר אַ מענטשן פֿון מיינע יאָרן און שטאַנד. איך רייס זיך אַוועק און דערמאַן דער מאַמען אין אַ שאַרפֿן טאָן: „מאַמע, איך בין דאָך מער ניט קיין בייבי!" ס׳איז דאָך אַ געלעכטער. וואָס וואָלט בולקע געזאָגט דערויף? זיין צוועלפֿטער פּירער — אַ קינד ביי דער מאַמען אויף די הענט. די מאַמע שמייכלט. טרערן בלישטשען אויף אירע פּיינע, לאַנגע וויעס בעת זי זאָגט:

— בן־יחיד מיינער, שטענדיק וועסטו ביי מיר זיין אַ בייבי, שטענדיק. — צאַרט וועך איך צוגעצויגן צו איר ברוסט, און איר פּנים רוט אויף מיין קאָפּ. איך פֿיל זיך אומבאַקוועם: דער מאַמעס האָר קיצלען מיר דעם שטערן.

— מיין טייער ציגעלע . . .

איך ווער שטייף פֿאַר פֿאַרדראָס. „מאַמע, כ׳וויל זאָלסט מיך מער ניט רופֿן ציגעלע. כ׳האָב אַן אמתן נאָמען, ניין אפֿשר?"

— ס׳געפֿעלט דיר ניט דיין צונאָמען?

— ניין, אַלע לאַכן פֿון מיר. כ׳וויל מער ניט הערן, ווי מען רופֿט מיך ציגעלע.

— נאָר היינט ביינאַכט, נאָר היינט, — שעפּטשעט זי מיך צו באַרואיקן. — איך וועל דיך רופֿן ציגעלע נאָר היינט, צו דיין געבורטס־טאָג, און ניט מער.

זי צעוויינט זיך, און דאָס איבערראַשט מיך. זי נעמט מיך אַרום און באַדעקט מיין פּנים מיט קושן. אַ טומל איבער גאַרנישט מיט גאָרנישט, טראַכט איך. אַ פיינער סוף פון אַ העלדישן אָוונט!

— אַ, מיין טייערער, דו טאָרסט ניט פיינט האָבן קיין ציגן. אַ ציג האָט דיר געראַטעוועט דאָס לעבן.

— געראַטעוועט מיין לעבן?

— מעגסט דאָס טאַקע זאָגן, מיין האַרץ, געראַטעוועט דיין לעבן! אַ ציג איז געווען דיין אַם.

ס'אַרא סקאַנדאַל! די גענג טאָר זיך דערפון ניט דערוויסן. און איך באַשווער די מאַמע, זי זאָל קיינעם ניט דערציילן. איך וויל אָבער הערן, ווי אַזוי דאָס איז געשען.

— צען טעג, איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן, — הויבט אָן די מאַמע, — האָט מען דעם טאַטן אָפּגעגעבן פּאַר אַ סאָלדאַט, צו דינען דעם קייסער, און ער האָט אָפּגעמאַכט צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע. כ'האָב אים ניט געלאָזט פאָרן אַליין. מיר זיינען אָפּגעפאָרן דריי טעג פון האַמבורג. אויף דער שיף ביסטו געבוירן געוואָרן. ס'האָט די שיף געוואָרפן, אַז כ'האָב געמיינט, דער ים וועט אונדז איינשלינגען. שרעק און ים־קראַנקהייט און צרות — ס'איז ביי מיר אויסגעטריקנט געוואָרן די מילך. כ'האָב ניט געהאַט קיין מילך פאַר מיין קינד, און אויף דער שיף איז קיין מילך ניט געווען. מיר האָבן דיך באַוויינט און מיר האָבן אָנגעצונדן ליכט, ווי נאָך אַ טויטן. און ס'איז געשען אַ נס, אַ נס איז געשען. די מאַטראָסן האָבן געהאַט אַ ציג, האָט די ציג פאַר־בלאָנדזשעט אונטן צו אונדז. און די ציג האָט געזויגן מיין בייבעלע, און ער האָט דערלעבט צו קומען קיין אַמעריקע. און איצט זיינען מיר ביידע דאָ, מיין ציגעלע.

פאַר גרויס פרייד דריקט מיך די מאַמע נאָך פעסטער צו איר בוזעם, וויגט מיך צאַרט און שלעפערט מיך איין מיט דעם וויג־ליד, וואָס זי האָט מיר אַזוי פיל מאָל געזונגען און וואָס איצט זינגט זי עס מיט אַ ציטערדיקן קול צום לעצטן מאָל:

אונטער מאירם וויגעלע
שטייט אַ קלאָר ווייס ציגעלע,
אַ־אַ, אַ־אַ, אַ —
ס'ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען . . .

אומגעהויערע — שרעקלעך גרויסע | בן יחיד (בען יאָכיד) — איינציקער זון

ווינטער־ליד

• ח. נ. ביאַליק

וואו נאָר ס׳קען דאָס אויג דערגרייכן
גלאַנצט גאָטס וועלטל, שעמערירט,
אויסגעשאָטן מיט בריליאַנטן
און מיט דימענטן פאַרצירט.

ס׳איז דער פראָסט אַליין דער מושל,
שטאַרק און קרעפּטיק איז דער ריז;
ס׳דינען קעלט און שיין צוזאַמען —
דער מיט נאָדל, דער מיט שפּיז.

אַ באַפעל, זעט אויס, אַ שטרענגער
דורכגעגאַנגען איז היינט ביינאַכט:
„ווייס זאָל ווערן! מאָרגן ז׳ יום-טוב!
צירט איך אויס אין שענסטער פּראַכט!"

און עס האָט אַ שניי אַ פרישער,
ערשט פון הימל שפּאָגל-ניי,
גיך פאַרשאָטן וואו אַ גריבל,
וואו אַ פּלויט פאַרדעקט דערביי.

און עס האָבן מאַרמאָר-ווייסקייט,
גאָלד און זילבער און קרישטאָל
זיך צעוואָרפן און צעשאָטן
און צעשפּילט זיך מיטאַמאָל!

קלאָרע ליילעכער צעוויקלט,
אויסגעבעט די גאַנצע שטאָט,
זילבער-קייטלעך אָנגעהאַנגען
אויף דעם טעלעגראַפן-דראָט.

טישטעכער געשפּרייט אויף דעכער,
מיט קרישטאָלענע פרענז באַצירט;
גאָטס אַ גרויסער ווייסער יום-טוב
איז געקומען און — רעגירט!

און די ווייסקייט בלענדט און צוויבערט...
אין דער הויך, פון אויג פאַרשטעלט,
פלעכט אַ האַנט פון גאָלדענע שטראַלן
טויזנט קרוינען גאָר דער וועלט.

שטייט אַ דעמב, באַזעצט מיט פייגלעך,
דורך באַגלאָזט, דורך בליץ און בלאַנק,
און פאַרהילכט דעם פרימאָרגן
מיט אַ לעבעדיקן קלאַנג.

שעמערירט — גלאַנצט, sparkles
מושל (מוישל) — הערשער

ז׳ יום־טוב — פאַרקירצט פון: איז (יאָנטעף)
שפּאָגל־ניי — brand new

דאָס דריידל

• שלום עליכם

מער פון אַלע מיינע חברים און מער פון אַלע ייִנגלעך פון דער גאַנצער שטאָט און מער פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט — האָב איך ליב געהאַט מיין חבר בעני. דאָס איז געווען אַ מין ליבשאַפט מיט אַ מאָדנער צוגעבונדנקייט מיט אַ מורא־האָבן אינאיינעם. ליב האָב איך אים געהאַט דערפאַר, וואָס ער איז געווען שענער און קליגער און בריהשער פון אַלע ייִנגלעך, און צו מיר איז ער געווען צוגעלאָזט, געטריי, זיך איינגעשטעלט פאַר מיר, געגעבן פעטש, געריסן פאַר די אויערן אַלע ייִנגלעך וואָס האָבן מיך געוואָלט אָנרירן.

און מורא האָב איך געהאַט פאַר אים דערפאַר, וואָס ער איז אַ גרויסער, און שלאָגט זיך. און שלאָגן האָט ער געקענט ו ו ע מ ע ן ער האָט געוואָלט און ו ו ע ן ער האָט געוואָלט, ווייל בעני איז געווען דער עלטערער, דער גרעסטער און דער רייכסטער פון אַלע ייִנגלעך אין חדר.

די ערשטע קענטשאַפט אונדזערע איז געשלאָסן געוואָרן אונטערן טיש, זיצנדיק מיט בענין ביים לערנען.

איך מיט בענין זיינען מיר גיך געוואָרן גוטע ברידער, אָבער וואָס גוטע ברידער הייסט — נפש אחת, גאָר ווי אַנדערע צוויי. אָט ווי אַזוי די מעשה האָט זיך געטראָפן:

געקומען אויפן אַנדערן טאָג אין חדר אַריין, מיטן חומש אין איין

האַנט און מיטן אָנבייסן אין דער אַנדערער האַנט, האָב איך געטראָפֿן חברה שטאַרק האַפּערדיק, פֿריילעך, לעבעדיק. וואָס איז די מעשה? אַ גדולה — דער רבי איז נישטאָ!

— לאָמיר זיך ווּעטן! — רופֿט זיך אָן איין יינגל מיט אַ בלויער נאָז, יהושיע־העשל הייסט ער.

— צו וויפֿיל געוועט? — זאָגט דער אַנדערער, קאַפּל־בונעם, אַ יינגל מיט אַ צעריסענעם אַרבל און סע זעט זיך אַרוים דער שפּיץ פֿונעם שוואַרצן עלנבויגן.

— צו פֿערטל פֿונט באַקסערן.

— לאָז זיין צו פֿערטל פֿונט באַקסערן. איז וואָס, זאָגסטו, לאָמיר האָרכן?

— איך זאָג, אַז מער ווי פֿינף־און־צוואַנציק וועט ער ניט אויס־האַלטן.

— און איך זאָג: זעקס־און־דרייסיק!

— זעקס־און־דרייסיק? אָט וועלן מיר באַלד זען! חברה, נעמט אים!

אָט אַזוי האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט יהושיע־העשל מיט דער בלויער נאָז, און עטלעכע יינגלעך מיטאַמאָל האָבן מיך אַ נעם געטאָן, ווי דער רוח דעם מלמד, מיך אַנידערגעלייגט אויף דער באַנק, און דווקא מיטן פּנים אַרויף. צוויי האָבן זיך געזעצט מיר אויף די פֿיס, צוויי — אויף די הענט, איינער האָט מיר צוגעהאַלטן דעם קאָפּ, איך זאָל זיך ניט דרייען, און נאָך איינער האָט אָנגעשטעלט אַקוראַט אַקעגן מיין נאָז צוויי פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט (אַפּנים, ער איז געווען אַ געלינקטער!); די צוויי פֿינגער האָט ער צונויפֿגעלייגט, ווי אַ בייגעלע, איין אויגל אַ ביסל צוגעמאַכט, דאָס מויל האַלב גע־עפֿנט, און גענומען מיר שנעלן אין נאָז אַריין — אָבער ווי אַזוי, מיינט איר, שנעלן? יעדער שנעל האָט מיר געגעבן צו זען זיך מיטן טאַטן פֿון יענער וועלט. רוצחים! קוילערס! וואָס האָבן זיי געהאַט צו מיין נאָז? וואָס האָט זי זיי געטאָן? וועמען האָט זי געשטערט? וואָס האָבן זיי אויף איר דערזען? אַ נאָז ווי אַלע נעזער!

— חברה, ציילט! — קאָמאַנדעוועט יהושיע־העשל. — איינס! איינס און נאָך איינס איז צוויי! צוויי און נאָך איינס איז דריי! נאָר פּלוצים...

איך געדענק ניט אַקוראַט, צי ביים פֿינפֿטן, צי ביים זעקסטן שנעל האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען בעני, און

חברה האָט מיך באַלד אָפּגעלאָזט פריי, געבליבן שטיין, ווי סטאָטקעס, און בעני האָט זיי גענומען איינציקווייז צו דער אַרבעט: ער האָט זיי אָנגענומען איטלעכן באַזונדער ביי די אויערן, גוט אָנגעדרייט, און בשעת מעשה געזאָגט אַלעמען:

— נו? היינט וועסטו שוין וויסן, וואָס הייסט אָנרירן אַן אלמנהס אַ יינגל?

פון דעמאָלט אָן האָבן שוין חברה מער ניט צוגערירט זיך, ניט צו מיר, ניט צו מיין נאָז; זיי האָבן מורא געהאַט זיך אָנהויבן מיט אַן אלמנהס אַ יינגל, וואָס בעני איז זיין חבר, זיין אויסלייזער, זיין באַשיצער.

אויף שפילן איז בעני געווען אַ מזיק, דאָס הייסט: ער האָט אונדז אַלעמען געמזיקט, אָפּגעוואונען ביי אונדז וואו מיר האָבן גע־האַט אַ גראָשן, און געקומען צו עפּעס — אָפּגעווישט די ליפּן, שאַ, נישטאָ בעני! דאָס שפּילן איז ביי אונדז געווען איינע פון די בעסטע זאַכן אין דער וועלט, און פאַרן שפּילן האָבן מיר אַלעמאָל געכאַפּט פונעם רבין דעם גרעסטן פּסק; ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז דאָס אויסקאָרעניען, אַרויסרייסן ביי אונדז מיטן וואָרצל.

נאָר איין וואָך אין יאָר איז געווען ביי אונדז אַזעלכע, וואָס מען האָט געמעגט שפּילן. וואָס זאָג איך, מען האָט געמעגט? ס'איז געווען אַ מצווה צו שפּילן, אַ מצווה!

די וואָך איז געווען — די וואָך פון חנוכה, און געשפּילט האָבן מיר אין „דריידל".

און דאָס ווייסט איר דאָך מסתמא, וואָס באַטייטן די פיר אותיות פונעם דריידל: **נ** מאַכט נ י י ן, **ה** מאַכט ה אַ ל ב, **ש** מאַכט ש ל ע כ ט און **ג** מאַכט ג ו ט. דאָס דריידל איז אַ מין לאָטעריי: וועמען עס גליקט אָפּ, דער געווינט. אָט נעמט, למשל, בענין: וויפיל מאָל ער זאָל ניט לאָזן דאָס דריידל, מוז דאָס פאַלן ביי אים אויף דער גימל.

— ס'איז דיר אַן אַנטיק מיט דעם בענין! — זאָגן אַלע יינגלעך און שטעלן אַלעמאָל פּריש געלט, און בעני „ענטפערט" אַלעמען, וואָרים וואָס הערט ער דאָס? „אַ נגידס אַ יינגל"!

— גימל! ווידער גימל! אַן אַנטיק מיט אים! — שרייען־אויס אַלע מיטאַמאָל און מען נעמט זיך צו די בייטעלעך און מען שטעלט פריש געלט, און בעני „ענטפערט" אַלעמען, לאָזט דאָס דריידל מיטן

קעפּעלע אַרויף, דאָס דריידל דרייט זיך, קאַטשעט זיך אַהין און אַהער, ווי אַ שיכור, און פאַלט אַנידער.

— גימל ! — זאָגט בעני.

— גימל ? גימל ? ווייטער גימל ? חידושים מיט אים ! — שרייען אוים חבֿרה און קראַצן זיך און נעמען זיך ווידער צו די בייטעלעך.

און בעני האָט אונדז אַזוי לאַנג באַוויזן זיין בריהשאַפט מיט זיינע גרויסע קונצן, ביז ער האָט אונדז אויסגערייניקט אַלעמען די בייטע־לעך, צוגענומען וואו ס'איז ערגעץ געווען אַ פּרוטה, אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס, ווי איינער רעדט : „נו, ווער וויל נאָך ?“... און מיר זיינען זיך צעגאַנגען אַהיים, אַוועקגעטראָגן מיט זיך אַ ווייטיק אין האַרצן און אַ בזיון פאַר זיך אַליין, און נאָך געמוזט אין דער היים אויסטראַכטן „ליגינים“ — דער אַזאַ ליגן און דער אַזאַ ליגן.

אויך איך האָב אויסגעטאָקט אַ גרויסן ליגן, דערציילט דער מאַמען אַ גאַנצע מעשה פון טויזנט־איין־נאַכט און אויסגעבעטן ביי איר נאָכ־אַמאָל חנוכה־געלט — אַ האַרטן זעקסער מיט צוויי צווייערס, אַוועק־געטראָגן זיי צו בענין און אָפּגעטרייסלט זיך אין פינף מינוט, און אויסגעטראַכט דער מאַמען אַ נייעם ליגן. בקיצור, קעפּ האָבן גע־טראַכט, מוחות האָבן געאַרבעט און ליגנס, ליגנס זיינען געפלויגן, אַזוי ווי האָלץ, און דאָס גאַנצע חנוכה־געלט אונדזערס איז אַוועק מיטן דריידל, אַוועק צו בענין אין קעשענע אַריין, און פאַרפאַלן לעולם־ועד !

נאָר איינער פון אונדז האָט זיך אַזוי אַריינגעלאָזט אינעם דריידל, אַז ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיטן חנוכה־געלט אַליין און האָט ניט אויפגעהערט צו שפּילן און שפּילן מיט בענין אין דריידל כמעט אַלע טאָג, ביזן לעצטן טאָג פון חנוכה.

און דער דאָזיקער איינער בין געווען טאַקע איך אַליין, „דער אלמנהס יינגל“.

* * *

איך בין אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער. אויך בעני איז אויס־געוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער.

מיר האָבן זיך באַגעגנט פאָרנדיק אין באַן. איך האָב אים דער־קענט נאָך די בולבעוואַטע אויגן, ווי ביי אַ פיש, און נאָך די שיטערע ציין. אַזאַ צייט ניט געזען זיך, האָבן מיר זיך אַרומגעכאַפּט קושן און צערעדט זיך פון אַמאָליקע גוטע, ליבע, זיסע קינדער־יאָרן, און דער־מאָנט זיך אָן אַלע נאַרישקייטן פון אַמאָל.

— געדענקסט, בעני, יענעם חנוכה, ווי ס'איז דיר געגאַנגען אין שפּיל, אינעם דריידל? אַלע מאָל איז ביי דיר געפאַלן גימל!

איך טו אַ קוק אויף מיין בענין — ער איז ברוין און בלוי פאַר געלעכטער. ער האַלט זיך ביי די זייטן, ער קאַטשעט זיך, ממש ער עקט זיך.

— גאָט איז מיט דיר, בעני! וואָס איז אויף דיר אַזאַ געלעכטער פּלוצים אָנגעפאַלן, בעני?

— אוי! — מאַכט ער צו מיר מיטביידע הענט. — גיין שוין אַוועק מיט דיין דריידל! דאָס איז געווען דאָס גוטע דריידל! שוין איינמאָל אַ דריידל! דאָס איז געווען אַ קוגל פון גאָלע שמאַלץ, אַ צימעס פון גאָלע ראָזשינקעס! מיט אַזאַ דריידל איז שווער צו פאַר־שפּילן. ווי אַזוי ס'זאָל ניט פאַלן, מוז עס פאַלן אויפן, כאַ־כאַ־כאַ, אויפן גימל!

— וואָס־זשע איז דאָס געווען פאַר אַ מין דריידל, בעני?

— דאָס איז געווען, כאַ־כאַ־כאַ, אַ דריידל פון גאָלע, כאַ־כאַ־כאַ, פון סאַמע גימל, כאַ־כאַ־כאַ!...

בריהשער (בעריעשער) — פייאיקער, העלדישער

נפש אחת (נעפעש אַכאַס) — איין מענטש, איין לעבן

חומש (כומעש) — די תורה; טייל פון דער ביבל

האָפּערדיק — פריילעך, לעבעדיק

אַ גדולה (געדולע) — אַ פרייד, אַ שמחה

באָקסער־ן — St. John's bread

ווי דער רוח (רועך) דעם מלמד (מעלאַמעד) — שנעל, האַסטיק, (ווי דער טייוול האָט דעם רבין אַ כאַפּ געטאָן.)

רוצחים (ראָצכים) — מערדער

סטאַטקעס — רואיקע, וואוילע קינדער

בשעת מעשה (בעשאַס מייסע) — אין דער צייט, at the same time

מזיק (מאַזיק) — אַ ווילדער בריה; קען בעסער פון אַלעמען

פּסק (פּסאַק) — אַ שטראָף, punishment

מצווה (מיצווע) — אַ גוטע טאַט; גאָטס געבאָט

חידושים (כידושים) — וואונדער

פּרוטה (פּרוטע) — די קלענסטע מטבעה (מאַטבייע), coin, אַ טייל פון אַ גראָשן

בזיון (ביזאיען) — שאַנדע

אויסגעטאַקט אַ ליגן — צוגע־טראַכט אַ ליגן

אָפּגעטרייסלט זיך — פאַרלוירן

בקיצור (בעקיצער) — אין קורצן

לעולם ועד (לעאוילעם וואָעד) — אויף שטענדיק און אייביק

בולבעוואַטע — ווי אַ בולבע (קאַר־טאָפל)

עקט זיך — גייט אויס, שטאַרבט

ממש (מאַמעש) — ווירקלעך; איינ־פאַך

גאָלע — בלויז, נאָר

די מאַמע גייט אין לײַברערי



• אברהם רייזען

די צוועלף־יאָריקע בעסי, כאָטש זי גייט נאָך אין אַ קורץ קליידל, האַלט שוין פון זיך אַליין אַ וועלט. און שטאָלצירן האָט זי מיט וואָס. ערשטנס איז זי דער ליבלינג פון דער לערערין אין שול. יענע איז גאָר פאַרליבט אין איר. אַלע וואָך באַקומט זי פון איר אַ פּרעזענט. צווייטנס, האָט זי שוין אַ „באָי", וועלכער איז עלטער פון איר מיט גאַנצע דריי יאָר און זי נעמט מיט אים אַ „וואָק" אַלע פאַרנאַכט אויפן „סיידוואָק". און דאָס אַלץ מאַכט, אַז בעסי זאָל האָבן פון זיך אַ הויכע מיינונג און זיין מיט די אַנדערע שילערינס פונדערווייטנס.

און נישט נאָר קעגן חברטעס בלאָזט זיך די צוועלף־יאָריקע בעסי, אַפילו אויף דער אייגענער מאַמען קוקט זי אויך פון אויבן אַראָפּ. אירע חברטעס נעמט זי זייער זעלטן צו זיך אַרויף. זי שעמט זיך מיט דער מאַמען, כאָטש זי ווייס, אַז אויך זיי האָבן נישט קיין אינטערעסאַנטערע מאַמעס, ווי אירע. אויב זי נעמט שוין אַמאָל יאָ אַרויף אַ חברטע צו זיך, האָט זי מורא צו זאָגן דער מאַמען אַ וואָרט, כדי יענע זאָל איר נית ענטפערן צוריק אויף יידיש, ווי אַ גרינע. מעג בעסי זיין ווי הונגעריק, וועט זי אין דער אָנוועזנהייט פון אַ חברטע נישט בעטן עסן ביי דער מאַמען. אַז זי איז אין הויז אַליין, רעדט זי ענגליש און די מאַמע ענטפערט איר יידיש. צום גליק דאַרף בעסי מיט דער מאַמען קיין סך נישט רעדן. אַ גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין

אָוונט איז זי אָדער אין סקול, אָדער אויפן גאַס, אָדער אין לייברערי.

אין דער לייברערי איז בעסי אַ גאַנצע מאַכערין. נישט נאָר לעזט זי דאָרט ביכער און נעמט אַהיים צו צוויי און דריי ביכער, נאָר די לייבררערי איז איר צווייטע היים. דאָרטן מאַכט זי „דייטס" מיט חברטעס און אַמאָל טאַקע מיט איר פּופּצן-יאָריקן „באָי". שטאָלץ גייט זי אַרום מיט איר שלאַנקער פיגור, מיט איר געלאָקטן קאָפּ האָר פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער און פילט זיך דאָרט ווי אַ פיש אין וואַסער.

פאַר די דאָזיקע ביכער און בכלל פאַר דער לייבררערי האָט די מאַמע גרויס רעספּעקט. זי וואונדערט זיך נאָר, ווי אַזוי קען אַ צוועלף-יאָריקע מיידל אַזוי פיל. זי האָט צו צוועלף יאָר געניאַנטשעט דאָס קלענערע קינד, אָבער ווען האָט זי געוואוסט פון אַ בוך?

און אָפּטמאָל דערפילט בעסים מאַמע אַ מין קנאה צו איר אייגענעם קינד, וואָס עס גייט איר אַזוי גוט. דעמאָלט פאַרווילט זיך איר אָנבייזערן אויף איר, ווי עס האָט זיך געבייזערט און געשריען אַמאָל איר מאַמע. אָבער זי דערמאָנט זיך, אַז דאָ איז אַמעריקע און שרייען אויף קינדער איז נישט אָנגענומען. זי ווייס אפילו ניט ווי אַזוי מען שילט זיך דאָ. פון די אַלע קללות פון דער היים האָט זי שוין אַ העלפט פאַרגעסן און די אַנדערע העלפט, וואָס זי געדענקט אפשר יאָ, וואָלטן זיך פאַר אַן אַמעריקאַנער קינד נישט צוגעפּאַסט. פּרואוו בעסין שילטן, וואָלט זי זיך צעלאַכט און געפרעגט מיט אַ וויצעלע: „האַו דו יו ספּעל איט?" די מוטער קען שוין די אַמעריקאַנער חכמות!...

און די מאַמע האָט געזוכט אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי צו הויבן איר פּרעסטיזש אין די אויגן פון איר טעכטערל. זי פלעגט אַמאָל זי אונטערקויפן מיט אַ ריין-אַמעריקאַנער מאכל. פלעגט עס אַפילו בעסי בשעת מעשה אָנערקענען און אָפּשאַצן, אָבער מער רעספּעקט קריגן פאַר דער מאַמען פלעגט זי דערפאַר נישט.

האָט זי אָנגעהויבן לייענען אַ בעסערע צייטונג אויף יידיש, מיינענדיק דערמיט צו געווינען ביי בעסין אָנערקענונג, האָט בעסי דאָס נאָך ווייניקער אָפּגעשאַצט, ווי אַן אַמעריקאַנער מאכל. בעסי האָט אַפילו ניט געקאָנט אונטערשיידן פון איין יידישער צייטונג ביז דער צווייטער. אַלע יידישע צייטונגען האָט זי אָנגערופן די „מאָרנינג דזשוירנאַל" און פלעגט דערביי אַ שמייכל טאָן. איינוויקלען איר עפּעס אין אַ „דזשואיש מאָרנינג דזשוירנאַל" איז געווען סכנות. זי האָט

געמאַכט אַזוינע גוואַלדן, אַז עס האָט געדויערט לאַנג זי צו באַרואיקן.

ענדלעך האָט די מאַמע צופעליק אויסגעפונען, אַז אין דער זעלבער לייברערי, וואו בעסי נעמט אירע ענגלישע ביכער, זיינען אויך דאָ יידישע ביכער. די נייעס האָט זי אַזוי איבערראַשט, אַז זי האָט זיך געהאַלטן אַן איין וואונדערן און אין איין איבערפרעגן: „איז דאָס מעגלעך, אַז אין אַן אַמעריקאַנער לייברערי זאָלן אויך זיין יידישע ביכער?"

בעסי אַליין האָט איר ניט געזאָגט ניט יאָ און ניט ניין.

אָבער דער מאַמעס אַמביציע איז געווען די זאַך צו דערגיין אויף ריכטיק. און אַז זי האָט אויסגעפונען אַז יאָ און ווי אַזוי עס גייט דאָרט צו, האָט זי זיך דערפילט געהויבענער, האָט געמאַכט פּלענער ווי אַזוי דאָס ערשטע מאָל אַריינגיין אַהין און נעמען אַ בוך, און אפשר טאַקע צוויי און דריי מיטאַמאָל, ווי איר בעסי...

צו איר גליק איז ניט געווען קיין ברעג, ווען די ביבליאָטעקאַרין, אַ זייער סימפּאַטיש און צוגעלאָזט יידיש מיידל, האָט מיט איר גע־רעדט יידיש, פּונקט ווי אין דער היים. זי האָט איר רעקאָמענדירט ביכער און האָט, דורכמאַכנדיק די אַלע צערעמאָניעס פון פאַרשרייבן, איר גלייך געגעבן צוויי ביכער.

— לייענט וואָס מער און קומט נאָכאַמאָל!...

אַז די מאַמע איז געקומען אַהיים, איז בעסי געזעסן אין הויז און פאַרבראַכט מיט אַ חברטע. דערזעענדיק די מאַמען אַריינקומען מיט צוויי ביכער, האָט זי פריער זיך איבערגעקוקט מיט איר חברטע, נאָכ־דעם האָט זי שטיל געפרעגט אויף ענגליש:

— וואו ביסטו געווען?

— אין דער לייברערי...

בעסי האָט אַ שמייכל געטאָן צו איר חברטע, יענע אָבער האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויפן טיש, וואו די צוויי ביכער זיינען געלעגן מיטן שטעמפּל פון דער זעלבער לייברערי, וואו זיי ביידע נעמען ביכער.

און זייט דעמאָלט האָט בעסי פאַר איר מאַמען אָנגעהויבן צו האָבן דרך־ארץ. זי דערציילט איר דעם אינהאַלט פון אירע ענגלישע ביכער און פאָדערט דערפאַר, אַז די מאַמע זאָל איר דערציילן וואָס זי לייענט אין די יידישע ביכער.

און אויף אַזאַ אופן זיינען מוטער און טאָכטער געוואָרן נאָענט און די טאָכטער קוקט שוין ניט אויף דער מאַמען פון אויבן אַראָפּ און די מאַמע איז שוין מער איר טאָכטער ניט מקנא.

און אַז ס'קומט אַ חברטע צו בעסין און יענע פרעגט: וואו איז דיין מאַמע? — ענטפערט בעסי מיט שטאָלץ:

— די מאַמע איז אַוועק אין דער לייברערי.

און אַפילו פאַר איר „באַי", מיט וועמען זי וואַגט שוין נעמען אַ „וואָק" אַזש ביזן דזשעקסאָן פּאַרק, האָט זי עס אויך דערציילט:

— דו ווייסט, הענרי, מיין מאַמע גייט אין לייברערי... — און האָט אים אָנגעקוקט מיט נצחון...

האַלט פון זיך אַ וועלט — איז שטאָלץ; בלאָזט פון זיך	בשעת מעשה (בעשאָס מייסע) — דעמאָלט, אין דער צייט
געניאַנטשעט — אַכטונג געגעבן, nursed	סכנות (סאַקאָנעס) — שרעקלעך, געפערלעך
קנאה (קינע) — envy	דרך ארץ (דערעך ערעץ) — רעספּעקט
קללות (קלאָלעס) — curses	איז מקנא (מעקאַנע) — envies
מאכל (מייכל) — אַן עסן	נצחון (ניצאָכן) — victory

טענים

ל. מילער •

אַלע נעצן אָנגעצויגן,
ווייס געפּאַסט דער געלער זאַמד.
שטייט אין שליידערער די סטרונעס,
ווי אָדערן אין האַנט.

ווייסע קליידער פאַר די אויגן,
שלאַנקע בלויזע פרויען-הענט.
יונגע מענער שטאַרק און בויגיק,
און די פּנימער פאַרברענט.

הענט און שליידערער ווי פליגל,
יעדער קערפּער ווי אַ שלאַנג.
טרייבט מען אום די באָלס אין לופטן
מיט אַ שנעלן ווייכן קלאַנג.

שליידערער — tennis racquet

רשעות

• י. אַפּאַטאָשו

אין דעם הייסן נאָכמיטאָג האָט זיך אַלץ געצייטיקט, — די צע־עפּנטע פּלאַנצן, די פּרוכט אויף די ביימער. אַפילו די באַנגעלאָס, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן — ברוינע באַנגעלאָס מיט רויט־געפּאַרבטע דעכער — האָבן פונדערווייטנס אויסגעזען ווי צייטיקע פּירות.

הינטער די באַנגעלאָס — גערטנדלעך. אין איינעם פון די גערטנדלעך, אין אַ הילצערנער הוידע, וואָס האָט זיך אי געוויגט, אי נישט געוויגט, איז געזעסן העלען ראָסי. די האָר, די אויגן — ליכטיקע, גאָלדיקע. ס'פּנים, דער האַלדז, די הענט — צוגעברוינט. העלען האָט געקוקט אויפן רויטן דאַך, וואו קריכפלאַנצן האָבן זיך געוויקלט. זי האָט געקוקט אויף די צוגעשוירענע בושעס, וואָס האָבן אַרומגענומען דאָס גערטנדל פון דריי זייטן און פון דער פערטער זייט האָט זיך געצויגן אַ ווייס זאַמדיק וועגל צום טייך סידער.

אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי דאָס וואַסער שווענקט די ברעג־שטיינדלעך, לויפט און קייקלט זיך.

פאַר די זעקס וואָכן, וואָס העלען מיט איר צען־יאָריקן זון, עדגאַר, זיינען געווען אין דיילוויל, איז זי דאָס ערשטע מאָל געזעסן אין דער הוידע. ווי נאָר זיי זיינען אַרויסגעקומען אויף דער זומער־וואוינונג, איז עדגאַר קראַנק געוואָרן. פריער — גריפּ, דערנאָך — מאַנדלען. אַזוי איז זי אָפּגעזעסן מיטן יינגל קנאַפּע זעקס וואָכן אין דער באַנגעלאָ. דאָס איז געווען דער צווייטער טאָג, וואָס עדגאַר איז אַליין געגאַנגען צום טייך און זי, העלען, איז געבליבן מיט זיך.

דער אויגוסט-הימל איז געווען בלוי און טיף. דער טייך — נאָך בלויער. די לופט האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן. דאָ האָט זי געשמעקט מיט צייטיקע פירות, דאָ — מיט דער פייכטקייט און קילקייט פון לויפיקע וואַסערן.

אַ ליכטיקייט האָט זיך געשפּרייט איבערן העלענען, וואָס איז געקומען פון צייטיקע ביימער, פון די צעעפנטע פלאַנצן, פון דער בלויער דורכזיכטיקער לופט. די צעצווייגטע ביימער זיינען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין באַשעפענישן, וואו בויגיקע גלידער האָבן זיך געצויגן איבער העלענען, געגלעט און געוואַרעמט דאָס פּנים, דעם האַלדז, די הענט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז, וואָס איז געווען טיף, וואָס האָט געקילט. זי האָט זיך אויסגעצויגן, פאַרוואָרפן פריער די פיס, דערנאָך די הענט און אַזוי איז זי געבליבן ליגן. פונעם טייך האָבן זיך פאַר אַ ווייל דערהערט קולות און ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. באַלד האָבן זיך גענומען קייקלען טריט. פיס האָבן געקלאַפּט איבערן ווייסן ווענל, וואָס האָט געפירט צום טייך.

— ווער גייט?

העלען האָט זיך אַ ריס געטאָן, זיך אויפגעזעצט. לעבן איר איז געשטאַנען עדגאַר, אַ פאַרוויינטער.

— וואָס איז, קינד מיינס? — האָט העלען זיך אויפגעשטעלט און באַטראַכט דעם יינגלס אונטערגעהאַקט אויג. — ווער האָט דיך געשלאָגן? ווער האָט דיר אונטערגעהאַקט אַן אויג?

— דעם שכנס יינגלעך, — האָט עדגאַר זיך צעהעשעט, — זיי האָבן אָנגעהויבן.

— פאַרוואָס האָבן זיי מיט דיר אָנגעהויבן?

— זיי האָבן מיך גערופן „שיני", זיי האָבן מיך גערופן „מאַקי".

— פאַרוואָס האָבן זיי דיך אַזוי גערופן?

— כ'ווייס נישט, — האָט דאָס יינגל געריבן מיט די פויסטלעך די אויגן און אויף די באַקן זיינען געבליבן פלעקן.

— פאַרוואָס רופן זיי מיך נישט קיין צונעמען? — האָט די מוטער צוגעטוליעט עדגאַרן צו זיך.

— כ'ווייס נישט, — האָט דאָס יינגל זיך אַרויסגעדרייט פון דער מוטערס הענט, — זיי זיינען „קלעניקעס".

— פון וואַנען ווייסטו, אַז זיי זיינען „קלעניקעס"? נישטאָ מער קיין „קלעניקעס"!

— זיי האָבן מיר אַליין געזאָגט, — האָט דאָס יינגל זיך גענומען

אָנפּאַקן די קעשענעס מיט שטיינדלעך. — זיי האָבן מיר אַליין געזאָגט, אַז ווי נאָר זיי וועלן אונטערוואַקסן, וועלן זיי אויסהרגענען אַלע יידן, אַלע קאַטאָליקן און אַלע נעגערס. האָב איך געזאָגט: „מיר וועלן פריער אויסהרגענען אַלע קלעניקעס”. האָבן ביידע ברידער — פּיט און טעד — זיך געוואָרפן אויף מיר. אָט גייען זיי!

עדגאַר מיט פולע קעשענעס שטיינער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אונטער אַ בוים. אויף אַפריער זיינען געגאַנגען דעם שכנס יינגלעך, פּיט און טעד, הינטער זיי — נאָך צוויי.

— דו זאָלסט נישט וואַרפן קיין שטיינער, הערסט, — האָט העלען זיך אַ לאָז געטאָן צו עדגאַרן. — זיי זיינען דאָך פיר און דו איינער.

— כ׳וועל זיי אַלע צעשלאָגן, אַלע! — האָט עדגאַר אַ שיק געטאָן אַ שטיין און געטראָפן פּיטן אין פּוס אַריין.

פיר שטיינער זיינען אַ פלי געטאָן אין עדגאַרס זייט און קיין איינער האָט אים נישט געטראָפן. ס׳בלוט אין העלענען האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין די שלייפן. זי האָט נישט געוואוסט וואו פריער צו לויפן — צי צו עדגאַרן, צי צו די שכנישע יינגלעך. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די יינגלעך, זיך געבעטן ביי זיי:

— קינדער, טשעפּעט אים נישט, וועט ער אויפהערן וואַרפן שטיינער. עדגאַר איז נאָך אַ קרענק, און אויב איר האָט צו אים טענות, זאָגט מיר, ׳וועל איך אַליין אים באַשטראָפן. דערצו זענט איר פיר און עדגאַר איז איינער, און ווי גייען פיר יינגלעך זיך וואַרפן אויף איינעם?

— אַוודאי זיינען מיר פיר, — האָט פּיט, וואָס האָט געכאַפּט דעם שטיין אין פּוס אַריין, זיך אַרויסגערוקט. — עדגאַר ווייס, אַז מיר זיינען פיר, און ער הויבט אָן מיט אונדז.

— ס׳איז אַ ליגן, מאַמע, גלויב זיי נישט, די „קלעניקעס”, — האָט עדגאַר זיך צעשריען און פון כעס געטופּעט מיט די פיס. — זיי האָבן מיט מיר אָנגעהויבן. זיי האָבן מיך גערופן צונעמען.

— מיר האָבן אָנגעהויבן, — האָט פּיט ווייטער גערעדט, — און ער רופט אונדז „קלעניקעס”.

— פּיט איז גערעכט, — האָט העלען זיך געשטעלט אויף פּיטס צד.

— ער איז נישט גערעכט, מאַמע, — האָט עדגאַרן דער כעס געגעסן. — איידער איך האָב זיי גערופן „קלעניקעס” האָבן זיי מיך גערופן „שיני” און „מאַקי”.

די יינגלעך האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און עס גלייך

דערשטיקט אין זיך. איינער האָט אויסגעמיטן דעם צווייטנס בליק. מען איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פון דער זייט געהיט עדגאַרן, ער זאָל ווידער נישט אַ שיק טאָן קיין שטיין. העלען איז געשטאַנען אַ צעטומלטע. זי האָט געוואוסט, אַז אין דיילוויל האָט מען נישט ליב קיין יידן. זי האָט געוואוסט, אַז דאָרט, וואו יידן באָדן זיך, וואַרפן די „קלעניקעס" אָן שטיקער צעבראָכן גלאָז. זי איז אָבער זיכער געווען, אַז דאָס מיינט מען די „גרינהאָרנס", וואָס רעדן „זשאַרגאָן", וואָס רעדן ענגליש מיט אַן אַקצענט. זי האָט געוואָלט איבערבייטן דעם שמועס, געוואָלט פאַרגלעטן דעם צוזאַמענשטויס, און מיט אַ פרעמד, ווייך קול זיך אַרויסגעכאַפּט:

— איז עס אמת, קינדער, וואָס עדגאַר דערציילט?

זיי האָבן נישט געענטפערט. עדגאַר האָט זיך צעשריען אויף דער מוטער.

— ס'איז אמת, זאָג איך דיר, און דו רעדסט נאָך מיט זיי, בעטסט זיך ביי זיי.

בשעת עדגאַר האָט געשריען איז די שכנטע אָנגעקומען פון איר גערטנדל. אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט דינע פאַרקוועטשטע ליפּן. די שכנטע האָט אַ רוף געטאָן אירע צוויי יינגלעך, ווי מען רופט טרעניררטע הינט. זי האָט זיך פאַרמאָסטן אויף די יינגלעך, וואָס האָבן אָפּגעצויגן אין שטוב אַריין. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו העלענען, האַרט צוגעגאַנגען און אַ שפּיי געטאָן:

— מיר האָבן פיינט אַ יידיש פּרצוף און איר קריכט צווישן אונדז!

די ווערטער זיינען געקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַז העלען האָט פאַרלוירן ס'לשון. און אַז זי איז געקומען צו זיך און ווערטער האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז אַריין, איז די שכנטע שוין נישט געווען. די ווערטער האָבן געשטיקט אין האַלדז. עדגאַר האָט זיך צוגעשאַרט צו איר:

— פאַרוואָס האָט מען אונדז אַזוי פיינט? ווייל מיר זיינען יידן?

— ווייל זיי זיינען „קלעניקעס", — האָט די מוטער צוגעפירט עדגאַרן צו דער הוידע און ביידע האָבן זיך צוגעזעצט, — ווייל זיי זיינען שלעכטע מענטשן.

עדגאַר איז נישט איינגעזעסן. ער האָט דערזען אַ קאָלירט פלאַטערל און זיך גענומען יאָגן נאָך דעם.

די אַרומיקע רחבות האָט זיך מיטאַמאָל איינגעקאָרטשעט. העלען האָט מער נישט געזען די ליכטיקייט, וואָס איז געקומען פון די

צייטיקעביימער, פון די פלאַנצן, פון דער בלויער דורכזיכטיקער לופט. דער אַרום איז צו קליין געוואָרן פאַר העלענען. און זי האָט זיך געערגערט, נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען ס'נעמט זיך צום מענטש אַזויפיל רשעות, וואָס פאַרמיאוסט אַלץ — הימל, ערד, פלאַנצן.

רשעות (רישעס) — שלעכטס; פאַרברעכן
געצייטיקט — רייף געוואָרן
קריכפלאַנץ — creeping ivy
פירות (פּירעס) — פרוכטן
דורכזיכטיק — transparent
צעהעשעט — געוויינט, געכליפּעט
טענות (טייגעס) — complaints
זיך געשטעלט אויף פיטס צד

(צאַד) — געהאַלטן מיט פיטן; איינגעשטימט מיט אים.
צוזאַמענשטויס — קאָנפליקט; קריגערייַ
פרצוף (פּאַרצעף) — אַ זידלוואָרט פאַר פּנים; mug
ס'לשון (לאָשן) — שפּראַך
פלאַטערל — butterfly
רחבות (ראַכוועס) — ברייטקייט; פרייע נאַטור

יינגלווייז

• ה. לייוויק

נאָך יינגלווייז, ווען אַלע קינדער האַלטן זיך אין שפּילן,
האָב איך מיך פאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן,
געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פון דער ווייטן,
אַזוי ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן.

איך האָב שוין דאַן געזען, ווי מענטשן ליידן, שווייגן —
האָב איך דאָס שווייגן זייערס אין זיך פאַרנומען,
און עפּעס פאַרגעשטעלט זיך ווייט אין ווייטער עלטער,
עפּעס גרויסעס, וואונדערלעכס ועט פון ליידן קומען.

און איך דער ערשטער וועל דערזען דאָס וואונדערלעכע, גרויסע,
און מער פון מענטשן שוין ניט קענען עס פאַרבאָרגן;
פון טיר צו טיר, פון שויב צו שויב וועל איך זיך לאָזן קלאַפּן —
און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פרימאָרגן...

זיך געהאַלטן — considered | פאַרבאָרגן — באַהאַלטן

זכרונות

• מאָריס ראָזענפעלד

פאַר דעם ציימל נעם מיך, מאַטקע!
איך וועל זיין דיין פערד!
נעם דאָס שטריקל פאַר אַ לייץ,
ס'שטעקל פאַר אַ שווערד!
מאַרש אַהין אויף יענע בערגלעך
אין דער פרייער לופט,
איצקע וואַרט שוין מיט אַ באַנדע, —
הערסטו ווי ער רופט?
זעסטו אים אויפן שפּיץ פון בערגל
דאָרטן, פאַזע טייך?
אַך, איר זיסע קינדער-יאָרן,
ווייט בין איך פון אייך!

קינדער, ניט פאַרגעסט די פייפלעך,
וואָס איר האָט געמאַכט.
פרעגט נאָר בערקען, האָט ער אַלע
צווייגעלעך שוין געבראַכט?
מאַכט זיך גרייט צו לויפן, קינדער,
גיכער, נו, גאַלאָפּ!
ווייטער, ווייטער, גייט עס שנעלער,
פלינקער באַרג אַראָפּ.
קומט צום וואַסער-מיל, אָט דאָרטן
לויפט דער קלאָרער טייך. —
אַך, איר זיסע קינדער-יאָרן,
ווייט בין איך פון אייך!

היט זיך, ניט צעברעך די קריגלעך!
רואיק, מאַך קיין גוואַלד!
ווייסט איר וואו די יאַגדעס וואַקסן
אין דעם טיפן וואַלד?
קינדער, נעמט זיך פאַר די פּאָלעס!
יודקע, גיי פּאָרויס!

דאָ איז לײַכט צו בלאָנדזשען, קינדער,
אונדזער װאַלד איז גרױס!
צום יאַגאָדניק! ניט פֿאַרלירט זיך,
קומט זשע, אַלע גלײַך. —
אַך, איר זיסע קינדער־יאָרן,
װײַט בין איך פֿון אײַך!

זיסע שײנע ליבע קינדהײט,
װײַט ביסטו פֿון מיר!
מײַן נשמה, מײַן פֿאַנטאַזיע
טרױמט נאָר װעגן דיר.
װי אַ שאָטן ביסטו, קינדהײט,
װי אַ רױך, װאָס פֿליט.
װי אַ בליץ געשװינד אַנטלױפֿסטו
און מען זעט דיך ניט.
שװעבסט נאָר אום אין מײַן זכרון
װי אַ זיסער טרױם.
איך דערמאָן זיך און מיר װײנט זיך,
און מיר גלױבט זיך קױם.

צײמל — bridle
לײץ — rein
פֿאַזע — לעבן, לענג אױס, close by

יאַגאָדניק — קוסט פֿון יאַגדעס, berry bush
זכרון (זיקאָרן) — memory

אסתר װישניצער

הערשעלע

• מענדעלע מוכר ספרים

1.

אין שטוב איז הערשעלע געווען ווי אַ שטאַרק אָנגעבלאָזן פוכערל, זיך איינגעהאַלטן, קיין פּאַרע זאָל מען פון אים ניט הערן; אינדרויסן אָבער האָט דאָס פוכערל געפּלאַצט, און ס'איז אַרויס פריי אַלצדינג, וואָס אינעווייניק אין אים האָט זיך געשטיקט. דאָרט איז ער געווען אַ פייער, אַ שפּירט, אַ קונדעס אין דער וועלט. ער האָט זיך איבער־געשלאָגן מיט אַלע יינגלעך און אַרויסגעוויזן זיין גרויס בריהשאַפט. אין שטיינער וואַרפן, כאַפּן אַ ציג פאַר די הערנער און זעצן זיך אויף איר רייטנדיק, אָננעמען פלוצלונג דעם קאַפּצאַנסקער צאַפּ פאַר דער באָרד און אַרויסרייסן אים אַ פולן הויפן האָר, נאָכלויפן אַ משוגענעם אויף דער גאַס, אונטערכאַפּן זיך הינטער אַ וואָגן — דערצו איז ער געווען אַ בריה טאַקע. ווייסע חברה האָט דעריבער פון אים שטאַרק געהאַלטן. אין די מלחמות צווישן די שטיפערס איז ער געווען דער גענעראַל, מיט עפּעס אַ פּאַפּירן מיצל אויפן קאָפּ, אַרומגעשטעקט מיט פעדערן. דאָס גאַנצע גרויסקייט זיינס איז באַשטאַנען אין פיטשקען; ער האָט געהייסן איטלעכן שמייסן גלאַט אַזוי זיך פון זיין כבוד וועגן. און אַז דער גענעראַל, הערשעלע לייזער־יאַנקלס, האָט באַפוילן — האָט איטלעכער, פון דעם קלענסטן ביז דעם עלטסטן, באַלד געמוזט פאָלגן. בשעת פרידן, נישט קיין מלחמה־צייט, פלעגט אונדזער הערשעלע מיט דעם גאַנצן פעקל יינגלעך זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע

געשעפטן, און געשעפטן זיינען געווען פיל אין איטלעכער צייט.

זומער בייטאָג פלעגט ער פירן ווייסע חברה באָדן זיך אין קאָפּ־צאַנסקער טייך — אַ גרויסער רינשטאָק מיט אַ פּאַרשימלטער בלאָטע ביים ברעג, וואו שטאָט־חזירים זיינען געלעגן איינגעזונקען טיף איבער די אויערן, אַרויסשטעקנדיק נאָר דאָס פּיסקל. דער גאַנג אַהין איז געווען לעבעדיק־ראַשיק, נישט אויסגעלאָזן איין זאַך אויפן וועג, מע זאָל עס נישט באַרירן. יונגע גענדזלעך צעלויפן זיך, אונטער־פליענדיק אַ ביסל מיט די קליינע, נאָך נישט גוט באַפעדערטע פליגעלעך; דער גאַנער סאָפּעט, סמאָרעט מיט די נאָזלעכער, אויס־קרימענדיק דעם האַלדז; דאָס קעלבל דאָרט שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן, רוקט זיך אָפּ עטלעכע טריט, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ און אָנ־בייגנדיק דעם שטערן צו דער ערד, פאַררייסט דערנאָך דעם וויידל, און אַוועק, אַוועק... חברה שפּיליעט זיך אָפּ, קנעפּלט זיך אָפּ נאָך גייענדיק, אין איילעניש, אַזוי אַז צוקומענדיק צום ברעג טייך, פאַלט פון איטלעכן דאָס אָנטאָן פלוצים אַראָפּ און — פּוץ אין וואַסער אַריין, בול־בול־בול!

דער מלמד פון דער תּלמוד־תּורה, וואו אונדזער הערשעלע האָט געלערנט, איז אַליין געווען שטענדיק פאַרנומען מיט זייער פיל גע־שעפטן; ער איז געווען אַ שטיקל שדכן, פול געווען אויף אַלע חתונות און לוויות. נאָר דעם לויב מעג מען אים נאָכזאָגן, אַז די שעה צייט, וועלכע ער האָט זיך גענומען צום לערנען, האָט ער געאַרבעט געשמאַק, מיט אַלע כלים. די דאָזיקע קורצע צייט איז אים גאַנץ גענוג געווען אויף איבערצושמייסן אַלע קינדער, און ס'איז אים נאָך איבער־געבליבן עטלעכע ליידיקע מינוט צייט אויך אויף צושפּאַרן זיך מיטן קאָפּ צום טיש, אַ ביסל זיך אויסצורוען אָדער קראַצן די באָרד, קרעכצן, גענעצן. אויף הערשעלען פלעגט ער זאָגן: הערשעלע איז אַ גרויסער קונדעס, אָבער אַ וואויל יינגל מיט אַ גוט קעפּל.

פּוכערל — בלעזל, balloon
אַ שפּיצל, אַ קונדעס — אַ טומלער, אַ שטיפער
צאָפּ — buck (male-goat)
ווייסע חברה (כעוורע) — שטיפער, קונדייסים
פון זיין כבוד (קאָוועד) וועגן — in his honor

רינשטאָק — gutter
סאָפּעט — אָטעמט שווער
סמאָרעט — snorts
מלמד (מעלאַמעד) — רבי (רעבע), לערנט מיט קליינע קינדער
שדכן (שאַדכן) — match-maker
לוויות (לעווייעס) — funerals
מיט אַלע כלים (קיילים) — מיטן גאַנצן כוח (קויעך)

2.

אַך, ווען נישט דאָס עסן, ווען נישט דאָס עסן, וואָלט דאָס לעבן אין קאַפּצאַנסק פֿאַר הערשעלען קינדווייז געווען זייער אַ גליקלעכס, ווי אין גן־עדן! צייט אויף צו שטיפֿן, אַרומצולויפֿן פֿריי, האָט ער געהאַט, אַ שיינעם נאָמען ביי ווייסע חברה האָט ער געהאַט, ער איז געווען אַ גענעראַל, אַ סוחר, אַלצדינג, וואָס איר ווילט און וואָס מאַכט יינגלעך איבערגליקלעך. נאָר איין קלייניקייט — אָט דאָס עסן, דאָס וואָס דאָס מעגנדל זיינס פֿלעגט מאָנען עסן, דאָס האָט אים גאָר צעדרייט, פֿאַרשטערט די שמחה. ס'זיינען געווען צייטן, ווען ער איז געקומען אַהיים הונגעריק נאָך אַזויפֿיל מי און אָנטופֿען זיך, נעבעך, געחלשט עסן, כאָטש וואָס ס'איז, און — גאָרניט, נישטאָ קיין לעק! ער פֿלעגט וויינען, זיך קראַצן, האַלטנדיק ביידע הענטלעך אין די האָר פֿונעם קאָפּ, און שרייען, ביז ער איז געבליבן ליגן אָן כוחות און אַנטשלאָפֿן געוואָרן. שפּעטער איז ער שוין מיט אַזעלכע זאַכן געוואוינט געוואָרן און, אַז ער איז הונגעריק געווען, פֿלעגט ער מאַכן מיט די ליפּן און שווייגן.

הערשעלע איז געווען אַ פֿאַרשייט קינד, אַ לעבעדיקס, אַ רירעוודיקס. קוים האָט ער זיך געשטעלט אויף די פֿיסלעך, אַ בליק געטאָן אויף גאָטס וועלטעלע אַרום אים, איז דאָס וועלטעלע אים זייער שיין געפֿעלן און ער האָט חשק געהאַט ווי אַ העזעלע צו שפּרינגען, צו לעבן; נאָר דאָס לעבן האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ בייז פּנים: יינגעלע, לאָז זיך אַ קבצן ניט גלוסטן... דאָס בייזע, פֿינצטערע לעבן האָט אים אָפּגעשטעלט באַלד טאַקע ביים צעפֿירן זיך די הענטלעך, אים געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם טעם פֿון נויט, פֿון הונגער, און אים געפֿרעגט די ערשטע קשיה: הערשעלע, וואָס איז מיט דיר אַזוינס די שמחה?

הערשעלעס יוגנט איז פֿאַרגאַנגען געשווינד, אָפּגעבליט גיך, און ער איז קינדווייז נאָך געוואָרן אַ קליין יידל: דערשלאָגן, פֿאַרטראַכט, מיט אַ פֿאַרזאָרגט פּנים און אַלע גענג פֿון אַ גרויסן, באַווייבטן יידן; עס האָט אים נאָר געפֿעלט אַ בערדל.

געחלשט (געכאַלעשט) עסן — געווען זייער הונגעריק
פֿאַרשייט — צעלאָזן, ווילד
חשק (כיישעק) — פֿאַרלאַנג, ווילן
קבצן (קאַפּצן) — בעטלער, אָרעמאַן
טעם (טאַם) — taste
קשיה (קאַשע) — פֿראַגע

דער אַלכעמיקער

• יהואש

שיקט צו זיך דער קעניג רופֿן
דעם מכשף פֿון מעטאַלן:
„אַלטער מייסטער, איז דאָס אמת,
אַז אין דיינע הענט געפֿאַלן
איז דער וואונדערשטיין, וואָס זוכן
פֿלעגט מען אים אין אַלע צייטן?
אַלטער מייסטער, איז דאָס אמת,
אַז אין בלאַנקן גאָלד פֿאַרבייטן
קענסטו צין און בליי און אייזן?..."

טוט דער אַלטער טיף זיך בוקן,
קרימט די ליפּן מיט הכנעה,
און די אויגן שפּאָטיש קוקן:
„האָסט געטראָפֿן, גרויסער קעניג,
כ׳האָב דעם וואונדערשטיין געפֿונען...
הויפֿנס גאָלד, געגנוג צו פֿילן
מיט דוקאַטן טויזנט טונען,
קען איך אין אַ טאָג באַשאַפֿן..."

„ווילסטו מיר דעם סוד באַווייזן?
כ׳וועל דיך ווי אַ קעניג לוינען,
כ׳וועל באַצאָלן אַלע פּרייזן..."

בייגט דער גרייז אַראָפּ זיך טיפֿער,
כיכעט מיט אַ מויל אָן ציינער:
„איך בין אַלט און דאַרף דיין לוין ניט,
און פֿון וואונדערשטיין זאָל קיינער
אויסער מיר דעם סוד ניט וויסן..."

„וועל איך מיט גוואַלד דיך נייטן,
אין אַ תּפֿיסה וועסטו ליגן,
הענט און פֿיס אין שווערע קייטן..."

בוקט זיך טיפֿער נאָך דער אַלטער:
„וועל איך אין מיין תּפֿיסה וויסן —

שפּיאַנסט בײנאַכט אַרום מײן פענצטער,
און דײן שלומער איז צעריסן...״
„װעל איך הענגען דיך באַפּעלן...״

לאַכט דער אַלטער: „װעל איך שפּירן
אין מײן קבר, װי עס ברענען
טונען גאָלד אױף דײן געהירן...״

אַלכעמיקער — alchemist	דוקאַטן — ducats
(מען האָט געגלױבט אין מיטל־אַלטער, אַז אַלכעמיקער קענען פון אַלצדינג מאַכן גאָלד.)	טונען — barrels
	כיכעט — לאַכט
	תפיסה (טפּיסע) — prison
מכשף (מעכאַשעף) — magician	שלומער — שלאָף
הכנעה (האַכנאָע) — humbleness	געהירן — מוח (מויעך), brain

די לבנה דערציילט

• י. ל. פּרץ

פון אַן אײנגעבױגן הײזל גײט אַרױס אַ באָרװעס ײנגל, שלעכט געקלײדט (די שמאַטעס האַלטן זיך קױם אױף אים), און קעגן איבער, פון אַ צװײט הױז, כמעט אַ חורבה, קומט אױך אַרױס אַזאַ ײנגל.

קױם זײנען זײ אײנער צום צװײטן צוגעקומען, האָט מען שױן ניט געװאוסט װעלכער עס איז אַרױס פון װעלכן הױז. בײדע אױסגעדאַרט, מיט ברענענדיקע אױגן, בײדע ציטערן פאַר קעלט, אפשר פאַר הונגער אױך.

איך הער, װי זײ שמועסן:

— פאַרטיק?

— און דו?

— אױך!

— האָסט געגעסן?

— נײן... דער טאַטע האָט ניט געבראַכט.

— מײנער — קראַנק; די מאַמע װײנט...

— גײען מיר?

— בעסער לױפן... ס'איז קאַלט...

— נו?

זיי לויפן פייל פון בויגן אין שטאָט אַריין.
איך קוק זיי נאָך.
ביי איינעם פון די שענסטע הייזער שטעלן זיי זיך אָפּ.
— זעסט? מיין פעטערס הויז! — מאַכט איינער שטאָלץ.
דער צווייטער ווייזט אויף אַ הויז קעגן איבער.
— דאָס איז מיין פעטערס!
— מיין פעטער האָט אָבער געבראַכט אַן אַראַביש פערדל פאַר זעכצן טויזנט!
— מיינער האָט אַ קאַרעטע מיט פיר פערד, ווי די לייבן!
— מיינער האָט אפשר טויזנט דערפער!
— מיינער—אפשר הונדערט שטעט!
— פערד, ביי מיין פעטער איז דאָס מעבל פון גאָלד!
— בהמה, ביי מיין פעטער — סאַמע בריליאַנטן!
— אָבער מיין מומע מיט אירע פאַרפומען! די נאָז רייסט עס אויף!
— און אַז מיין פעטער שפּילט יעדע נאַכט אין קאַרטן — האַ?
זיי האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט און שיער ניט צעשלאָגן זיך...
איינער איז פריער אָפּגעשטאַנען.
— קאַלט — מאַכט ער מיט אַ ציטער.
דער צווייטער שטייט אויך אָפּ:
— איך בין זייער הונגעריק — זאָגט ער — קלינג אָן ביי דיין פעטער...
— ניין — ענטפערט יענער דערשראָקן — ער האָט אָנגעזאָגט די דינער, זיי זאָלן מיר העגט און פיס צעברעכן!
— מיין פעטער דאָס זעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.
זיי לאָזן טרויעריק אַראָפּ די קעפּ.
— גייען מיר?
— בעסער לויפן..
און אויפן וועג:
— מאָרגן ביינאַכט נאָכאַמאָל...
— יאָ... איך וועל געבן אַ סימן... איך וועל אַ קריי טאָן, ווי אַ האָן...
— איך וועל ענטפערן מיט אַ מיאַוק פון אַ קאַץ.
— גוט.
זיי זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן.

ערב פרילינג

• יהואש

כ׳האָב ליב צו וואַנדערן אין פעלד,
ווען פון דעם פרילינג ווייזט זיך קוים אַ סימן,
ווען אויף די בייטן ליגט נאָך ווייסער פראָסט,
און אויפן הימל ווינטער-כמאַרעס שווימען...

ווען שטום איז נאָך דער ערשטער פויגל-כאָר,
נאָך ניט דערוואַכט דער זיסער פרילינג-טומל,
ווען טיף אין דר׳ערד נאָך טוליען זיך פון קעלט
די וואָרצלען פון דעם ערשטן פרילינג-בלימל.

דאַן האָב איך ליב אַרויסגיין אויפן שניי
און דאָ און דאָרט דערזען אַ פלעק אַ גרינעם,
און ליב צו הערן אונטער מיינע טריט,
ווי עס קנאַקט די שאָלעכץ פון דעם אייז דעם דינעם...

און ליב צו אָטעמען דעם ערד-געדוך,
די וואַרעמקייט און פייכטקייט פון געבערן.
דען זיסער ווי אין פולער בלומען-פראַכט
מיר איז דער פרילינג אין זיין אָנהייב ווערן...

בייטן — flower-beds	גערוך — ריח (רייעד), odor
טוליען זיך — cling	געבערן — giving birth

אויף יענער זייט ים

אַ זון פון אַלטן פאָלק י. איזראַעלס

צווײ ברידער

• י. ל. פרץ

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערשע פיסלעך אַ הייזל אין טאָל.
געשטאַנען זיך פּראָסט, אָן עזות, אָן שטאָלץ,
אָן פּוצעכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האָלץ.
אַ פענצטער אַ קלײנטשיקס, נאָר חנעוודיק האָלט ;
די זון — זי באַשיט עס טאָג-טעגלעך מיט גאָלד !
לבנה און שטערן
פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן !

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט !
עס האָבן אין הייזל צווײ ברידער געוואוינט.
עס האַלטן צווײ הערצער צוזאַמען געטריי ;
שווער איז די אַרבעט, נאָר ס׳אַרבעט זיך פריי !

ווייס איז דאָס מעבל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז בשותפות — די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט.
די צייט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כשרן פאָדעם!

נאָר איינמאָל באַווייזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל,
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פינקלט זיין פעל:
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט!
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך עשירות פאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך, אָרעמער מאַן,
כ'פאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ'וואָלט אויפן יאַריד
געקויפט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען — זיי ווייסן וואָס ס'טראַכט זיך ביי לייט,
זי ווינקט אים און רופט אים אַוועק אין אַ זייט
און זאָגט אים: „איי, ברודער! וואָלסטו נאָר געוואָלט,
וואָלסטו געהאַט שוין פול פעסער מיט גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט
און אַלץ, וואָס מען קאָן נאָר באַקומען פאַר געלט!
איך מאַך נישט קיין שפּאַס,
איך ווייס שוין דעם סוד,
איך קאָן דיר אים זאָגן אין וואַלד!"

די שלאַנג איז אַוועק, און דער יינגערער קלערט:
„ווי גאָט האָט זיך יעדן זיין שיינקייט באַשערט!
גיי, פרעג אים: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?"
ביים עלטערן פלאַמט שוין די תאווה אין אויג:
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן — אַך, גאָט!
ער קוקט אויפן וואַלד,
און גנבעט זיך באַלד
פון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון גייט שוין אונטער, פאַרגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע — דער מענטש און די שלאַנג;

זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייסט נישט — פאַר פרייד, צי פאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק
און רעדט פון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער: דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפט זיך, ער אַרבעט, און וואונדערלעך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס.
עס טריפן די טראָפּן... ער ווישט מיט דער האַנט.
לאָז נישט! דער טראָפּן דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן היים!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פעסער דיאַמאַנטן!"

„עס טרעפט — און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
דו, שוטה, דו מיינסט, עס איז וואַסער, נישט מער,
און טרייסט אים, און האַלדזסט אים; דו האַלטסט עס נישט אויס
און קושסט אים די טרערן פון ד׳אויגן אַרויס!
פאַרשווענדסט דיין פאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ!
לאָז וויינען, לאָז וויינען! און קלויב יעדן טראָפּ!
אַ טראָפּ, האָב פאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט!
רייך וועסטו זיין ווי אַ קעניג!"

„דערנאָך — האָט דיין ברודער אַן איידעלע פעל:
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאָפּ.
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!
זאָל ער נאָר בלוטן און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פאַבריק
און מאַך דיר דיין גליק;
ביסט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סוד!"

די ליפּן פאַרביסן, די פויסטן געביילט.

גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד.
די אויגן — זיי ברענען און זוימען זיך שוואַרץ;
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ.
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאָר מאַכן אַ פּרואוו,
אַ שטאָך וועל איך געבן אַ קליינעם, נישט טיף.
מיין ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערן און שווייס —
הערסטו דאָך — זיינען בריליאַנטן!"

* * *

עס הערט די לבנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינעם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פענצטער אַריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגנס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואַלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

* * *

און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פאַרשוואונדן, עס וויכט זיי דער שלאָף;
אַוועק איז די ליבע, דער פרידן אַוועק! —
דער שלאָפט נישט פאַר וויטיק, דער צווייטער — פאַר שרעק.
דער שרייט: ס'איז מיין עשירות, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס'איז טרערן, מיין שווייס און מיין בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם!
אויף יענער זייט ים
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

אויף הינערשע פיסלעך — אויף אַ שוואַכן פונדאַמענט
עזות (אַזעס) — arrogance
האַלט — געערן, ליב
קלייען — chaff
בשותפות (בעשוטפעס) — צוזאַמען
גינגאָלד — דאָס ריינסטע גאָלד
שמאַראַגד — אַן איידלשטיין, smaragd

עשירות (אַשירעס) — רייכקייט
תאווה (טייווע) — passion
זוים — hem, edge
שוטה (שויטע) — נאַר
קרעל — bead
צאַפּ — צי אַרויס, to suck
געביילט — צוזאַמענגעקוועטשט
צאַפּלט — ציטערט, quivers
וויכט — מיידט אויס, avoids

קאַסרילעווקער האָטעלן

• שלום עליכם

איך קום צו צו אַ צוויי־גאָרנדיקער שטוב מיט אָפּגעקאַלופּעטע ווענט און איך לייען איבער אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: „האָטעל טערקאַליאַ".

עפנט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך אַ יידל, וואָס מען רופט אים נח, דער שווייצאַר פונעם האָטעל. ער כאַפּט מיין טשעמאָדאַנטשיק, פרעגט מיך ניט און טראָגט דאָס אַרויף אויף די טרעפּ, גלייך אויפן אויבערשטן גאָרן, און טוט מיך אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ צימער, למשל, ווילט איר? מיט געזאַנג, צי אָן געזאַנג?

— וואָס פאַר אַ געזאַנג? — זאָג איך.

— פון די אַקטעיורן. ביי אונדז שטייען די אַקטעיורן פונעם יידישן טרעיאַטער, און אַקעגן שטייט ביי אונדז אַ חזן פון דער ליטע מיט צוועלף זינגערלעך. געקומען צו פאַרן אויף שבת. מע זאָגט, אַז ס'איז ניט קיין שלעכטער חזן. גאָר אַן אַנטיק פון אַ חזן!

— עס קאָן זיין — זאָג איך — אַז ער איז אַן אַנטיק פון אַ חזן, נאָר איך בין אייך מוחל. איר גיט מיר בעסער אָן געזאַנג.

— ווי איר ווילט אייך! — מאַכט צו מיר נח דער שווייצאַר — איך קאָן אייך געבן אַן אַנדער צימער, די ברירה איז ביי אייך; נאָר אַז סע וועט אייך זיין דאָרט ניט אַזוי דאָסיק, זאָלט איר צו מיר נאָכדעם קיין טענות ניט האָבן.

— וואָס הייסט — זאָג איך — „ניט אַזוי דאָסיק"?

— למשל — זאָגט ער — טאָמער וועט מען אייך ביייסן.

— ווער וועט מיך ביייסן?

— ווער וועט אייך ביייסן? — זאָגט ער. — איך וועל אייך ניט ביייסן; עס וועלן זיך שוין געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן אייך ביייסן. מע האָט ניט־לאַנג, ערב־פּסח, גערייניקט, נאָר עס העלפט ניט, קיין קעראָסין אויך ניט...

— אויב אַזוי — זאָג איך — לאָז שוין זיין מיט געזאַנג...

און נח דער שווייצאַר פירט מיך אַריין אין אַ פינצטער חדר מיט אַ משונה־מאָדנעם ריח.

— וואָס וועט איר זיך עפּעס הייסן געבן צו דער טיי? פריש געבעקס, אייערבייגל, אָדער גאָר קאַסרילעווקער פרענדזועלעך?

דער אויבס־הענדלער   י. ב. ריבאַק

און נח דער שווייצאַר דרייט זיך אוים און ווערט פאַרשוואונדן.
עס עפנט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אַריין אַ קאָפּ אָן אַ היטל און רעדט, מאָלט, אַז מ׳פאַרשטייט אים קוים:
— זאָקן גוטע! בעסטע וואַרע, וואָלול. הענטשקעס? ניין? טאָ קויפט אייך זאָקן כאָטש אַ האַלבן טוץ... אַ שיינעם דאַנק. זאָל אייך גאָט דערפאַר געבן געזונט.
דער ייד כאַפּט דאָס היטל און גייט אַוועק. עס קומט אַריין אַן אַנדער ייד, שוין מיט אַ היטל.
— קויפט ביי מיר זאָקן, פעטער, גוטע זאָקן, וואָלול!
— איך דאַרף ניט קיין זאָקן — זאָג איך — אַ דאַנק!
— וואָס הייסט — זאָגט ער — איר דאַרפט ניט קיין זאָקן? אָט האָט איר דאָך נאָר־וואָס געקויפט אַ האַלב טוץ זאָקן ביי יענעם! איך בין אויך אַן אָרעמאַן מיט קינדער, צוויי יינגלעך אין דער שולע, איינער איז ביי אַ באַלמעלאָכע און די קלענערע אין חדר... אַ דאַנק אייך. זייט געזונט. גאָט זאָל אייך באַגליקן!...

נאָך דעם יידן קומט אַן אַן אַנדער ייד. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים.

— אויב איר ווילט פאַרדינען אַ מצווה, נעמט צו ביי מיר אַ רעשטל אין גלייכן געלט. פאַרבליבן ביי מיר זאָקן אַ פּאָר טוץ.

— איך דאַרף ניט קיין זאָקן! — זאָג איך. — איך האָב שוין גענוג זאָקן.

— איך גיב זיי אייך אָפּ ביליק — זאָגט ער — איך דינג מיך מיט אייך ניט. וויפיל איר וועט געבן, געבן זאָל אייך גאָט געזונט און לאַנגע יאָר!... בלייבט געזונט און זייט מצליח!

נאָך דעם יידן קומט אַריין אַ יידענע מיט אַ טערקישער שאַל און רעדט מיט אַ ניגון:

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז איר זייט געקומען קיין קאַס־רילעווקע קויפן זאָקן, האָב איך אייך געבראַכט עטלעכע פּאָר זאָקן אויף אַ מוסטער. ביי מיר איז אַ פאַבריקן פון זאָקן. שוין צען יאָר וואָס איך אַרבעט זאָקן...

— ווער האָט אייך געזאָגט — זאָג איך — אַז איך קויף זאָקן? איך בין ניט געקומען נאָך קיין זאָקן, איך דאַרף ניט קיין זאָקן.

נאָר די יידענע הערט ניט וואָס איך רעד און טוט זיך אירס: זי מאָלט, ווי אַ מיל.

— מיינע זאָקן האָבן אַ שם אויף גאַנץ קאַסרילעווקע! קוקט אָן אַ זאָק!... וואָס זאָגט איר אויף דעם זאָק?

— אָבער אין גאָטעס ווילן! — שריי איך. — איך קויף ניט קיין זאָקן! איך דאַרף ניט קיין זאָקן!

— אָט ליגן דאָ — זאָגט זי — ביי אייך זאָקן!

— דאָס האָב איך געבראַכט זאָקן אויף צו פאַרקויפן — זאָג איך און באַגלייט אַרויס די יידענע און פאַרשלים די טיר, טאָמער טראָגט מען מיר זאָקן.

צוויי־גאָרנדיק — צוויי־שטאָקיק	ריח (רייעך) — smell
אָפּגעקאָלופּעט — peeled off	וואָלוול — ביליק
אַן אַנטיק — זייער גוט	מצווה (מיצווע) — good deed
ברירה (ברײרע) — אויסוואַל, choice	זייט מצליח (מאַצליעך) — good luck
משונה (מעשונע) — מאָדנע, strange, queer	מוסטער — sample
	שם (שעם) — נאָמען

צום העמערל

• אברהם רייזען

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק!
קיי ברויט איז אין שטוב נישטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן אַן עק!

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ!
דער זייגער, ער שלאָגט שוין באַלד צוועלף;
די אויגן, זיי מאַכן זיך צו.
גיב כוחות, אָ גאָטעניו, העלף.

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך;
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין
דער גבירהטעס טאָכטערלס שיך.

אָ, העמערל, העמערל קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס.
מיין איינציקער שפייזער ביסטו;
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס...

גבירהטע (גווירטע) — רייכע פרוי

בין איך מיר אַ שניידערל

• פאָלקסליד

בין איך מיר אַ שניידערל,
לעב איך מיר טאָג-אויס — טאָג-איין,
לוסטיק, פריילעך, פיין.

— זאָג מיר, שניידער ליבינקער און גוטער,
גיט דיר די נאָדל גענוג אויף ברויט מיט פוטער?
— איך מאַך אַ וואָך צוויי גילדן מיט אַ דרייער,
איך עס נאָר ברויט, ווייל פוטער איז צו טייער.



דער שוסטער

יודאָווין

בין איך מיר אַ שוסטערל,
לעב איך מיר טאָג-אויס — טאָג-איין,
לוסטיק, פריילעך, פיין.

— זאָג מיר, שוסטער, האָסטו וואָס צו קייען?
פעלט דיר אויסעט, קריגסטו וואו צו לייען?
— קיינער לייט ניט, קיינער גיט קיין ערבות,
איך בין אַ שוסטער, גיי איך טאַקע באָרוועס.

בין איך מיר אַ קרעמערל,
לעב איך מיר טאָג-אויס — טאָג-איין,
לוסטיק, פריילעך, פיין.

— זאָג מיר, קרעמערל, האָסטו וואָס צו האַנדלען?
האָסטו אין קרעמל ראָזשינקעס מיט מאַנדלען?
— איך האָב אין קרעמל פאַר צוויי גראָשן סחורה,
איך שלעפּ דעם דלות און איך בענטש דעם בורא.

בין איך מיר אַ בלעכערל,
קלאַפּ איך מיר טאָג-אויס — טאָג-איין,
לוסטיק, פריילעך, פיין.

— זאָג מיר, בלעכער, ווי גרויס איז ביי דיר די נויט?
האָסטו בולקעס? האָסטו ניט קיין ברויט?
— איך זיץ און קלאַפּ ביי יענעם פרעמדע דעכער,
ביי מיר אין שטוב רינט פון אַלע לעכער.

גילדן — 15 קאָפּיקעס
דרייער — 3 קאָפּיקעס
ערבות (אָרוועס) — security
דלות (דאַלעס) — אָרעמקייט, נויט
בורא (בוירע) — באַשעפער, גאָט

די מוטער צום קינד

• אברהם רייזען

שלאָף נאָך, שלאָף, ליבעס קינד,
דרויסן איז אַ פראָסט, אַ ווינט!
גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען,
גאָט זאָל אונדז דערוואַרעמען.

אָ, דער ווינטער שרעקט מיך, שרעקט —
ליג, מיין קינד, נאָך איינגעדעקט —
שלאָף נאָך, אָרעם פייגעלע,
עפן ניט דיין אייגעלע.

וועסט דערזען אַ קאַלטע וועלט,
דורך אין ווייסן אָפּגעמעלט.
האָלץ אין שטוב קיין שייטעלע
און קיין געלט אין בייטעלע.

ניט געקאָכט און ניט געהייצט,
קעלט און הונגער דריקט און רייצט.
שלאָף מיין קינד, פאַרפרוירענע,
אָרעמע, פאַרלוירענע!...

דערבאַרעמען זיך — האָבן רחמנות
אָפּגעמעלט — ווייס ווי מעל
שייטעלע — אַ שטיקל
רייצט — טוט ווי, פייניקט

דער תענית



• י. ל. פּרץ

אַ ווינטער-נאַכט. שרה זיצטביים לעמפּל און פאַרריכט אַן אַלטן זאַק. די אַרבעט מיט געפרוירענע הענט גייט נישט זייער געשווינד; פאַר קעלט זיינען איר אויך ברוין און בלוי געוואָרן די ליפּן. אָפט לייגט זי אַוועק די אַרבעט און צעלויפט זיך איבער דער שטוב, צו דערוואַרעמען די געפרוירענע פיס.

אין אַ בעט אויף אַ גאַלן שטרוי-זאַק שלאָפן פיר קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אין דער מיט מיט עטלעכע אַלטע קליידער.

וואָס אַמאָל כאַפּט זיך אויף אַן אַנדער קינד, עס הויבט זיך אויף אַן אַנדער קעפּל און רופט: עסן!

— וואַרט, וואַרט, קינדערלעך — טרייסט זיי שרה — אָט, באַלד וועט קומען דער טאַטע, ברענגען וועטשערע; איך וועל אייך אַלע אויפוועקן!

— און מיטאָג? — פרעגן די קינדער וויינענדיק. — מיר האָבן דאָך נאָך קיין מיטאָג נישט געגעסן!

— מיטאָג אויך!

זי גלויבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, טאָמער וועט זי נאָך עפּעס געפינען צו פאַרזעצן... נישטאָ!

לײדיקע, נאַסע פיר ווענט! אַ צעשפּאָלטענער אויוון! אַלץ איז נאַס און קאַלט!... אויפן קוימען שטייען אַ פּאָר צעבראָכענע טעפּ, אויפן אויוון — אַן אַלט, אויסגעבויגן, בלעכן חנוכה-לעמפּל; צוויי ליידיקע בעטן אָן אַ קישן... גאָרנישט, גאָרנישט מער!

עס האָט לאַנג געדויערט איידער די קינדער זיינען רעכט איינגעשלאָפן. שרה קוקט אויף זיי מיט האַרצווייטיק, מיט רחמנות, און טראָגט איבער די פאַרוויינטע אויגן צו דער טיר. זי האָט דערהערט טריט; שווערע טריט אויף די טרעפּ, קאַנען קלאַפּן. אַ שטראַל פון האָפענונג באַלײכט איר איינגעשרומפּן פּנים. זי קלאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ פּוס אָן אַ פּוס, הויבט זיך שווער אויף און גייט צו צו דער טיר. זי עפנט. עס קומט אַריין אַ בלאַסער, איינגעבויגענער ייד מיט ליידיקע קאַנען.

— נו? — פרעגט שרה שטיל.

ער שטעלט אַוועק די קאַנען, לייגט אָפּ דעם יאָך, זיפצט אָפּ און ענטפערט נאָך שטילער:

— גאָרנישט! גאָרנישט! מ'האָט אין ערגעץ נישט באַצאָלט... מאָרגן, זאָגט מען... יעדער זאָגט אַלץ — מאָרגן... איבערמאָרגן...

— די קינדער האָבן כמעט אין מויל נישט געהאַט — מאַכט שרה.

— כאָטש גוט — זיי שלאָפן.... אָרעמע קינדער מיינע! — זי קאָן זיך נישט איינהאַלטן און הויבט אָן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאַרעלע? — פרעגט דער מאַן.

— אַך, מענדל, מענדל.. די קינדער זיינען אַזוי הונגעריק!... מיט געוואַלד וויל זי איינהאַלטן די טרערן.

— און וואָס וועט זיין אונדזער סוף? — קלאָגט זי זיך. — מיט יעדן טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, שרה! פאַראַיאָרן איז ערגער געווען, ערגער! אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אָן אַ דירה! די קינדער האָבן זיך בייטאָג געוואַלגערט אין גאַס, ביינאַכט — אין די הויפן... היינט כאָטש אויף אַ שטרוי-זאַק, כאָטש אונטער אַ דאַך!

שרה האָט זיך שטאַרקער צעוויינט:

— האָב אויף דיר רחמנות, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרצן! זע ווי דו זעסט אויס! היינט צען יאָר איז געווען אונדזער חופּה...



א שטעטל   מאַרק שאַגאַל

קוק אַן דיין פּנים... ווי און ווינד! דו ביסט דאָך געוועזן די שענסטע אין שטאָט!

— און דו?! דו האָסט דאָך געהייסן, געדענקסט, מענדל גיבור... היינט ביסטו געבויגן אין דרייען, קראַנק... כאָטש דו האַלטסט עס פאַר מיר בסוד.

— אַך, גאָט! גאָט! — רייסט זיך איר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער כאַפּן זיך אויף און בעטן: עסן, ברויט!

— ווער עסט היינט? — האָט זיך מענדל פּלוצלונג אָנגערופן.

די קינדער זעצן זיך אויף דערשראָקן.

— היינט איז אַ תענית — זאָגט מענדל מיט אַ פינצטער פּנים.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבן פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי.

— וואָס פאַר אַ תענית? וואָס פאַר אַ תענית? — פרעגן זיי, וויינענדיק.

און מענדל דערציילט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַז היינט איז געשען אַן אומגליק אין שטעטל.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגן אַרויסגערופן אַ תּענית, אַפּילו פֿאַר זייגעדיקע קינדער!

די קינדער שווייגן און ער פֿירט ווייטער.

— אַזאַ תּענית ווי יום־כּיפּור, פֿון היינט פֿאַרנאַכט אָן!

די פֿיר קינדער שפּרינגען פֿלינק אַרויס פֿון בעט און הייבן אָן באָרוועס, אין די צעריסענע העמדלעך, צו טאַנצן איבער דער שטוב און צו רופֿן:

— מיר וועלן פֿאַסטן! פֿאַסטן!

מענדל פֿאַרשטעלט מיט די פּלייצעס דאָס לעמפּל, זיי זאָלן נישט זען, ווי די מוטער גיסט מיט טרערן.

— נו, גענוג! — באַרויִקט ער די קינדער. — גענוג! אין אַ תּענית טאָר מען נישט טאַנצן...

די קינדער זײַנען צוריק אין בעט אַרײַן.

פֿאַרגעסן דעם הונגער!

אַ מיידעלע הייבט אָן זינגען.. אַ קעלט לויפֿט מענדלען דורך אַלע גלידער...

— זינגען טאָר מען אויך נישט — מאַכט ער מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטימע.

די קינדער ווערן שטיל און שלאָפֿן איין, מיד פֿון טאַנצן און זינגען. איינער דאָך, דער עלטערער, וואַגט זיך נאָך און זאָגט:

— טאַטע, אַז איכ׳ל ווערן גרויס, וועל איך פֿאַסטן אַלע תּעניתים.

— יאָ, יאָ, חיימל... אַלע תּעניתים...

שטיל האָט ער צוגעגעבן:

— נאָר נישט אַזוינע, ווי היינט!...

תּענית (טאָנעס) — אַ טאָג, ווען מען פֿאַסט.
גאָל — הויל, bare
איינגעשרומפּן — shriveled
גיבור (גיבער) — שטאַרקער

האַלטסט בסוד (בעסאָד)) — זאָגסט ניט אויס
תּעניתים (טאַנייסים) — מערצאָל פֿון: תּענית.

גאָר און גאָרניט

• משה שיפרים

אַמאָל איז געווען אַ ייִד,
האָט ער געהייסן יעקל בען פלעקל.
האָט ער געמאַכט אַ לעבן
פון דרייען מיטן שטעקל.

האָט ער געהאַט צוויי זין:
גאָרניט און גאָר.
האָבן זיך ביידע געהאַלטן
אויף אַן איבערגעבראָכענעם האָר.

האָט גאָר געמאַכט אַ לעבן
פון דרייען מיטן שטעקל,
אַזוי ווי זיין טאַטע
יעקל בען פלעקל.

און גאָרניט האָט געאַרבעט,
געפּראַצעוועט זייער שווער
פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט
אַן אַ טראַכט און אָן אַ קלער.

גאָר מיטן שטעקל האָט געדרייט
אַ גאַנצע וואָך
און פאַרדינט האָט גאָר דעם בייגל,
און גאָרניט דעם לאָך.

האָט גאָר אָנגעזאַמלט
בייגל זייער אַ סך,
און גאָרניט — לעכער
פאַר אַ גאַנצענעם דאַך.

האָט גאָר זיך געוואַרעמט
אין זיין פּאַלאַץ—רייך און גרויס,
און ביי גאָרניט האָט אָנגערונען
רעגן אַ גאַנצע הויז.

פּענעק

• דוד בערגעלסאָן

1.

פונקט פאַר פּסח האָט שמואל דער אַרבעטער געלאָזט וויסן ישראל דעם שניידער, אַז ער וויל אַ הוספה אויף זיינע שכירות, און ער גייט שוין ניט עטלעכע טעג צו דער אַרבעט. דאָך, ערגעץ־וואוהין וויל שמואל יאָ גיין. ער וויל אַריינלויפן צו ישראל דעם שניידער אין שטוב און דאָרט פּלעטן דעם קאָפּ דעם צווייטן אַרבעטער, פּייסען, וואָרים פּייסע האָט אין אָנהויב אויך געוואָלט אַ הוספה, ווי שמואל, און האָט פּלוצלונג היינט בייטאָג ווידער אָנגעהויבן גיין צו דער אַרבעט.

פּענעק ווייסט פון דער גאַנצער מעשה, ווייל שמואל דער אַר־בעטער וואוינט ביי פּענעקס רבין אין אַלקער.

פּענעק, וואָס זיצט ביים טיש און שרייבט, ווייסט אַליין ניט, פאַרוואָס ער האָט עפּעס שטאַרק הנאה פון דער גאַנצער מעשה. שמואלס ווייב טוט פּענעקן אַ רוף צו זיך אין אַלקער אַריין, דאָרט דערוויסט זיך פּענעק אַ פּאָר טשיקאַווע זאַכן. ערשטנס — ביי ישראל דעם שניידער אין שטוב ליגט פון זיינעטוועגן אַ שטיק שטאָף אויף אַ גאַרניטור; נאָך פון פאַר ראש־השנה ליגט דאָרט דער שטאָף, נאָר פון פּענעקס היים האָט מען אָנגעזאָגט: „ניט נייען פּענעקן דעם גאַרניטור, ביז מע וועט ניט הייסן." צווייטנס, דערוויסט זיך פּענעק, אין אַלקער וויל מען פון אים אַ טובה. מע פרעגט אים:

— אפשר קענסטו זיך אַריינכאַפּן צו ישראל דעם שניידער? כלומרשט אַ קוק טאָן אויפן שטאָף. פאַרשטייסט? — וועסט דער־ווייל זען וואָס דאָרטן טוט זיך...

פּענעק באַשליסט, ס'איז פאַר אים אַ געשעפט. ער איז גרייט אפילו באַלד. צו פּענעקן זאָגט מען:

—ניין, איצט פּאַסט נישט... מאָרגן אין דער פרי...

הוספה (הויסאָפּע) — raise	גאַרניטור — suit
פּלעטן — צעשפּאַלטן	טובה (טויווע) — favor
אַלקער — alcove	כלומרשט (קלוימערשט) — ס'זאָל אויסזען, מען זאָל מיינען
הנאה (האַנאָע) — פאַרגעניגן	

2.

פּענעק איז שוין געווען ביי ישראל דעם שניידער אין שטוב, געהייסן זיך באַווייזן דעם שטאָף.

נאָך מער:

כּדי זיך צו באַוואָרענען מיט אַ פריִען אַריינגאַנג צו ישראל דעם שניידער אין שטוב, האָט ער גיך אָפּגעטאָקט אַ פיינעם ליגן:

— אין דער היים האָט מען מיר געזאָגט, איר זאָלט מיר אַראָפּנעמען אַ מאָס און מיר אויפנייען פונעם שטאָף אַ גאַרניטור... באַלד, נאָך אויף פּסח.

פּענעקס מיין: צום אַלעם ערשטן זאָל ישראל דער שניידער זיך אַ קאַפּעלע עסן די גאַל, זאָל ער מיינען אַז צו אַלע אַרבעטן, וואָס פאַרוואַלגערן איצט זיין שטוב, קומט נאָך צו דער שטאָף; זאָל ער וויסן, אַז אָן שמואלן, דעם בעסטן אַרבעטער, וועט ער פון דער אַרבעט ניט אַרויסקריכן, און זאָל ער אים געבן די הוספה. אינאיינוועגס כאַפּט שוין דערווייל פּענעק אַ קוק, וואָס אין שטוב טוט זיך. אַרבעט, זעט ער, איז ווירקלעך פאַראַן ביז איבערן קאָפּ. ישראל מוז איצט אַליין זיצן ביי איין טיש מיטן צווייטן אַרבעטער — פייסע דער „פאַרטאַטש" — און מיט זיין לערניינגל צאַלעקן, און אַרבעטן באַגלייך מיט זיי. ער זעט דעריבער אוים זייער אומעטיק.

פּענעק קוקט דערווייל, ווי צאַלעק מיט פייסען אַרבעטן לעבן ישראלן ביים טיש. דער צוועלף־יאָריקער צאַלעק — אַ קלייענדיקרויטער חברהמאַן, איז אַ פייערדיקער יונג, אַ דורכגעטריבענער. ווי נאָר ער לאָזט מען זאָל אים אַריינבליקן אין די גרינע ממזר־אויגן, דערזעט מען גלייך: ער פאַרשטייט אויסגעצייכנט אַלץ, וואָס דאָ אַרום אים טוט זיך. אויף אַ וואונק געבן פּענעקן און אויף צו טאָן צוויי מאָל אַ שמאָרע מיט דער נאָז איז פון זיינעטוועגן גענוג סך־הכל איין אויגנבליק. פּענעק לאַכט זיך שיער ניט פאַנאַנדער און קוקט שוין בעסער אויף פייסעם בלאַנד, ליגנעריש־האַרט בערדל: אַזוי זעט טאַקע אוים פייסעם בערדל — ווי סע וואָלט נאָר וואָס האָבן אָפּגעזאָגט אַ גראָבן ליגן. אין די אויגן לאָזט ער ניט, מע זאָל אים געבן אַ קוק, אָט־דער פאַרטאַטש, וואָס האָט מיאוס אָפּגענאַרט אַזאַ גוטן אַרבעטער, ווי שמואלן. שמואל שווערט זיך, אַז ס'איז געווען צען מאָל אָפּגערעדט: ביידן אַ הוספה — „גיט מען אַ הוספה נאָר איינעם, גייען ביידע ניט צו דער אַרבעט".

פּענעק פרעגט מיטאַמאָל:

— איז וואָס־זשע וועט זיין וועגן דעם שטאָף?
ישראל דער שניידער שווייגט.
פּענעק:
— ווייל איך טאַקע איר זאָלט מיר באַלד אַראָפּנעמען אַ מאָס און באַלד צושניידן... דער שטאָף איז שוין זיינס גענוג אָפּגעלעגן...
ישראל דער שניידער פרעגט ווי זייער אַ צעבראָכענער מענטש:
— איצטער־אַ ווילסטו אַ נייעם גאַרניטורל?...

אָפּגעטאָקט — אָפּגעקלאַפּט (אָפּ־געזאָגט)	קלייענדיק — freckled
מיין — aim	ממזר (מאַמזער) ־אויגן — קלוגע אויגן
פּאַרטאַטש — אַן אַרבעטער, וואָס קען ניט די אַרבעט; אַ קאַליקע	סך הכל (סאַכאַקל) — אין גאַנצן, נאָר

3.

נאָך אַזוינע ווערטער בלייבט פּענעק אַ ווײַלע אָן לשון. ער גייט צוריק צו שמואל דעם אַרבעטער אין אַלקער און זאָגט דאָרט אָן ניט קיין פריילעכע בשורה:
ישראל טוט שמואלס אַרבעט, פּייסע — אַ ביסל שמואלס אַר־בעט, אַ ביסל זיין אייגענע אַרבעט, דאָס איבעריקע מאַכט דער רויטער צאַלעק.
זיין ידיעה האָט שמואלן און זיין ווייבל געגעבן דעם לעצטן קלאַפּ. זיי זיינען ביידע דערהרגעט.
זיין ווייבל פאַלט אויף אַ נייעם געדאַנק.
— צום אַלעם ערשטן אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט צאַלעקן. ווייל אַזוי איז געוועזן אָפּגערעדט: אַלע לייגן אַוועק די אַרבעט, פאַר אַלע אַ הוספה, פאַר צאַלעקן אויך.
ווידער שלעכט:
צאַלעק, אַז ער לייגט אַוועק די אַרבעט, האָט ער ניט וואו צו עסן און וואו צו שלאָפן. ישראל דער שניידער וועט אים באַלד אַרויס־טרייבן פון שטוב. וואָס זשע איז די עצה?...
פּענעק האָט אַ שטיקל פּלאַן:
— אַ ביסל עסן וואָלט איך אַלע טאָג געקאָנט צאַלעקן ברענגען. בלייבט שוין נאָר די פראַגע: וואו זשע וועט צאַלעק שלאָפן?
טאַקע ווייל אַלע שווייגן, דאַכט זיך פּענעקן, אַז ער איז נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געפאַלן אויף אַזאַ פיינעם שכל:

— אפשר קען צאַלעק שלאָפֿן ביי אייך אין אַלקער?...

הער נאָר, ס'איז טאַקע אַ געדאַנק. פענעק גייט איבעררעדן מיט צאַלעקן. ער מוז צוטראַכטן עפּעס אַ נייעס, גאָר אַ פֿיינעם ליגן, כדי צו ווערן אַ היימישער מענטש ביי ישראל דעם שניידער אין שטוב, האָבן די מעגלעכקייט צו כאַפּן דאָרט צאַלעקן און בלייבן מיט אים אויג אויף אויג. ער קומט אַריין צו ישראל דעם שניידער אין שטוב און טאַקט אָפּ זייער לעבעדיק דעם נייעם פֿיינעם ליגן:

— אין דער היים האָט מען געזאָגט, אַז איר זאָלט מיר די רגע אַראָפּנעמען אַ מאָס אויפֿן גאַרניטור און די רגע נעמען נייען, וואָרן איך גיי אָפּגעריסן ווי אַ שלעפּער, אין דער היים איז אַ בזיון...

ער זעט ווי עס האָט געמאַכט דעם נויטיקן איינדרוק, ווערט ער ביי זיך נאָך שטאַרקער און גיט גלייך צו:

— אין דער היים האָט מען געזאָגט: „אויב אין פֿיר־פֿינף טעג וועט איר מיין גאַרניטור ניט מאַכן פֿאַרטיק, איז אַן עק, וועט איר מער קיינמאָל פֿון אונדז קיין אַרבעט ניט האָבן..." נעמט מיר באַלד אַראָפּ אַ מאָס.

— אַנדערש — אַזוי זאָגט פענעק — האָט מען מיר געזאָגט אין דער היים, זאָל איך פֿון אייך ניט אַוועקגיין.

איצט איז די זאַך געמאַכט — קיינעם וועט שוין ניט זיין מאָדנע, אויב פענעק וועט דאָ אין שטוב זיך געפֿינען אַ שעה און צוויי. ער וועט שוין פּאַקן צאַלעקן און זיך מיט אים דורכשמועסן.

לשון (לאָשן) — שפּראַך, ווערטער
בשורה (בסורע) — נייעס, ידיעה (יעדיע)

געפֿאַלן אויף אַ שכל (סייכל) — איינגעפֿאַלן אַ פּלאַן
וואָרן — וואָרים, because
בזיון (ביזאָיען) — שאַנדע

4.

ביי ישראל דעם שניידער אין שטוב — אַ שטוב, וואָס איז צו פּסח פֿאַרוואַלגערט מיט אויסגעפּאַרטיקטע און האַלב־אויסגעפּאַרטיקטע מלבושים — איז פֿון טאָג צו טאָג געוואַקסן פענעקס גאַרניטורל.

דאַכט זיך, אָט ערשט געזען פֿאַר זיך אַ שטיק שטאָף — זאָל זיין אַ פֿיינער שטאָף מיט אַ פֿיינער בלוי־גרויער פֿאַרב, מיט אַ פֿיינעם גערוך, אָבער דאָך אַ טויטער. דעם שטאָף האָט מען נאָך דערצו מיאוס צעשניטן אויף שטיקער, אויף פּיץ־פּיצלעך — ס'האָט אַזש ווי געטאָן

דאָס האַרץ. די גרויסע שער ביי ישראל דעם שניידער אין די הענט האָט דערביי געכראַמטשעט, ווי אַ מערדער. צו איין שטיק האָט זיך גענומען ישראל דער שניידער אַליין, אַ פּאָר שמעלערע שטיקער זיינען אַריינגעפאַלן צו פייסע דעם „פּאַרטאַטש". און כאָטש צאַלעק אַרבעט שוין ניט מער (שמואל האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט אויף נאָך פּסח גאָלדענע בערג, זיך געשוואוירן אַז ער וועט אים זיין אַ טאַטע), פונדעסטוועגן רוקט זיך דאָ, ווי ניט איז, די מלאכה.

טאַקע דאָס דערגייט פּענעקן די יאָרן: פון איין זייט דאַרף ער גאָר צוליב שמואל דעם אַרבעטער טאָן אַלץ, כדי ביי ישראל שניידער אין שטוב זאָל די אַרבעט ניט וואַקסן. פון דער אַנדער זייט כאַפּט ער זיך אַלעמאָל ביי אַ גרעסערער גלוסטעניש, זיין גאַרניטור זאָל וואָס גיכער פאַרטיק ווערן, כאָטש ער ווייסט נאָך גאָרנישט: ווי אַזוי וועט ער דעם גאַרניטור קענען אָנטאָן — ס'איז דאָך גאָר אַ ליגן... אין דער היים האָט מען דאָך גאָרנישט געהייסן דעם גאַרניטור אויפנייען...

פּענעק ווייסט פּשוט ניט, וואָס זאָל ער דאָ מאַכן — אָט אָן אָנשיקעניש!...

ער נעמט אָן דעם שטאַרקסטן באַשלוס:

— אוים מיטן גאַרניטור, און שוין!

נאָך היינט מוז נעמען אַ עק.

טאַקע באַלד.

יענעם פאַרנאַכט:

פּענעק איז אַריינגעקומען צו ישראל שניידער אין שטוב און געטראָפן דאָרט אַ נייעם: פייסע דער „פּאַרטאַטש", ווייזט זיך אַרוים, האָט נאָך ביי טאָג, ביים פּרעסן, פאַרברענט מיטן הייסן אייזן עמעצנס אַ קאַפּאָטע און געמאַכט אַ שוויגן. ערשט איצט האָט מען זיך געכאַפּט. די שטוב איז פול מיט קריגערייַ. צווישן די הענגענדיקע האַלב-אויסגעפאַרטיקטע אַרבעטן האָט פּענעק דערזען זיין גאַרניטור שוין כמעט אינגאַנצן פאַרטיק. בלויז איין אַרבל איז נאָך ניט אַריינגעפעסטיקט, הענגט לייכט אויף ווייסע פאַסטריגעס. פּענעק האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט מיט די פּלייצעס צום גאַרניטור, הינטן אַרום געפּרוּווט אַ צי טאָן פאַר דעם אַרבל. דער אַרבל האָט זיך נאָכגעגעבן. נאָך אַ צי, אַ מער שטאַרקן — דער אַרבל איז אָן אָפּגעריסענער ביי אים אין האַנט... אויב אַזוי, איז גוט... זאָל מען דאָ אין שטוב זיך נאָך אַ ביסעלע קריגן... ער האָט דעם אַרבל בריהש אַרונטערגערוקט צו זיך אונטערן רעקל, זייער שטיל זיך אַרויס-

געגליטשט פונעם שניידערס שטוב. איצט איז בלויז געבליבן די פראַגע:

וואו טוט מען אַהין דעם אַרבל?

מלבושים (מאַלבושים) — קליידער
געבראַמטשעט — crunched
דערגייט די יאָרן — טוט ווײ, אַרט

פאַסטריגע — basting thread
בריהש (בעריעש)) — געשיקט, קונציק

5.

אין אָוונט האָט ישׂראל דער שניידער געשיקט זאָגן שמואלן:

— וועסט האָבן די הוספה, קום צוריק אַרבעטן, קום באַלד.

— באַלד?...

שמואל האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין ווייבל. דעם ווייבלס שוואַרצע אויגן האָבן אַ קוק געגעבן אויף שמואלן. דאָס ווייבל האָט געזאָגט:

— מיר וועלן זיך באַטראַכטן, מיר'ן מאָרגן געבן ענטפער.

אין דער פרי איז פייסע דער „פּאַרטאַטש" געקומען צו שמואלן אין אַלקער. ער האָט געבעטן, אַז שמואל זאָל אָן אים ניט גיין אַרבעטן, זיך געשוואָרן, אַז פון היינט אָן און וויטער... טאַקע אָט:

— איין גאָט איז אָן עדות...

ער האָט דערציילט, ווי אַזוי די מעשׂה איז נעכטן געווען מיט אים און מיט ישׂראל דעם שניידער: מע האָט געזוכט דעם פאַרשוואונדענעם אַרבל פון פּענעקס רעקעלע — איבערגעקערט די שטוב. מען האָט אויסגעטרייסלט אַלע שטאָפן, די האַלב-פאַרטיקע קליידער אויך. ער, פייסע, האָט געוואָלט העלפן זוכן אין קאָמאָדע. ישׂראל האָט אים פון דאָרט אָפּגעשטויסן, אים געגעבן אַ רוק אָט אַהער אין דער זייט. „מע בעט דיך ניט, סע ביידע דיין אַרבעט — אי די פאַרברענטע קאַפּאָטע, אי דער אַרבל. ס'איז אומיסטן, מיינסט מ'וויים עס ניט?" ער, פייסע, האָט געפרעגט: „וואָס ווייסט מען?" ישׂראל האָט זיך צעשריען: „מע ווייסט, אַז דו ביסט איין האַנט מיט שמואלן." ער, פייסע, האָט זיך גענומען צוריק צום נייען. ישׂראל האָט אויסגעריסן ביי אים די אַרבעט, אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אים צוגעפירט צו זיין רעקל, וואָס לעבן דער טיר, אויפן טשוואָק. „נאַ" — האָט ער געזאָגט — „טו זיך אָן און גיי אַהיים... נאָר באַלד!... איך דאַרף דיך מער ניט."

שמואל האָט געפרעגט:

— נו, און ווייטער?

פייסע האָט געזאָגט:

— נו, און שוין...

שמואל האָט געפרעגט:

— נו, און וואו איז דער אַרבל — פון פענעקס רעקעלע?

פייסע האָט זיך גענומען שווערן:

— זאָל איך שוין אַזוי ווייסן פון אַ קרענק... איך זאָל שוין אַזוי אייביק אין מיינע אויגן קיין שלעכטס ניט זען...

שמואלס ווייבל האָט געזאָגט:

— הערט אויס, פייסע, איך וויל מיט אייך ניט רעדן, איר האָט ניט פאַרדינט. איך וויל אייך נאָר פרעגן: ווי שעמט איר זיך ניט צו זאָגן שמואלן: „גיי ניט אָן מיר צו דער אַרבעט”? שמואל וועט ניט גיין צו דער אַרבעט אָן צאַלעקן, נאָר אָן אייך?... אייך האָט ער אין דער ערד.

שמואל האָט געזאָגט צו פייסען:

— איך מיט דיר האָב גאָרנישט צו טאָן.

פייסע איז אַוועק פון שמואלן מיט גאָרנישט.

דאָ איז אַריינגעקומען פענעק — אַריינגעלאָפן בלויז אויף איין רגע. ער האָט פון אונטער זיין רעקעלע אַרויסגענומען דעם צוגע־שלעפטן אַרבל און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש. שמואל האָט געפרעגט זייער פאַרוואונדערט:

— פון דיין נייעם גאַרניטור?... ווי קומט ער צו דיר?

פענעק האָט זיך אַרומגעקוקט, צי מעג מען אויסזאָגן:

— כ׳האָב אים נעכטן שטיל אַוועקגעשלעפט.

שמואל:

— צו וואָס?

פענעק:

— טאַקע אומיסטן...

און שפּעטער, אַז שמואל דער אַרבעטער פלעגט דערציילן די מעשה מיט דער הוספה, פלעגט ער אַלעמאָל אויסלאָזן:

— אָט ווער ס׳האָט מיר דאָ געפירט דעם סטרייק. ער איז אַ גוטער ברודער, דער קליינער.

גאָט איז אָן עדות (איידעס) — גאָט ווייס | קאָמאָדע — chest of drawers
אומיסטן — purposely

הערשקע

• פאָלקסליד

ווי הערשקע איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
געזאָגט האָט ער: „אַ גוטינקע נאַכט";
ווי הערשקע איז צום צירק צוגעגאַנגען,
אַ קליינע ווײַלע האָט ער דאָרט פאַרבראַכט!

ווי הערשקע איז צו דער קאַסע צוגעגאַנגען,
אַ בילעט האָט ער געבעטן אויף גיך;
ווי הערשקע איז אין צירק אַרײַנגעקומען,
גענומען קוקן האָט ער אַרום זיך.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף,
דאָס פּובליקום האָט גענומען גיין אַהיים;
אַזוי האָט זיך הערשקע פון זיין אָרט אויפגעהויבן,
ביים גובערנאַטאָרס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין.

ביים גובערנאַטאָרס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין,
אַזוי האָט ער פאַרקריצט מיט די ציין.
„אוי, ווי דערלעבט מען שוין די מינוט,
דער גובערנאַטאָר זאָל פון צירק אַרויסגיין."

ווי דער גובערנאַטאָר איז פון צירק אַרויסגעגאַנגען,
מיט איין אויג האָט ער געוואָרפן גאַנץ ווייט;
אַזוי האָט הערשקע דעם רעוואָלווער אַרויסגענומען
און געשאָסן דעם גובערנאַטאָר אין אַ זייט.

ווי די טיראַנען האָבן דעם שאָס דערהערט,
אַזוי זיינען זיי אַנטקעגן געקומען;
זיי האָבן אים גאַנץ גוט באַמערקט
און האָבן אים גלייך צוגענומען.

ווי זיי האָבן אים נאָר צוגענומען,
איז געוואָרן אַ גרויס גערודער;
איין חבר האָט געזאָגט דעם צווייטן:
„מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער בעסטן ברודער.“

אַזוי ווי מען האָט הערשקען אַרעסטירט,
האָט מען געבעטן, ער זאָל דעם אמת אויסגעבן.
„אַזוּעק, איר שרעקלעכע מערדער,
איך האָב געוואָלט, דער טיראַן זאָל ניט לעבן.“

ווי מע האָט הערשקען צום משפט געפירט,
האָט מען געבעטן, ער זאָל דעם אמת אויסזאָגן.
„אַזעק, איר שרעקלעכע מערדער,
איך האָב געוואָלט, דער טיראַן זאָל ניט לעבן.“

פיר אַזייגער פאַרטאָג
האָט מען הערשקען אויף „וואָיענע-פּאָליע“ געבראַכט,
דאָס אָרט האָט ער באַמערקט גאַנץ גוט:
„מיך הענגט מען שוין היינטיקע נאַכט.

אַך, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן,
דעם שטריק, וואָס מ'האָט פאַרוואָרפן איבער מיר;
אַז מיין פרוי וועט אַ קינד געבאָרן,
אַ נאָמען זאָלט איר געבן נאָך מיר.

אוי, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן,
דעם שטריק, וואָס מ'האָט פאַרוואָרפן איבער מיין האַלדז;
אַ צוואה, ברידער, וועל איך אייך איבערלאָזן,
אַז ראַכע זאָלט איר נעמען פאַר אַלץ.“

גובערנאַטאָר — צאַרישער גאָווער־נאָר
צוגענומען — אַרעסטירט

„וואָיענע פּאָליע“ — קריגס־פּלאַץ, place of eexcution
צוואה (צאַוואָע) — will
ראַכע — נקמה (נעקאָמע), revenge

יאַנעק און יאַנקל

• כאַווער-פאַווער

ס'איז אַ פרילינג פאַרנאַכט. יאַנעק פאָרט רייטנדיק אויפן פערד און זיין הויכער טאַטע סטאַך גייט נאָך צופוס. ביידע אויף איין פערד קאָנען זיי דאָך ניט רייטן. דאָס קערן זיך אום טאַטע און זון פון פעלד.

אָבער וואָס איז עפּעס היינט געשען אין דאָרף, וואָס אַלע מענטשן קוקן אוים אַזוי מאָדנע? וואָס שטייען זיי אין גרויסע רעדלעך און מען שושקעט זיך? וואָס האַלטן זיי אין איין קוקן אויף דעם הויז, וואו דער יידישער קרעמער שלמה וואוינט?

דער טאַטע פירט אַריין דאָס פערד אין שטאַל. יאַנעק לויפט אַריין אין הויז מיט אַ געשריי:

— עסן, עסן.

אָבער פאַרוואָס איז זיין מאַמע אויך עפּעס צעטראָגן? פאַרוואָס שמייכלט זי צו אים ניט, און זאָגט ניט צו אים, ווי שטענדיק:

— ביסט מיד, זון? אָט גיב איך דיר באַלד עסן.

וויל שוין יאַנעק פרעגן זיין מאַמען וואָס עס איז געשען, קאָן ער שוין ניט, ווייל דער הויכער טאַטע זיינער סטאַך קומט אַריין אין הויז.

דער גרויסער טאַטע זיינער אַרבעט אַזוי שווער פון פינצטערן פאַרטאָג ביז פינצטערן פאַרנאַכט. אַרבעט אַזוי שווער, שלאָפט אַזוי

שווער. עסט ווינציק, רעדט ווינציק — דער טאַטע זײַנער סטאָך מיט די לאַנגע געלע וואָנצעס, מיט די בלויע אויגן, מיט דעם געדיכטן קאָפּ האָר, מיט די ברייטע, ברייטע פּלייצעס, מיט לאַנגע, לאַנגע הענט.

ער וועט לויפן צו זײַן יידישן חבר יאַנקלען, וועט אים יענער שוין אַלצדינג דערציילן: פאַרוואָס איז היינט פאַרנאַכט עפּעס אַזוי אַנדערש אין דאָרף?

יאַנעק און יאַנקל פאַרברענגען אַזוי שיין שטענדיק צוזאַמען — ביידע חברים. יאַנעק מיט די בלויע אויגן, מיט די געלע צעפּאַטלטע האָר, אָן אַ היטל. יאַנקל מיט די ברוינע אויגן, מיט די שוואַרצע צע־שויבערטע האָר, מיט אַ היטל. ביידע גייען אָבער באָרוועס אַ גאַנצן זומער. ביידע קאָנען שווימען אין טייך העט ווייט, אַזש צו דער בריק. ביידע קאָנען וואַרפן שטיינדלעך אַזוי הויך, אַז אָט באַלד רירן זיי אָן דעם הימל.

פאַרוואָס־זשע ברענט ניט קיין ליכט ביי זײַן חבר יאַנקלען אין הויז? פאַרוואָס זײַנען די לאָדן גאָר צוגעמאַכט, און ס׳איז נאָך אַזוי פרי אין דער נאַכט?

— יאַנקל, יאַנקל, לאָז אַריין! — קלאַפּט ער אין טיר.

לאָזט אים קיינער ניט אַריין. איז שטיל אַזוי אינעווייניק אין הויז דאָרטן. וואָס איז געשען? ווער וועט אים דערציילן?

אַזויפיל מענטשן שטייען פאַרן שענק. זיי טענהן עפּעס צווישן זיך. לאָזט זיך יאַנעק צוגיין צו זיי, וועט ער זיך אײַנהערן, וואָס זיי רעדן צווישן זיך. אפשר וועט ער זיך פון זיי עפּעס דערוויסן.

שאַ, זיי רעדן עפּעס וועגן דער שטאָט בריסק. יאַנעק איז איינ־מאָל געווען מיט זײַן טאַטן אין דער שטאָט בריסק. אַזויפיל יידן דאָרטן, און אַזויפיל קראָמען און הויכע הייזער.

וואָס־זשע אַזוינס וועגן דער שטאָט בריסק? אַ פּאָגראָם היינט דאָרטן געווען. אַ פּאָגראָם — יאַנעק האָט מורא פאַרן וואָרט. אַ פּאָגראָם מיינט, אַז מען שלאָגט יידן, מען שטעכט זיי מיט מעסערס, מען צעראַבעוועט זייערע קראָמען.

— גוט אַזוי, מען דאַרף זיי שלאָגן די פאַרשאָלטענע יידן! — היצט זיך אַ פויער יאַן, וואָס איז שטענדיק שיכור, סיי מיטוואָך, סיי זונטיק.

— לאָמיר צו אונדזער יידן אויך טאָן דאָס זעלבע, ווי אין בריסק,

— שרייט דער הויכער סטאַניסלאַוו מיטן פאַרשוואָלענעם פּנים.

— עט, טרינקט, מענטשן, איך צאָל! — רופט אויס יוזעף, דער

אויסגעפוצטער בחור, וואָס זאָגט שטענדיק די פויערים, אַז מע דאַרף די יידן פיינט האָבן. — און דו וועסט זיך נאָך חברן מיט דעם פאַר־שאָלטענעם יידישן יינגל, — דערזעט יוזעף יאַנעקן צווישן עולם און הייבט אָן אויף אים צו שרייען: — אַ פוילישע יינגל טאָר זיך ניט חברן מיט אַ פאַרשיוון יידן, — טופּעט יוזעף מיטן פוס. — ס'צווייטע מאָל, אויב איך וועל דיך דערזען צוזאַמען מיט יאַנקלען, וואַרף איך דיך אַריין אין טייך.

— כאַ, כאַ, כאַ, — לאַכן די פויערים.

יאַנעק אַנטלויפט אַהיים. ער האָט מורא. ער שרעקט זיך. ער פאַרשטייט גאָרניט, וואָס מען וויל פון אים, וואָס וויל מען פון די יידן?... וואָס אַזוינס טוען זיי? פאַרקערט, יאַנקלס מאַמע, שרה, גיט אים אַמאָל פרייטיק צו עסן אַזוינע פיינע לאַטקעס געפּרעגלט אין בוימל. שלמה, יאַנקלס טאַטע, גיט אים אַמאָל אַ צוקערקע אומזיסט. וועגן יאַנקלען שמועסט מען דאָך ניט. יאַנקל — זיין בעסטער און ליבסטער חבר.

— שלאָפן, מיין זון, שלאָפן, — מאַכט צו אים די מאַמע.

אָ, יאַנעק איז אַזוי מיד און ער קאָן גאָר ניט איינשלאָפן. די נאַכט איז אַזוי ליכטיק. יאַנעק האָט היינט ביינאַכט מורא פאַר דער גרויסער ליכטיקער לבנה. יאַנעק האָט מורא פאַר דעם ליאַרעם, וואָס דערטראָגט זיך פונעם שענק.

שאַ נאַר. עמעצער גייט. ווער קאָן דאָס זיין? אָ, ס'איז אַדאַם, דעם טאַטנס אַ פריינט.

— סטאַך, סטאַך, — וועקט אַדאַם.

— ווער איז דאָס? — איז דער טאַטע פאַרשלאָפן. — ס'איז דו, אַדאַם? וואָס ווילסטו?

— דאָס דאַרף קלייבט זיך צו באַפאַלן דעם יידן שלמהן, — ענטפערט אים אַדאַם.

— באַפאַלן דעם יידן שלמהן? — פאַרשטייט נאָך ניט דער פאַרשלאָפענער סטאַך.

— הערסט ניט וואָס מען רעדט צו דיר? — איז אַדאַם שוין אין כעס. — שטיי אויף, נעם די האַק, שנעלער.

אַדאַם לויפט גלייך אַוועק. דער טאַטע שטייט אויף פון שטרוי. דער טאַטע טוט אָן די שטיוול. דער טאַטע נעמט די האַק... אַזוי שרעק־לעך קוקט איצט אויס דער טאַטע מיט דער האַק אין די הענט, ווי אַ גזלן קוקט ער אויס.

„נאָכן פּאָגראָם" מינקאָווסקי

יאַנעק וויל וויינען. זיין אייגענער טאַטע גייט אויך שלאָגן דעם ייִדן שלמהן און זיין חבר יאַנקלען, און זיין חברס שוועסטער אסתּר, און זיין חברס מאַמען שׂרה.

— וואוהין גייסטו, סטאַך? — באַווייזט זיך די מאַמע אַ דער־שראָקענע.

— אין ערגעץ ניט, און דו בלייב אין הויז.

— סטאַך, גיי ניט! איך וועל ניט לאָזן, — וויל די מאַמע אַרומ־כאַפּן די האַק פון סטאַכס האַנט.

— הער אויף! — גיט דער טאַטע זי אַ שטופּ אָפּ און לאָזט זיך אַוועק.

— אומגליק גרויסער, אומגליק גרויסער, — וויינט די מאַמע אין דער שטיל, — אוי, אומגליק, אומגליק....

הינט האַווקען אַזוי שרעקלעך. דאָס גאַנצע דאָרף מיט הינט האָבן זיך צעהאַווקעט. או, או, או — רודערט זיך אויף דער גאַס. מענטשלעכע טריט. אַ סך טריט. קומען נעענטער און נעענטער.

— געוואַל־ד! געוואַל־ד! — שרייט עמעצער.

יאַנעקן ווערן פאַרפרוירן די האָר אויפן קאָפּ. ער ווייסט שוין ווער ס'שרייט געוואַלד. דאָס שרייט יאַנקלס טאַטע אַזוי געוואַלד. אַזויפיל בייזע קולות. מען שרייט, מען לויפט, מען ברעכט פלויטן.

די הינט זיינען שוין הייזעריק פון אַזויפיל האַווקען. מען שלאָגט זיך דאָרטן. פרויען קוויטשען. יאַנעק קען שוין ניט אָטעמען.

שטיל געוואָרן. גאָר שטיל. האָט שוין איצט יאַנעק מורא פאַר דער שטילקייט. אפשר האָט מען זיי שוין געהרגעט. אפשר איז דאָס געוועזן זיין טאַטעס סטאַך, וואָס האָט דערהרגעט זיין חבר יאַנקלען. יאַנעק וויינט.

— וויין ניט, זון. נו, שאַ, נו, שאַ, — גלעט אים די מאַמע.

עס ווערט קוים, קוים ליכטיק. דער טאָג קומט שוין אָן. טריט דערהערן זיך. באַקאַנטע טריט. ס'איז זיין טאַטע. יאַנעק האָט מורא צו קוקן אויף זיין טאַטן און דאָך קוקט ער. דער טאַטע לייגט אַוועק די האַק. דער טאַטע ציט זיך אויס, פאַרמאַכט די אויגן און ווערט אַנטשלאָפן.

אפשר שלאָפט שוין יאַנעק אויך? יאָ, ער שלאָפט שוין. ניט געוואוסט ווי אַזוי, און ער איז שוין איינגעשלאָפן.

— יאַנעק, יאַנעק, — שלעפט אים עמעצער ביי די פיס.

— ווער איז? וואָס איז? — דערשרעקט זיך דער יינגל.

— שטיי אויף, זון, — רעדט צו אים די מאַמע, — ס'איז שוין שפּעט אין טאָג. דיין טאַטע איז שוין פון לאַנג אַוועק אין פעלד. ער האָט דיך נאָך געלאָזט שלאָפן, אָבער ס'איז שוין אַזוי שפּעט.

זאָל אים די מאַמע ניט דערמאָנען דעם טאַטן. ער האָט איצט מורא פאַר זיין טאַטן. יאַנעק וועט אַנטלויפן פון הויז. ער וויל גאָר ניט לעבן מיט אַזאַ טאַטן.

— גיי עסן, מיין זון. ס'שטייט שוין די זופּ אויפן טיש.

ניין, יאַנעק וויל ניט עסן. יאַנעק מוז לויפן אַ קוק טאָן. יאַנעק לויפט טאַקע. מיט דער גאַס אַרויף לויפט ער.

אַ וואָגן שטייט לעבן זיין חברס הויז. אַ וואָגן אָנגעפּאַקט ביז אַרויף מיט בעטגעוואַנט, מיט קליידער, מיט טעפּלעך און מיט פאַרשיידענע אַנדערע שמאַטעס.

יאַנעק, יאַנעק, — שפרינגט אַראָפּ יאַנקל פון וואָגן און לאָזט זיך לויפן צו זיין פוילישן חבר.

יאַנקלס קליינע אויגן זיינען איצט אַזוינע גרויסע. זיין פּנים איז אַזוי בלאַס. אָבער ער איז גאַנץ. אין ערגעץ ניטאָ קיין בלוט.

— מיר פאָרן שוין אַוועק, יאַנעק, — זאָגט יאַנקל מיט טרערן אין די אויגן. — מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט זען.

— פאַרוואָס?

— מיין טאַטע האָט מורא צו בלייבן אין דאָרף, — קלאָגט זיך יאַנקל, — מען האָט אונדז נעכטן ביינאַכט געוואָלט דערהרגענען. מען וואָלט אונדז טאַקע געוועןן דערהרגעט אויך, ווען ניט דיין טאַטע.

— מיין טאַטע?

— יאָ, דיין טאַטע און אַדאַם און נאָך אַנדערע מענטשן. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אונדזער הויז מיט העק און מיט גראָבע שטעקנס און מען האָט ניט געלאָזט. איז געוואָרן אַ געשלעג. אָבער דיין טאַטע און אַדאַם און די אַנדערע מענטשן זיינען געוועןן שטאַרקער און מען האָט די כוליגאַנעס פאַרטריבן.

— יאַנקל, יאַנקל, — שרייט שרה, — קריך אין וואָגן.

קריכט יאַנקל אין וואָגן. קריכט אַרויף זיין שוועסטערל אסתּר, זיין מאַמע שרה, זיין טאַטע שלמה. גיבן זיך די פערד אַ ריר. גיבן זיי אַ שלעפּ. הייבט אָן אַוועקצוגיין דער וואָגן. הייבט אָן אָפּצופאָרן דער וואָגן וויט־וויט. איז שוין מער ניטאָ דער וואָגן. איז שוין מער ניטאָ זיין חבר יאַנקל.

לויפט יאַנעק צום טאַטנס פעלד. לאַנג, לאַנג יאָגט ער. ער מוז קומען גיכער צו לויפן. ער מוז גלייך זען דעם טאַטן. ער דאַרף עפּעס זאָגן דעם טאַטן זיינעם. ער וועט אים זאָגן: „דו ביסט אַ גוטער מענטש, טאַטע."

— היי, וויאָ, היי, נו, — רעדט דער טאַטע און ער שטופּט אונטער דעם אַקער.

ער גייט, דער לאַנגער טאַטע זיינער, נאָכן אַקער. אַ באָרוועסער, אין לייוונטענע הויזן, אין אַ לייווענטן העמד. מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ, מיט שוויים אויפן האַלדז גייט ער נאָכן אַקער, אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ ברייטער.

האָט שוין יאַנעק מורא אויסצורעדן אַ וואָרט צום טאַטן דעם שווייגער. יאַנעק וויל וויינען, וואָס זיין חבר יאַנקל איז אַוועק און ער וועט אים שוין קיינמאָל ניט זען. יאַנעק וויל זיך פרייען, וואָס זיין טאַטע איז אַזאַ גוטער מענטש.

קאָן שוין יאַנעק ניט וויינען. קאָן שוין יאַנעק זיך ניט פרייען, ווייל ער דאַרף נעמען דאָס פערדל ביים צוימל, ווייל ער דאַרף שפּאַנען מיטן פערדל אויף אַ קליינער שורה, כדי דער טאַטע מיטן אַקער זאָל אויפרייסן די טרוקענע ערד, כדי ס׳זאָלן זיך אויסלייגן פייכטע שטיקער ערד. וועט מען דערנאָכדעם פאַרזייען קערנדלעך. וועלן פון

די קערנדלעך אַרויסוואַקסן געלע זאַנגען. וועט אויף די זאַנגען אויס־וואַקסן ברויט.

— היי. וויאָ. נו, היי. היידאַ . . .

צעפּאַטלטע — צעשויבערטע, disheveled
טענהן (טייִנען) — רעדן, אַרגומענ־טירן
בריסק — אַ שטאָט אין פּוילן
עולם (אוילעם) — crowd

פּאַרשיווער — scabby
גזלן (גאַזלען) — רויבער
זיך צעהאַוקעט — גענומען בילן
כוליגאַנעס — hoodlums
שורה (שורע) — line
זאַנגען — stalks

טרייסט

• י. ל. פּרץ

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זייט נישט דער ווינט, וואָס לעשט דעם פלאַם,
נאָר בלאָזט אים אויף, ווייל נאַכט איז סם!
נאָר בוימל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט —
עס האָט געלייכט שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין נישט איין שלאַכט,
און נישט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
עס שטייט — אַן אייזן-פעסטע וואַנט
אין וויסטן, ווילד-פאַרקאַכטן ים.
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! בלאָזט אויף דעם פלאַם!

אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָפּגעשלאָפט!
זאָל שפּריצן העל די לעבנסקראַפט
אַלס פייערדיקע זייל ביינאַכט —
און שיקט דעם שטראַל — אַ גאָלדענע פייל —
אַלס גרוס דעם פייערדיקן זייל! —
אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט!

סם (סאַם) — גיפט
קנויט — wick

אָפּגעשלאָפט — אָפּגעשוואַכט
זייל — pillar

די ערד דערוואַכט

• ל. ניידוס

ס'ווערט דער הימל בלויער, העכער,
בושלעס שטייען שוין אויף דעכער,
שוואַלבן רוישן שוין אין לופט;
ס'ווילט זיך שרייען, וועמען רופן,
און דאָס האַרץ איז בגילופין
פון דעם שיכורדיקן דופט...

נעכטן — שניי, און איצטער — וואו-זשע?...
ס'בליצט אין זון אַ ברייטע לוזשע,
שטראַלן ברעקלען זיך אין איר;
חברה פּליושקען זיך און שפּרינגען,
שפּריצן וואַסער, לאַכן, זינגען,
לאָזן שלאַנגען פון פּאַפּיר...

ס'שטייט דער גאָרטן שלאַנק, גרין-קעפּיק,
ס'לויכטן קנאָספּן פריש און קלעפּיק,
יעדער בוים — אַ יונגער העלד;
ווידער בלימלען זיך די קלומבעס —
ווי אַ סאָדיקער קאָלאָמבוס
וואָלט אַנטדעקט אַ נייע וועלט!

בונטער ווערן די לאַנדשאַפטן
און עס ווערן רייף די זאַפטן
אין די אָדערן פון ערד;
און די שמעטערלינגען פאַלן
ווי באַרוישט פון דופט און שטראַלן,
ווי פון יונגן גליק פאַרצערט...

בושלעס — storks
בגילופין—שיכור (שיקער), פריילעך
לוזשע — pool
קנאָספּן — buds
קלומבעס — בייטן, flower-beds

סאָדיקער — פון אַ סאָד, פון אַ גאָרטן
בונטער — פאַרביקער
לאַנדשאַפט — landscape
דופט — aroma
פאַרצערט — consumed

נס ציונה

• ז. ווײנפּער

ברוינלעכע בערגלעך מיט ביימלעך באַזעצטע,
בלימלעך און גראָזן מיט טויען באַנעצטע,
וויגן זיך צווייגן און זונליכט און גלאַנצן,
און אויף די צווייגעלעך זיך גילדן מאַראַנצן,
דאָ און דאָרט שטיבלעך באַחנטע אַזוינע, —
אָט אַזוי ליגט זיך אין וועג נס ציונה.

און אַז די זון לאָזט פאַרנאַכט זיך אַרונטער,
ווערן קאָלירן דאָרט בונטער און בונטער,
פייגל אין גלייכע אומצייליקע רייען
טוען אַ הויב זיך אין לופט מיט געשרייען,
און ווי די פייגל אין דאָרף נס ציונה,
שפּילן זיך קינדער מיט פּנימלעך ברוינע.

פּאָרט ווען אַ רייטער פאַרביי אויף אַ פרײדע,
ווערן פון שיינקייט פאַרכישופט זיי ביידע,
ער גלאָצט די אויגן און זי קוים זי רירט זיך,
ביז אָט דער ישוב פון הינטן פאַרלירט זיך, —
מאַכט נישט צי ער איז אַ פריינט, צי אַ שונא,
יעדער מוז בענטשן אין וועג — נס ציונה.

נס ציונה (נעס ציונע)—אַ קאָלאָניע אין ארץ־ישראל
מאַראַנצן — oranges
בונטער — מער קאָלירפול

באַחנטע (באַכיינטע) —charming
אומצייליקע — אַ סך ; ניט איבער־צוציילן
פרײדע — מוילאייזל, mule
ישוב (יישעוו) — settlement

קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל

אין אַ באַיאַרע

• יהואש

שושקען וואָרצלען צו דעם שטאַם:
טרינקען וועלן מיר אַ ים,
פרי און שפּעט, און נאַכט און מאָרגן,
וואַסער־שפע צו באַזאָרגן...
וואו אַ שפּריץ און וואו אַ טריף,
זופּן וועלן מיר און נאַשן,
און דערמיט דעם בוים באַוואַשן,
וועט אַ ברכה זיין דערפון,
און דעם רעשט וועט טאָן די זון...

שושקעט צו דעם שטאַם אַראָפּ
אין דער הויך דער בוים: — מיין קאָפּ
איז פון שטראַלן אויסגעצוואָגן,
וועל איך שיינע פּירות טראָגן —
גרויס און רונד און פריש באַטויט,
ווייך דאָס האַרץ, און גאָלד די הויט.
וועט מען זיי מיט שמחה פּליקן,
וועט מען זיי אויף ימים שיקן,
איינס און איינס געפּאַקט געדיכט —
רויטע שטיקער זונענליכט...

באַיאַרע — אָראַנזשן־גאָרטן אין ארץ־ישראל
שפע (שעפע) — abundance
ברכה (בראָכע) — blessing
פּירות (פּיירעס) — פרוכטן

אַ נ י י ל ע ב ן

• נ. לוריע

א) העלע פּייערן

אין אַ האַרבסטיקער נאַכט האָט זיך חנא קוניצע אומגעקערט פון אַ ווייטן דאַרף, וואו ער האָט זיך געזאַמט העכער אַ וואָך צייט. די פערד זיינען געווען אָפּגעשוואַכט. דער וועג אַ בלאָטיקער, האָט מען זיך געשלעפּט טריט ביי טריט. קוניצע האָט אונטערגעדרעמלט, אַמאָל נאָר אַ קוק געטאָן, וואו מע האַלט. נאָך אַ לענגערן דרימל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיטן געפיל, אַז מע דאַרף שוין זיין ניט ווייט פון דער היים, און פאַר חידוש ברייט צעעפנט די אויגן: טיף איינגעפאַסט אין דער פינצטער האָבן זיך געזען גרויסע העלע פייערן.

— האָסט ניט באַמערקט ?— האָט ער געפרעגט ביים אַנטרייבער.

— מיר האָבן אין ערגעץ ניט פאַרקערעוועט אויף רעכטס ?

— דאַכט זיך, אַז ניין.

— דאַכט זיך... דאַכט זיך, אַז מיר פאָרן צו דער סטאַנציע, ניט אַהיים, — האָט זיך חנא צעשריען. — וואָס איז עס פאַר אַ פייערן ? ווי קומען אַהער פייערן ?... נישקשהדיק פאַרקראָכן. איצט שלעפּ זיך כ'ווייס וויפיל צוריק, נאָכדעם ערשט ווייטער אַהין. אַ מעשה ביז פאַרטאָג.

ער האָט אַליין גענומען די לייצעס אין די הענט און פאַרקערעוועט די פערד מיטן געדאַנק זיך אומצוקערן צום אָרט, וואו מ'איז אַראָפּ פון ריכטיקן וועג. נאָר מיט יעדן טריט, וואָס מ'איז אַריין ווידער אין דער סטעפּישער פינצטערניש, איז אים איטלעך גריבל אונטער די רעדער, דער מינדסטער שאָטן ביי די זייטן אויסגעקומען אַלץ קענטלעכער, און אַלץ קלאָרער איז געוואָרן, אַז מ'איז געפאָרן ווי סע דאַרף צו זיין, מע האָט ניט אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען.

— טפו זאָלסטו ווערן ! — האָט ער באַניים-אַמאָל אָפּגעשטעלט די פערד. — וואָס טוט זיך דאָ, פאַרשטיי איך ניט...

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, לאַנג באַטראַכט די אומפאַר-שטענדלעכע פייערן אין דער זייט, וואו זיי זיינען קיינמאָל ביז אַהער ניט געווען, באַטראַכט די געגנט אין זייער אָפּשיין און סוף כל סוף באַשלאָסן, אַז עס איז פאַרט, אַפנים, דער וועג אַהיים. מע האָט גע-מוזט פאַרקערעווען ווידער אַ מאָל. אַ צייט איז מען געפאָרן שטיל, ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

— אָ, ניט געדאַכט זאָל עס ווערן! — האָט חנא ענדלעך עמעצן אויסגעשאָלטן. — ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן? פּערציק יאָר פאַר איך אויף דעם וועג און ווייס, אַז דאָרטן איז פינצטער. און פּלוצים — נאַ דיר...

— נו, יאָ, — האָט ער געזאָגט. — אָט דאָס הייסט געקומען אַהיים אויף יום־טוב! נאָר וואָס זאָגסטו דערצו, ווי איך האָב ניט דערקענט די קאָלאָניע? אַ חרפּה צו דערציילן. פּערציק יאָר ווייס איך, אַז אין דער זייט דאַרף זיין פינצטער. אָט דאָס הייסט אָפּגעטאָן!...

חידוש (כידעש) — וואונדער	סוף כּל סוף (סאָף קאָל סאָף) — finally
נישט קשהדיק (נישקאַשעדיק) — גאַנץ פיין	אַפּנים (אַפּאָנעם) — apparently

ב) דער אַלטער חיה־רבקהס מעשות

ס'איז געווען דער אָוונט פאַרן יאָרטאָג פון דער גרויסער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע. אויף מאָרגן איז די גאַס פול געווען מיט מאַני־פעסטאַנטן און רויטע פאָנען. די גאַנצע יאָרש משפחה האָט אָנטייל גענומען: די אַלטע חיה־רבקה, סימע מיט פייגעלען ביי דער האַנט, וואָלאָדיע איז געגאַנגען מיט די קינדער פון דער שול, ביילקע איז געווען אין די רייען. עליע האָט געקוקט אויף דער שוועסטער און געשמייכלט: זי איז אַרום מיט אַ רויט סטענגעלע אויסגעשלייפט און צוגעשפיליעט אויף דער בלוזקע. ס'איז געווען כמורנע, אָן ווינט און אָן רעגן. דער אָרקעסטער פון דער זיבן־יאָריקער שול האָט גע־שפּילט. פּימקע בראַכמאַן און נאָך עטלעכע פון דער יוגנט האָבן, וואַרטנדיק אויפן מיטינג, געטאַנצט. עמעצן איז עס ניט געפעלן געוואָרן.

— קיין ברויט איז ניטאָ, וואָס איז די גדולה?

— נו, איז וואָס? — האָט חיה־רבקה זיך פאַר די טענצער איינ־געשטעלט.

— דעם איז שווער צו ליידן, וועמען ס'איז ניט ליב. זאָגט מיר, וואָס קומט אָן גרינג? אין די הייזער איז ליכטיק, יונג זיינען זיי, זאָלן זיי טאַנצן. די שונאים אויף צעפּיקעניש.

איר גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען אַן אָראַטאָר. מיט אַן אויפ־געהויבן פּנים פלעגט זי שלינגען איטלעכס וואָרט, יעדע אינטאָנאַציע,

אויף די פעלדער פון קרים　　　　　　י. ב. ריבאַק

צושאָקלען מיטן קאָפּ און גליען, ווי זי וואָלט הערן אַ ליד, אַ וואונדער־לעכע מעשה, וואו אַלץ איז צוגעטראָפן פונקט צו איר האַרצן. טאָמער האָט זי עפּעס ניט פאַרשטאַנען, האָט עס איר קיין האָר ניט געשטערט. אַ לערער פון דער אָרטיקער שול האָט געהאַלטן אַ גרויסע רעדע און חיה־רבקה האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן. דאָס פנים האָט זיך איר כסדר געענדערט פון געפילן: צאָרן, טרויער, האָפענונג, שטאָלץ. אָפטמאָל האָט זי געוואָרפן בליקן צו די אַרומיקע, צוגעוואונקען, זיי זאָלן זיך גוט איינהערן. ס׳איז דאָ וואָס.

צווישן די ווייבער, אייגענע און שכנות, האָט זי גערעדט וועגן דעם, אַז אַלץ גייט, ווי לענין האָט געזאָגט.

— דו, וואָלאָדינקע, מעגסט עס אויך הערן — האָט זי זיך געווענדט צום אייניקל — ביסט נאָך אים אַ נאָמען... נאָך פון דער קאַטאָרגע, דערציילט מען, ווען ער איז דאָרטן געווען, האָט ער גע־שריבן אַ בריוו צו זיינע תלמידים און אויסגעשריבן אַלצדינג, וואָס און ווי אַזוי ס׳וועט זיין. אַז אין אָנהייב וועלן זיין גרויסע מלחמות, און טייכן בלוט וועלן פאַרגאָסן ווערן, דעמאָלט וועלן אויפשטיין די אַרבעטער אינאיינעם מיט די פּויערים. האָבן מיר עס דען ניט געזען מיט אונדזערע אויגן? און אַזוי כסדר. אַלע פערצן מלכים פון דער

וועלט האָבן זיך פּאַראייניקט קעגן אים, און ס'האָט ניט געהאָלפֿן, זיי האָבן געמוזט אַוועק מיט חרפּה. איינער, דערציילט מען, דער ענג־לישער, דאַכט זיך, האָט ביי אים געפֿרעגט: „אין וואָס איז דיין כוח?" „אין די פּראָסטע מענטשן"—האָט לעניו געענטפֿערט—„זיי האָבן לאַנג דערויף געוואַרט. איצט וועלן זיי ניט אָפּטרעטן כאָטש איך וויים ניט וואָס." און אַז לענין איז קראַנק געוואָרן, האָט אים קיין דאָקטאָר ניט געקענט היילן. דאַרף ניט וויינען דאָס האַרץ? ער איז דאָך געווען נאָך גאַר אין די מיטעלע יאָרן. ווען ער האָט געזען, אַז זיינע שעהן זיינען געציילטע, האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט איטלעכן גע־זעגענען. צום ערשטנס האָט ער זיך געזעגנט מיט די געסט, וואָס זיינען געקומען פֿון אומעטום הערן זיין וואָרט. זיין טיר איז דאָך געווען שטענדיק אָפֿן, און אַ פּויער צי אַן אַרבעטער האָט געקאָנט אַריינגיין און רעדן מיט אים. זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס וועט ווייטער זיין. „דער עיקר איז ניט בלייבן שטיין אינמיטן" — האָט ער זיי אָנגעזאָגט. — „אַ שטוב אויסצובויען דאַרף מען כוחות לייגן, היינט אַ ניי לעבן אויסבויען, ווי מאָלט איר זיך אוים? ס'מוז נאָך קאָסטן אַ סך האָרעוואַניע און בלוט." „ווי אַזוי־זשע וועלן מיר וויסן, בעת אונדז וועט זיין ענג, צי מיר גייען אויפֿן ריכטיקן וועג, צי אפֿשר, חלילה, אויף אַ פֿאַלשן?" „דערויף גיב איך אייך מיין סימן" — האָט ער געזאָגט. — „ווען אין אייערע שטיבעלעך, וואו ס'איז שטענדיק געווען פֿינצטער און וויסט, וועלן זיך אָנהייבן אָנצינדן מיינע ליכטיקע לעמפּלעך, דעמאָלט מעגט איר זיין פֿריילעך און וויסן, אַז סע גייט צום גוטן..."

— און פֿונוואַנען ווייסט איר עס, חיה־רבקה, די אַלע מעשות? ווער האָט זיי אייך דערציילט? — האָבן די שכנות גענומען צושטיין צו דער אַלטער.

— אַלע וויסן — האָט זי געענטפֿערט מיט כיטרען שמייכל. — ס'האָט זיך געשריבן אין די גאַזעטן.

אויסגעשלייפֿט — אויסגעבונדן	קאַטאָרגע — penal servitude
גדולה (געדולע) — שמחה, פֿרייד	מלכים (מעלאָכים) — קעניגן
שונאים (סאָנים) אויף צעפּיקעניש	חרפּה (כאַרפּע) — שאַנדע
— עס זאָל פּאַרדריסן, ווי טאָן די פֿיינט	דער עיקר (איקער) — the main thing
כסדר (קעסיידער) — contiually	בעת (בעאייס) — ווען
שכנות (שכיינעס) — neighbors	חלילה (כאַלילע) — God forbid

ג) קינדער

צום אָנהויב לערן־יאָר איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון די שול־קינדער. אַ פּאָר הונדערט חברה זיינען אַרויס אין גאַס מיט שטאַרק־פאַרגרעסערטע מאָדעלן פון זייערע מכשירים: אייגנהענטיק אויס־געאַרבעטע ריזיקע בלייערס, ביכער, גלאָבוסן, גוואַלטיקע טינטערס, אַלץ הויך אויפגעהויבן, מע זאָל זען. די זון האָט געשיינט. די קינדערשע געזאַנגען האָבן געקלונגען. פאַר די וואוינונגען זיינען געשטאַנען טאַטעס און מאַמעס, באָבעס און זיידעס.

— אָן דאָרטן אַ, זעט איר? דער, וואָס טראָגט דעם צירקל? ס'איז מיין אייניקל — האָט חיה־רבקה אָנגעוויזן, טאָמער האָט עמעצער ניט געוואוסט — וואָלאָדינקע. נאָך לענינען אַ נאָמען.

וואָלאָדינקע איז שוין געגאַנגען אין פערטן קלאַס. אין אָוונט גרייט ער, געוויינלעך, די לימודים. עליע איז געקומען פון דער אַרבעט, זיצט שטיל אין אַ זייט, כאַפּט פון מאָל צו מאָל אַ קוק אויפן זון, וואָס איז פאַרטאָן אין זיינע העפטן, שטייט אויף, גייט צו אָן רויש און קוקט איבערן יינגלס קאָפּ אין זיינע געשריפטסן. ער זעט געמעלן פון פיש און פייגלען, סקעלעטן און אינגעווייד. ער זעט זייטלעך פול פאַר־שריבענע מיט רעכענונגען און חידושט זיך אויף די גוואַלטיקע זאַכן, וואָס מע לערנט זיי דאָרטן, אין דער שול. ווי גיך זיי שפּרייזן, די היינטיקע קינדער! ער וועט זיי שוין קיינמאָל ניט דעריאָגן. אָט האָט ער די וואָך געהערט אַ שמועס פון וואָלאָדיען מיט פייגעלען. דאָס יינגל איז געקומען פון שול מיט אַ ידיעה, אַז די ערד איז קיילעכיק.

— ווי אַזוי קען די ערד זיין קיילעכיק? — האָט די קליינע פּראָ־טעסטירט — אַז זי איז גאָר אַ לאַנגע. — און זי האָט אַ וויין געטאָן מיטן הענטל אויף דער גאַס — אָט קוק, מע זעט דאָך, אַז זי איז אַ לאַנגע...

וואָלאָדיע האָט איר דערויף געענטפערט, אַז זי איז אַ נאַר און פאַרשטייט נישט גאָרניט, און עליע האָט נאָכדעם עטלעכע טעג זיך געבראָכן דעם קאָפּ: וואו־זשע הייבט זי זיך אין דער אמתן אָן, די קיילעכדיקייט פון דער ערד? ס'האָט זיך אים ניט געמאַכט צו זען, כאָטש קיילעכיק דאַרף זי, אַפּנים, טאַקע זיין, אַ סימן — אַמעריקע...

שפּעט ביינאַכט, וואָלאָדיע שלאָפט שוין, נעמט ער שטילערהייט איינס פון דעם קינדס ביכלעך און הייבט אָן לייענען, שעפּטשעט מיט



אין פעלד — י. ב. ריבאַק

די ליפּן. די אויגן קלעפּן זיך אים, רייסט ער זיי אויף און לייענט ווייטער. מוטשעט זיך. אָפּט קאָן ער בשום אופן ניט כאַפּן דעם אינהאַלט, און ער מוז דאָס ביכל אַוועקוואַרפן מיט האַרצווייטיק. נאָר אַמאָל טרעפט, אַז סע ציט, קאָנסט זיך ניט אָפּרייסן. אַלץ איז מחיהדיק פאַרשטענדלעך, און דו ווערסט געוואָר וואונדערלעכע זאַכן. אַ שטייגער, דערציילונגען וועגן רייזעס אין ווייטע לענדער, וואָס וואָלאָדיע ברענגט אַמאָל אַהיים פון דער שול־ביבליאָטעק. ווי גרוים און טשיקאַווע איז די וועלט, וואָס דו ביסט אַליין איבער איר געגאַנגען און געפאָרן און דערביי אַזוי ווייניק זי אָנגעזען און אַזוי קאַרג פאַרגעניגן געהאַט פון איר! צי אָט דעם שלום־עליכמס ביכלעך. ווי מע זאָל ניט זיין פאַרשלאָפן און מיד, ווערסטו פון זיי וואַך און אָפּגעפרישט. דאַכט זיך, גאָרניט קיין פריילעכע מעשות, און ווי ליכטיק סע ווערט פון זיי, ווי וואַרעם אויפן האַרצן!...

מכשירים (מאַכשירים) — אינסטרומענטן

אינגעווייד — intestines

בשום אופן (בעשום אויפן) — פאַר קיין פאַל ניט

מחיהדיק (מעכייעדיק) — אַ פאַרגעניגן

אַ חתונה אין בירא־בידזשאַן

• איציק פעפער

וואָס האָט זיך עס צעשפּילט אַזוי, צערוישט בירא־בידזשאַן?
דאָס איז מען אויף אַ חתונה אַ ייִדישער געגאַן!
נו, נו, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען!

מיט פרייד האָט מען און ברייט האָט מען די חתונה געגרייט.
עס האָבן זיבן נייטערינס די פּאָוועלע גענייט.
עס האָבן זיבן וועבערינס די מאַנטעלעך געשטריקט.
עס האָבן זיך קעכעריִנס די גענדזעלעך געפּליקט.

די מחותנים טראָגן זיך פון נאָענט און פון ווייט,
מע טופּעט און מע טענצלט, און מע טופּעט און מע רייט!
די מיידלעך אין קאָסינקעס און די זיידעס מיט די בערד,
זיי טראָגן זיך אויף אויטאָס און זיי פליען אויף די פערד —
חלילה ניט פאַרשפּעטיקן און קומען צו דער צייט!
מע טופּעט און מע טענצלט, און מע טופּעט און מע רייט!

— יידל, נעם דיין פידל, און בערל, נעם דיין באַס!
שטייט יידל מיטן קעלישאַק און בערל ביי דער פּאַס...
און אונדזער ליִו, דער מאַרשאַלעק, שטייט אויך שוין אויבנאָן,
ער קייעט אַ צוקערקעלע שוין מיטן לעצטן צאָן.

איז טוט אַ שפּיל, קלעזמאָרים, און זאָל דונערן די גאַס,
ניט יידל מיטן פידל און ניט בערל מיטן באַס:
דריי פּויקן און דריי פייפעלעך, אַ פליים און אַ באַיאַן, —
זיי האָבן עס אַ שפּיל געטאָן אויף גאַנץ בירא־בידזשאַן.

איז האָט מען עס אַ טאַנץ געטאָן, אַ גיי געטאָן אַ שער,
איז מער פון אַלע דרייען זיך די שוויגער און דער שווער.
עס כוואַליען די פּאַטשיילעס זיך, די פּאַלעס אין דער הויך,
די זיידעס מיט די אייניקלעך, די אוראייניקלעך אויך,
די יונגע שוועסטער־קינדער און די ברידער און די פריינט,
די שנורן און די איידעמס און . . . אַ שער האָט מען ניט פיינט!

און העכער הילכט די מוזיקע, און ברייטער ווערט די ראָד.
זי טראָגט זיך פון וואָקזאַל אַוועק אַהינצו ביזן סאַד,
אַהינצו, וואו דער בירא־טייך פאַרשלענגלט זיך צום באַרג,
אַהינצו, וואו די טענענביימער טוליען זיך אין פּאַרק...

מיט יום־טוב און מיט בליאונגען — די גערטנער פאַרזייט,
איז האָט מען עס טאַנץ געטאָן — די וועלט האָט זיך געדרייט:
אין טייכן און אין אָזערעס — דער קאַרפּ און דער סאַזאַן,
אין וועלדער, אין געדיכטעניש — די פיכטע און דער טאַן,
די הירשן און די בערן, ווי אַנגעלייגטע געסט,
דער וועוועריק אויפן צווייג און דער פויגל אין זיין נעסט.

נו, נו, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען!

און ניט אַזוי דאָס דרייעניש און ניט אַזוי דער וויין,
ווי אָט די בערג די רונדיקע, באַגאָסענע מיט שיין,
ווי אָט די סאָפּקעס אונדזערע, די טישן אַרום זיי,
ווי אָט די הויכע פלעשעלעך, וואָס שטייען שוין אין ריי
און בעטן זיך ביי אַלעמען אַ הייב טאָן שוין דעם כוס,
דער ווישניאַק און די וויינען זאָלן געבן זיך אַ גאָס!

און ניט אַזוי די פלעשעלעך און ניט אַזוי דער וויין,
ווי אָט די געסט די טייערע, באַגאָסענע מיט שיין.

פאַר זיי האָט מען די טישטעכער די ציכטיקע געשפּרייט,
פאַר זיי האָט מען די קאַטשקעס און די אינדיקעס געגרייט,
דער טייך אַמור האָט יאָרן לאַנג די פיש פאַר זיי געוויגט,
די ערד אַליין האָט ברויט פאַר זיי און וויינטרויבן געשיקט!

געפעלט האָט דאָרטן גאָרנישט ניט, געווען איז דאָרטן אַלץ:
אַ צוועלף מינים קוגעלעך און לעבערלעך מיט שמאַלץ,
און האָניקדיקע לעקעכער און שטרודל מיט קישמיש,
און וואָס דאָס מויל האָט אויסגערעדט, געווען איז אויפן טיש!

נו, נו, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען!

עס דרייען זיך און דרייען זיך אַ געסל מיט אַ גאַס,
אַ חתונה ז'אַ חתונה און ווײַן איז ניט קיין קוואַס!

די סאָפּקעס זיינען פול מיט גוטס, די ערדן זיינען רייך,
די געגנט איז אַ געגנט, און די בירע איז אַ טייך,
דער הימל איז אַ הימל היינט און ניט קיין באַרג פון בליי,
און יידן טאַנצן, זינגען היינט, ווי אָט די פויגלען פריי!

איי-איי, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען!

איז טוט אַ שפּיל, קלעזמאָרימלעך, דער באַס און דער באַיאַן,
זאָל טאַנצן די געררעטעניש אין גאַנץ בירע-בידזשאַן.
דער קאָרן זאָל אַ הייב טאָן זיך נאָך העכער פונעם באַרג,
דער וויינטרויב זאָל זיך אָנגיסן, דער ווײַן זאָל ווערן שטאַרק.

און זיין זאָל אַ גערעטעניש אויף שעפּסעלעך די וואָל,
און פול זאָל זיין מיט לאַשעקעס דער בליענדיקער טאָל,
די פיש אין אַלע וואַסערן זיך מערן אָן אַ צאָל,
די וועכטער ביי די גרענעצן נאָך שטאַרקער זיין פון שטאָל!

— „אוי, זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבע, בולבע אָן אַ שיעור,
און אָרעמקייט, און נאַקעטקייט, און מיסט לעם יעדער טיר . . .“

מאַרק שאַגאַל

ווער בולבעט עס? וואָס בולבעט עס? געבולבעט שוין גענוג,
אַ פולער הויף מיט אינדיקעס, מיט מילך איז פול דער קרוג.
אוי, זונטיק הון און מאָנטיק עוף און דינסטיק פרישע פיש,
און מיטוואָך עוף און פרייטיק הון און שבת — פול דער טיש!

איז דרעמלט ניט, קלעזמאָרימלעך, זאָל שפילן דער באַיאַן,
דאָס פייקל זאָל אַ פייקל טאָן אויף גאַנץ ביראָ־בידזשאַן!
געדענקען זאָל די חתונה די קלעזמער און די פּאָר,
און יעדע מחותנתטע ביז הונדערט צוואַנציק יאָר!

און ווען די חתן־כלה וועלן ווערן אַלט און גרוי,
זאָל זאָגן אונדזער זיידעניו דער באָבעניו אַזוי:
„נו, נו, איז דאָס אַ חתונה אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ חתונה נאָך קיינמאָל ניט געזען!"

קאָסינקעס — טיכלעך, kerchiefs
חלילה (כאָלילע) — God forbid
קעלישאָק — כוס, ווײַנגלעזל
ליץ (לעץ) — וויצלער
מאַרשעלעק — בדחן (באַדכן) — צערעמאָניע־מייסטער אויף אַ חתונה, jester (at weddings)
כוואַליען — wave

בליאונג — blossoms
קאַרפּ און סאַזאַן — מינים פיש
פיכטע און טאַן — מינים ביימער
סאָפּקע — בערגל, hill
ציכטיקע — ריינע
קישמיש — ראָזשינקעס אָן קערלעך, seedless raisins
לאָשעקעס — יונגע פערדלעך
עוף (אָף) — poultry

פאַר פאָלק און לאַנד

דאָס לאַנד רופט

• בער גרין

איך בין אַמעריקע.

איך בין, מיין לאַנד, דיין פונדאַמענט,
דיין מוח און דיינע הענט.

איך בין דער שניידער און שמיד
און זינגער פון ליד.
איך בין דער מוליער און בויער,
דער טעסליער און פויער.
איך בין דער קוילנגרעבער און שטאָל-גיסער,
דער מעבלמאַכער און האַרמאַטן-שיסער,
דער שטיינהעקער, האַמערער און זעגער,
קעסלהייצער, וואַלדמאַן און יעגער,
פאַרבער, גאַרבער, שערער,
שפינער, שטריקער, לערער,
שיפער און פישער, זייער און שניטער,
וויינמאַן, פעלדמאַן און היטער.

איך בין אַמעריקע.

איך בין פון אוקראַינע דער אימיגראַנט,
איך בין דער פליט פון נאַצי-לאַנד.

ווי דו, מיין לאַנד, בין איך יונג,
ווי דו, מיט מוט און מיט שוואונג.

איך בין אַמעריקע.
איך בין דער זאַפט
פון דיין קראַפט.

איך האָב געבויט דיינע שטעט.
איך האָב דיך געשפייזט צו זעט,
געפלאַסטערט דיינע וועגן,
באַוואַכט דיינע ברעגן,

מיט קאַנאַלן דיינע זייטן געזוימט,
מיט דאַמבעס דיינע וואַסערן געצוימט,
מיט בריקן דיינע שטרעקעס פֿאַרבונדן,
איבער דער פּולער לענג עלעקטרע געצונדן.

אַמעריקע, מיין היים,
געקנאָטן האָב איך דיינע ציגל און ליים,
באַקליידט האָב איך דיך אין בעטאָן און שטאָל,
אין געוואַנט און אין וואָל.

ליב האָב איך דיינע טייכן, טאָלן און נאָענטע וויטן,
דיינע וועלדער און וואַסערפֿאַלן, גראָזן און קווייטן,
ליב איז מיר דיין הימל, ליב — דיין ערד,
מיט איר מילך און האָניק האָט זי מיך דערנערט.

איך בין אַמעריקע.

אויף מיינע גאַסן שפּאַצירן געאָרעמט
אייראָפּע, אַזיע, אַפֿריקע, אויסטראַליע,
און עס לעבן אונטער איין דאַך
מזרח, מערב, צפֿון און דרום.
איך שטאַם פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער און לענדער.
איך בין אַ פּראָסטער מענטש,
מיט אַ קאָפּ וואָס אַרבעט און מאָזאָליעדיקע הענט.

אין וואַלי פֿאָרדזש אויף רויט-באַפֿלעקטע שנייען
איז מיין בלוט געפֿלאָסן.
אין פֿייער פֿון טויט, אונטער קאַנאָנען-שאָסן,
אין וואונדן און אין וויען,
האָב איך מיט כּוח יינגליש-רייפֿן
דורכגעטראָגן די פֿאָן פֿון שטערן און שטרייפֿן.

דעם טרומייט האָב איך געבלאָזן
אין דער געטיסבורגער שלאַכט,
דאָס געביין פֿון מיינע ברידער דאָרט געלאָזן
אין בלוטיק-רויכיקער נאַכט.

ס׳איז לינקאָלן מיין טאַטע
און וואַשינגטאָן מיין זיידע —
אין מיין זכרון טראָג איך דאָס בילד
פון זיי ביידע.

איצט פלאַקערט קריג
פאַר מיין ליב און לאַנד,
פאַר ליכט און ברויט,
פאַר זון און פעלד,
פאַר מענטש און וועלט —
איצט פלאַקערט קריג
קעגן קייטן און שאַנד,
קעגן רויב און טויט.

מיין לאַנד איז אין קריג.
שטאָלענע ראָבן לויערן אויף קינד און וויג.

היים איז די לופט.
עס שאַלט דער טרומפּייט.
דאָס לאַנד רופט.
מיר זיינען גרייט.

עס רופן די שטערן און שטרייפן
דאָס געווער צו שלייפן.

מענער פון אייזן און פון שטאָל,
פרויען פון באַרג און פון טאָל,
קריגסלייט פון וואַרשטאַטן,
שיסער פון האַרמאַטן —
עס שאַלט דער טרומפּייט! —
מיר זיינען גרייט!

מולירער — bricklayer	קוויטן — בלומען
טעסלירער — carpenter	מאַזאָליעדיקע — callous, hardened
גאַרבער — tanner	זכרון (זיקאָרן) — memory
פּליט (פּאָליט) — פּליטטלינג, refugee	לויערן — lurk
געוואַנט — cloth	

די לעצטע לעקציע

• א. גאָלדבערג

(פון אַ שילערינס טאָגבוך)

דעצעמבער 13.

היינט איז געווען אַ מאָדנער טאָג אין מיטלשול. מיר האָבן ווייניק געלערנט. כמעט אין יעדן קלאַס האָבן מיר גערעדט וועגן פּירל־האַרבאָר און וועגן דער מלחמה.

פרעדי זאָגט, אַז ער וויל זיך פאַרשרייבן אין דער אַרמיי. ענט־פערט אים ציפּע, אַז קיין בר־מצווה־יינגלעך שיקט מען ניט אויף דער מלחמה. ברוגזט ער זיך אָן, פרעדי (ער איז שוין 14 יאָר אַלט!) און זאָגט איר, אַז די יאַפּאַנעזער זיינען ניט גרעסער ווי בר־מצווה־יינגלעך, און אויב מען זאָל אים, פרעדין, שיקן אין די פיליפּינען וואָלט ער זיי שוין געוויזן, די יאַפּאַנעזער.

אינמיטן קלאַס רוקט מיר ציפּע אונטער אַ קאַרטון, וואָס זי האָט אויסגעמאָלן (זי מאָלט זייער שלעכט, ציפּקע): אַ גרויסער ים מיט אַ סך אינדזלען. איבערן ים שטייט אָנגעשריבן „דער פּאַסיפישער אָקעאַן", אין מיטן ים שווימט אַ באַליע, אין דער באַליע זיצט אַ קליין מענטשעלע מיט אַ וואַסער־פּיסטאָל. אויפן מענטשעלע איז אָנגע־שריבן „פרעדי". אונטערן בילד האָט ציפּע אונטערגעשריבן: „רעב פרעדי פון צווייטן קלאַס מיטלשול פּאַרט שלאָגן דעם מיקאַדאָ."

פרעדי זאָל נאָר ניט זען דאָס בילד!

* * *

נאָך די לעקציעס האָבן מיר היינט געהאַט אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע קלאַסן. דער דירעקטאָר האָט גערעדט וועגן די פאַשיסטן, וואָס האָבן אונדז דערקלערט מלחמה, און וועגן די עליים וואָס שטייען צו־זאַמען מיט אונדזער לאַנד אין דער מלחמה קעגן די שונאים.

ער האָט גערעדט זייער גוט (אַ ביסל צו לאַנג) און מיר זיינען געזעסן שטילע און זיך צוגעהערט. צום סוף פון זיינע רייד האָט ער אונדז געבעטן זיך אויפשטעלן אין אָנדענק פון די יונגע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וואָס זיינען געפאַלן אין פּירל־האַרבאָר.

איך בין געשטאַנען און ס'איז מיר זייער טרויעריק געוואָרן. אַזוי־פיל יונגע מענטשן. שטילערהייט האָט זיך אַ טרער געגליטשט איבערן פּנים. כ'האָב זי ניט אָפּגעווישט.

שפּעטער האָט נאָך אַ לערער גערעדט וועגן דעם, אַז יעדער איינער פון אונדז מוז עפּעס טאָן, כדי צו העלפן אונדזער לאַנד אין דער מלחמה (ווייזט אויס, אַז פרעדי איז גערעכט: מיר קאָנען אויך העלפן). מיר האָבן אויסגעקליבן אַ קאָמיטע פון פינף שילער. זיי וועלן אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, וואָס יעדער איינער פון אונדז דאַרף טאָן.

ציפּע איז אויסגעקליבן געוואָרן אין דער קאָמיטע.

יאַנואַר 15.

געשיכטע איז ביי אונדז די ערשטע שעה. טייל קינדער פאַר־שפּעטיקן זיך און שטערן דעם קלאַס. איך האָב ניט ליב די קינדער, וואָס קומען כסדר שפּעט. אַ קלאַס איז אַ קלאַס, און צען אַזייגער מיינט ניט צען מינוט נאָך צען אַזייגער, אַזוי מיין איך. אונדזער יונגער געשיכטע־לערער ווערט זייער בייז אויף די וואָס קומען שפּעט. ער רופט זיי די „פאַמעלעכע יידן", די „חברה האלב־נאָך־צען", „דער שבט ק־ו־ם—א־י־ך—נ־י־ט—ה־יי־נ־ט—ק־ו־ם—א־יך—מ־אָ־ר־ג־ן" (ער ציט עס אויס זייער פאַמעלעך), און נאָך אַזעלכע נעמען.

דאַרף זיך דווקא מאַכן, אַז היינט האָב איך זיך פאַרשפּעטיקט. איך בין אָן אָן אָטעם אַריין אין שול, אַרויף אויף די טרעפּ, און אַ קוק געטאָן אויףביידן מיט אַמאָל: אויף דער טיר פון מיין קלאַס־צימער און אויף מיין זייגערל — ס'איז געווען פּונקט 15 מינוט נאָך צען. אַריינגיין צי נײן?

— קום — זאָגט די טיר — זיי ניט קיין נאַר. וועט ער זיך אַ ביסל בייזערן, איז וואָס?

— ניטע — וואָרנט דאָס זייגערל. — גיי ניט. בעסער שוין אינ־גאַנצן ניט אַריינגיין.

— שרעק זיך ניט — זאָגט די טיר. — ניט געפערלעך. ס'אַ שאָד אַ לעקציע. ס'איז זייער אינטערעסאַנט. גיי אַריין.

איך בין אַריין.

ער האָט מיך געזען אַריינקומען. ער האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף מיר, אַ לאַנגן קוק, און זיינע אויגן האָבן אומעטיק געשמייכלט. אויס געוואוינהייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט און גע־וואַרט ביז כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט כסדר געקוקט אויף מיר. דער קלאַס איז געווען זייער שטיל. דער לערער האָט ווייטער אָנגעהויבן רעדן:

— ס'איז אַלעמאָל אַזוי געווען, קינדער, און ס'וועט אַלעמאָל

אַזוי זיין. ביז די לעצטע קייט וועט אַראָפּפאַלן פון דער לעצטער מענטשלעכער האַנט. מענטשן וועלן אַלעמאָל אויפשטיין און אַוועקגעבן אַלצדינג — דאָס לעבן אויב נייטיק — כדי צו זיין פריי.

זיין קול האָט אַ ביסל געציטערט. ער האָט ניט געקוקט אויף קיינעם פון אונדז און דאָך אויף אונדז אַלעמען. ער האָט היינט גערעדט אַנדערש ווי אַלע מאָל. איך האָב געוואוסט, אַז מיר דאַרפן לערנען וועגן בר־כוכבאן. ער האָט אָבער גערעדט מאָדנע, יאָ וועגן בר־כוכבאן און ניט וועגן בר־כוכבאן. איך האָב אים ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען.

כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו אים. זיינע באַקן האָבן זיך גערויטלט און זיינע האָר האָבן זיך אים גענליטשט איבערן שטערן. ער איז אַ שיינער, אונדזער געשיכטע־לערער (אַלע מיידלעך זאָגן אַזוי!). אָבער היינט איז ער געווען אַ ביסל אַנדערש ווי אַלעמאָל, כ׳ווייס ניט מיט וואָס — בלויז אַנדערש.

ווען איך האָב זיך נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צוצוהערן, האָט ער שוין געהאַלטן אַ סך ווייטער:

— און שטאָלץ און מיט פרייד האָט דער אַלטער רב עקיבא געפירט דעם קאַמף קעגן די רוימער. געמוטיקט און געהאָלפן די קעמפער. זיינע תלמידים אין דער מלחמה קעגן שונא געשיקט . . .

און ער האָט אונדז אָנגעהויבן דערציילן איין מעשה נאָך דער אַנדערער, מאָלן איין בילד נאָכן צווייטן. מיר זיינען געזעסן און געכאַפּט יעדעס וואָרט פון זיין מויל. מיר האָבן אַלע געאָטעמט צוזאַמען. ווי שיין ער האָט גערעדט, ווי לעבעדיק איז פאַר אונדז געשטאַנען דער אַלטער קלוגער לערער און העלד — רב עקיבא!

אָבער — וואָס איז דאָס געשען מיט אונדזער לערער? ער איז פּלוצים שטיל געוואָרן, אַרומגענומען אונדז אַלעמען מיט די אויגן, און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געענדערטן טאָן, כמעט ווי אַ וויספּער:

— ס׳וואָלט געווען זייער גוט צו זיין אַ רב עקיבא, נעמען די תלמידים און אַוועק מיט זיי צוזאַמען אין דער איצטיקער מלחמה פאַר לאַנד און פרייהייט. אָבער, מיינע ליבע לייט (אַזוי רופט ער אונדז, ווען ער איז אין אַ גוטער שטימונג), קיין רב עקיבא בין איך ניט, און איר זייט נאָך אַ ביסל צו יונג, אַז איר זאָלט גיין מיט מיר, אָדער איך זאָל אייך שיקן, אָבער — איך אַליין גיי אַוועק און איך וויל זיך טאַקע מיט אייך היינט געזעגענען...

שטילער פון שטיל, און פלוצים האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן פּאַטשן בראַוואָ. איך האָב אויך געפּאַטשט, אָבער פון זיך אַליין האָט זיך מיר אַ טרער געגליטשט איבער די באַקן (איך מיט מיינע וויינעניש). דער לערער האָט עס באַמערקט. ווען ס'איז שטיל געוואָרן און ער האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן, האָט ער געקוקט גלייך אויף מיר (אַזוי האָב איך געמיינט):

— ניט געזאָרגט, חברה. כ'ווייס, אַז אַ סך פון אייערע ברידער זיינען שוין דאָרטן. ס'וועט זיין גוט זיך מיט זיי צו טרעפן. איכ'ל זיכער בענקען נאָך אייך, אָבער — איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז מען דאַרף גיין. איך האָף, אַז איר פאַרשטייט, ווייל דאָס איז נאָך אַלעמען דער גאַנצער שכל פון דער געשיכטע, וואָס איך האָב אייך די אַלע חדשים געפּרוּווט לערנען.

מיר האָבן פאַרשטאַנען. געקוקט אויף אים און זיך געפרייט. מיר איז נאָך אַלץ געווען אַ ביסל אומעטיק, אָבער שטאָלץ בין איך מיט אים געווען.

איינער פון די יינגלעך האָט אויסגעשריען:

— הוראַ פאַרן גענעראַל שטיין!

מיר האָבן אַלע געשריען הוראַ און צעשטערט די לעקציעס אין די אַנדערע קלאַסן, און אונדזער „גענעראַל" איז געשטאַנען און שטיל געשמייכלט.

בר־מצווה (באַר־מיצווע) ייִנגל — אַ דרייצניאָריקער
באַליע — wash tub
שבט (שייוועט) — tribe
ניטע — ניין; טו ניט.
כסדר (קעסיידער) — continually
בר־כוכבא (באַר־קאָכווע) — דער העלד, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן לעצטן אויפשטאַנד פון די יידן קעגן רוים.
רב עקיבא (רעב אַקיווע) — באַרימטער געלערנטער, וואָס האָט בר־כוכבאן געהאָלפן אָנפירן דעם אויפשטאַנד.
תלמידים (טאַלמידים) — שילער
שכל (סייכל) — זין; פאַרשטאַנד

שאַל דיין טרומפּייט

• נחום ווייסמאַן

מיר האָבן דאָס ניט איינמאָל געטאָן —
איז וועלן מיר עס טאָן נאָכאַמאָל;
העי, שומר, אויף שפּיץ פון די בערג —
דו שאַל דיין טרומפּייט היינט אין טאָל...

זאָל דעניעל בון אונדז דערציילן
באַלאַדן פון אַלטן אַמאָל,
וויפיל מאָל שונא איז באַפאַלן —
די היימען געצונדן אין טאָל.

ווי ס׳האָבן אַמאָל פּיאָנערן
געקוקט אין די אויגן דעם טויט;
אין העלדישע שלאַכטן געגאַנגען
פאַר היים און פאַר לאַנד און פאַר ברויט!

געדענקט איר נייטן העילס ווערטער
פאַר דער תליה געגרייט ביים וואַנט?
„אַ שאָד נאָר, וואָס כ׳האָב בלויז איין לעבן
מקריב צו זיין פאַר מיין לאַנד!"...

מיר האָבן דאָס ניט איינמאָל געטאָן —
איז וועלן מיר עס טאָן אויך אַצינד;
אַנטקעגן דעם שונא אין שלאַכטן —
זיך לאָזן אויף וועגן אין ווינט...

ווער ס׳האָט נאָר צוויי אויגן צום זען,
אין ברוסט נאָך אַ האַרץ וואָס סע קלאַפּט —
קומט גיכער דאָס לאַנד צו באַשיצן,
זיך פלינקער און שנעלער געכאַפּט...

ווער ס׳האָט נאָר צוויי פיס און אַ פּלייצע,
ביי וועמען ס׳איז שטאַרק נאָך די האַנט —
אין רייען געשטאַלטע געשטעלט זיך,
דעם שונא — אַן אייזערנע וואַנט!...

מיר האָבן דאָס ניט איינמאָל געטאָן —
איז וועלן מיר דאָס טאָן נאָכאַמאָל;
העי, שומר אויף שפּיץ פון די בערג —
דו שאַל דיין טרומפּייט היינט אין טאָל!...

שומר (שוימער) — וועכטער, guard	תליה (טליע) — gallows
שאַל — sound	מקריב (מאַקריוו) זיין — to sacrifice

אַ גאַסט אין שול

(פון אַ שילערינס טאָגבוך)

• א. גאָלדבערג

אָקטאָבער 6.

מיר האָבן היינט געהאַט אַ גאַסט אין שול. ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די דריטע לעקציע, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין קאָרידאָר אַן אָפּיצער פון די אַמעריקאַנער מאַרינען. זייער אַ שיינער בחור, ניט קיין צו הויכער. ער האָט זיך אַ ביסל געוויגט ביים גיין, ווי ער וואָלט געוועזן אויפן דעק פון אַ שיף. ווען ער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין שול, האָבן אַלע קלאַסן אָנגעהויבן גיין אויף רעדלעך. ער איז אַלעמען געפעלן, סיי די מיידלעך (דאָס איז נאַטירלעך!) און סיי די יינגלעך. ס'האָט זיך גערודערט אין מיטלשול, גלייך ווי קלאַרק גייבל זאָל קומען צו גאַסט.

דער עיקר — קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז. נאָך איידער די לעקציע האָט זיך געענדיקט האָבן מיר שוין אַלע געוואוסט — דורך דער צעטעלע־פּאָסט — אַז ער איז דאָ. מיטאַמאָל האָבן אַזויפיל קינדער באַדאַרפט אַרויסגיין פון קלאַס, אַז אַפילו די לערער, וואָס געפינען געוויינלעך אוים ווען עפּעס קומט פאָר אַ סך שפּעטער פון די קינדער, אַפילו די לערער האָבן דערשמעקט, אַז עפּעס קומט פאָר. אַפילו דער אַלטער קאָמפּאָזיציע־לערער אונדזערער האָט פּלוצים באַמערקט, אַז „מען גייט" און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן עמיגראַציע, האַ?

נאָך דער לעקציע זיינען די קאָרידאָרן געווען פול. מען איז געשטאַנען אַרום אָפיס, וואו דער גאַסט איז געווען, און ס'זיינען געפלויגן ראַפּאָרטן:

— דער דירעקטאָר קאָן אים.

— ער רעדט יידיש.

— כאַ־כאַ, יידיש, מיט אַ גאַליציאַנער אַקצענט?

— ניין, מיט אַ ניו־יאָרקער.

דער לאַנגער לואי איז אַרויסגעקומען פון אָפיס. אַלע האָבן זיך צו אים אַ קער געטאָן. לואי האָט געמאַכט אַן ערנסט פּנים, אויפגעהויבן די האַנט. אַלע זיינען שטיל געוואָרן.

לואי האָט פאַר צוויי יאָרן געשפּילט דעם רבין אין דינעזאָנס „יאָסעלע" און זייט דעמאָלט, ווען ער דאַרף האַלטן אַ יידישע רעדע — שפּילט ער דעם רבין.

— ששששא זאָל זיין! — האָט לואי אַ געשריי געטאָן (אַקוראַט ווי דער רבי!) — איר ווילט וויסן ווער ער איז? ס'איז פּראָסט, ס'איז זייער פּשוט — איך הייב אַליין ניט אָן צו וויסן...

מיר זיינען געוואָרן אומגעדולדיק, אָבער לואי האָט נאָכאַמאָל אויפגעהויבן אַ האַנט, און מיט אַ זיס קול (מיט דעם קול האָט ער אין „יאַסעלע" גערעדט צו דער גבירטעס זינדל) אַ זאָג געטאָן:

— דער דירעקטאָר האָט אייך געבעטן איר זאָלט אים טאָן די טובה און אַנשטאָט אין די קלאַסן — אַריין אין גרויסן זאַל. מיר וועלן איצט האָבן אַן אַסעמבלי.

* * *

איך געדענק ניט, אַז ביי אונדז זאָל ביי אַן אַסעמבלי זיין אַזוי שטיל. מיר זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער. אויף דער בינע זיינען געזעסן די לערער, דער דירעקטאָר מיט אַ קלוג שמייכעלע אויף די ליפּן, און — „ער", דער אָפיצער? דער קאַפּיטאַן? דער אַדמיראַל? ווער ווייס?

דער דירעקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט:

— איך זע, אַז איר זיצט אויף שפּילקעס, חברה. איר חלשט וויסן ווער אונדזער גאַסט איז, איר שלינגט אים פּשוט מיט די אויגן. אָלרייט. אונדזער גאַסט איז, ווי איר זעט, אַן אָפיצער פון אונדזערע מאַרינען. ער איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון זייער אַ וויטער רייזע. ער האָט עטלעכע וואָכן אורלויב און איז געקומען אונדז באַזוכן. ער איז אונדזערס זייער אַ גוטער פריינט און איך מוז אייך זאָגן, אַז איך בין באמת צופרידן און שטאָלץ אים צו האָבן דאָ לעבן זיך, ווייל ער איז ערשט ניט לאַנג צוריק געזעסן אויף איינעם פון די בענקלעך אויף וועלכע איר זיצט איצט. ער איז אַ גראַדואַנט פון אונדזער מיטלשול פון דעם קלאַס 36'. איך בין באמת שטאָלץ אייך פאָרצושטעלן מיין תלמיד און זייער גוטן חבר, דעם מאַרינען-אָפיצער — קאָפּל ווייסמאַן.

הער אַ מעשה: אָט דער „אַדמיראַל", דער „קאָמאַנדיר", דער „קאַפּיטאַן" איז גאָר — קאָפּל ווייסמאַן, איינער פון אונדז!

קאָפּל האָט זיך אַוועקגעשטעלט און אונדז אַלעמען אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר פריילעכע גוטע אויגן און אָנגעהויבן רעדן אין אַ יידיש, טאַקע אויף אונדז אַלעמען געזאָגט געוואָרן:

— איר ווייסט גאָרניט, ווי גוט עס איז צוריקצוקומען אין מיטל־שול און זיך צוקוקן צו אייך. איר וואָלט מיר אויך ניט געגלויבט, ווען כ'דערצייל אייך אין וואָסערע פאַרשיידענע צייטן און וואו אַלץ איך

האָב זיך פּלוצים, דוכט זיך אָן אַ פּאַרוואָס, דערמאָנטע אין מיינע יאָרן אין מיטלשול און אין טייל פון מיינע לערער: אויף דער וואָך איינמיטן דער נאַכט ערגעץ אין פּאַסיפיק; אונטן אין מיין הענג-בעטל אין בויך פון דער שיף; זיצנדיק ערגעץ אין אַ מואווי אין אַ פרעמדן פּאָרט אין אַ פרייען טאָג. דער דירעקטאָר האָט מיך געבעטן, כ'זאָל אייך עפּעס דערציילן וועגן דער מלחמה. לאָזט מיר אייך גאָר דערציילן אַ פּאַסירונג, וואָס האָט צו טאָן מיט דער מיטלשול; אַ פּאַסירונג, וואָס קלינגט ווי אַן אויסגעטראַכטע מעשה, עפּעס וואָס איז פּאָרגעקומען מיט מיר אַליין, גלויבט מיר.

מיר האָבן זיך אין אים נאָך מער איינגעגעסן מיט די אויגן און אים געגלויבט.

* * *

— אין גוואדאקאנאל איז עס געווען. צוזאַמען מיט נאָך פיר חברים האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אויסגעפינען דעם שונאס פּאָזיציעס. צווישן דעם בערגל, וואָס אונדזער אָפּטייל האָט פאַרנומען, און דעם צווייטן, וואו עס האָט זיך געפונען דער שונא, איז געלעגן אַ פלאַכער, נאַקעטער טאָל.

פינף זיינען מיר אַרוים — ביל, הענרי, דייוו, העראַלד און איך. בלויז צוויי פון אונדז — ביל און איך — האָבן דערגרייכט דעם טאָל אונטן. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט אין אַ גרוב און דאָרט געבליבן ליגן, באַשיצט פון שונא. אָבער צוריקקומען צו אונדזערע פּאָזיציעס האָבן מיר ניט געקאָנט, ווייל מיר האָבן באַדאַרפט דורכקריכן דעם באַרג אַרויף, און דער באַרג אַרויף איז געווען כמעט נאַקעט, נאַקעט ווי אַן אָרעמאַנס טיש. דער שונא וואָלט פון אונדז געמאַכט צוויי טויטע יענקס, איידער מיר וואָלטן אָפּגעגאַנגען הונדערט טריט.

— אַ שיינע חתונה! — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו בילן.

ביל האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן. כ'האָב אים ניט פאַרשטאַנען. כ'האָב זיך אויסגעדרייט צו אים און ערשט דערזען, אַז מיין ביל איז ווייס ווי אַ יונגער שניי אין פּראָספּעקט פּאַרק, און ער האַלט זיך מיט אַ האַנט ביים אַקסל.

— ביל, וואָס איז דיר?

— עט, גאָרנישט — פּרוּווט ביל שמייכלען — אַ מאַשין-ביקס האָט מיר אַ בים געטאָן.

איך האָב באַקוקט זיין וואונד. קיין דאָקטאָר בין איך ניט, נאָר כ'האָב גלייך געזען, אַז ס'איז בלויז אַ פלייש-וואונד, ניט געפערלעך.

נאָר איין צרה: ביל בלוטיקט — אַ שרעק! אַ שעה צייט האָב איך געאַרבעט אויף בילן, אָבער ניט געקאָנט פאַרהאַלטן זיין בלוט.

וואָס טוט מען? אָט ליגן מיר דאָ אין מיטן פעלד. ניט מער ווי האַלבער מייל פון אונדזערע פּאָזיציעס. אָבער אַרויסקריכן קאָן מען ניט. איבערלאָזן בילן אַליין און גיין נאָך הילף טאָר מען ניט. אים ווערט ערגער. ס'איז קוים געוועזן אַרום איינס נאָכמיטאָג. ביז ס'וועט פינצטער ווערן איז נאָך אַ סך שעה. ביל וועט עס ניט אויסהאַלטן. מען מוז אים גלייך העלפן.

בעת איך האָב זיך אַזוי געזאָרגט און געאַרבעט אַרום בילן, האָב איך גאָר פאַרגעסן אין מיין פעלד-טעלעפאָן. כ'האָב זיך געכאַפּט, אַז כ'בין ניט אָפּגעריסן פון מיין אָפּטייל. כ'האָב טעלעפאָנירט און איבער-געגעבן דעם שונאס פּאָזיציעס, און אויך וואו מיר געפינען זיך און וואָס ס'איז געשען מיט די אַנדערע חברים און מיט בילן. דער ענטפער איז געווען: בלייב וואו דו ביסט. מיר'ן דיך דערגרייכן.

* * *

ניט מער ווי אַ האַלבע שעה שפּעטער האָב איך, אַרויסקוקנדיק פון גרוב, דערזען אַזאַ בילד: צווישן די גרינע און ברוינע קוסטן גליטשט זיך אויפן בויך איינער פון אונדזערע. ער זיגזאַגט ווי אַ שלאַנג, אָבער רוקט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער צו אונדז.

ער איז געווען ניט מער ווי עטלעכע הונדערט יאַרד פון אונדז, אָבער די עטלעכע הונדערט יאַרד זיינען געווען די ערגסטע. דאָס פעלד איז געווען כמעט אינגאַנצן גלאַט, דער שונא — אויף דער וואַך, ער קאָן אים יעדע סעקונדע באַמערקן.

פלוצים — האָט זיך עס אָנגעהויבן. טאַ-טאַ-טאַ-טאַ-טאַ! — זיי האָבן אים באַמערקט. — טאַ-טאַ-טאַ-טאַ-טאַ! — האָבן די מאַשין-ביקסן געשטעפּט שנעל און געדיכט, שנעל און געדיכט.

ניין, קינדער, איר'ט עס מיר ניט גלויבן. ער האָט זיך גערוקט אין אַ האַגל פון קוילן, געדיכט ווי אַ רעגן, און איז געקראָכן אַלץ נעענטער און נעענטער. איך האָב אים שוין איצט גוט געזען: ער האָט זיך אויף קיין איין רגע אַפילו ניט פאַרהאַלטן, ניט געצווייפלט און ניט געפּרוווט באַהאַלטן זיך; אַלץ נעענטער און נעענטער צו אונדז.

ווי ער איז דערקראָכן אַ לעבעדיקער? פרעגט מיך ניט. ס'איז איינע פון די פּאַסירונגען, וואָס קומען פאָר יעדן טאָג אין אַ מלחמה. נאָר ווען מ'דערציילט זיי, איז שווער צו גלויבן. ער האָט זיך אַרײַנ-

געוואָרפֿן אין גרוב. עטלעכע מינוטן האָבן די יאַפּאַנישע מאַשין־ביקסן נאָך אַלץ געשאָסן און — אויפֿגעהערט, געווען זיכער אַז זיי האָבן אים אַוועקגעלייגט.

ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט געאַרבעט מיט שנעלע זיכערע פֿינגער, כמעט ניט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צו מיר. ער איז געווען ניט קיין הויכער און אַ דאַרער. פֿונוואַנען נעמט זיך צו אים אַזויפֿיל כוח, האָב איך גע־טראַכט. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ביל געשלאָפֿן אַ רואיקער און אַ באַנדאַזשירטער. זיין פּנים האָט צוריקגעקראָגן אַ ביסל קאָליר.

ערשט איצט האָט זיך אונדזער פֿריינט אויסגעגליכן. ער האָט סאַלוטירט:

— „פּרייוועט דזשעק סטוירן, אָף די מעדיקאַל קאָר, סער.״

מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל ביידע אָנגעקוקט.

— קאָפּל ?!

— יאַנקל ?!

„פּרייוועט דזשעק סטוירן״, קינדער, איז ניט מער און ניט ווינ־ציקער ווי יאַנקל סטוירן, מיין שול־חבר. איינער פֿון מיין מיטלשול־קלאַס פֿון 36׳. די לערער געדענקען אים גוט. מיר פֿלעגן אים רופֿן יאַנקעלע, טיילמאָל „דאָס יאַנקעלע״, ווייל ער איז אַלע מאָל געווען אַ קליינער, דער קלענסטער אין קלאַס.

* * *

ביל האָט אונדז שפּעטער דערציילט, אַז ווען ער האָט זיך אויפֿ־געכאַפּט, נאָך איידער ער האָט געעפֿנט די אויגן, און געהערט אַ פֿרעמדע שפּראַך אין גרוב, האָט ער זיך אויף אַ מינוט דערשראָקן, גע־מיינט — ווער ווייס — אפשר איז עס . . .

גיי דערצייל בילן, אַז דאָס האָבן צוויי מיטלשולניקעס אין אַ גרוב אין גוואַדאַלקאַנאַל, וואַרטנדיק ביז ס׳וועט פֿינצטער ווערן, אויסגע־פּרואווט איינער דעם אַנדערן וויפֿיל יידיש מען געדענקט נאָך...

עיקר (איקער) — הויפּט־זאַך, main thing

גבירטע (גווירטע) — רייכע פֿרוי

זיצט אויף שפּילקעס — זיצט אומ־געדולדיק; קען ניט זיצן רואיק

חלשט (כאַלעשט) — וויל זייער

אורלויב — furlough

הער אַ מעשה — צום סוף גאַר

איינגעמען — occupy

דערגיין — אויסגעפֿינען

אַ שיינע חתונה (כאַסענע) — אין אַ פֿאַרקערטן זין; מיינט: אַ פֿאַסקודנע געשיכטע

בעת (בעאיס) — אין דער צייט,

זיך געכאַפּט — זיך דערמאָנט

קוסטן — bushes

גלות ש. הירשענבערג

פליטלינג־ליד

• ל. מילער

פון די פלאַמען אין די כוואַליעס —
וועלף אונדז יאָגן אין געלויף:
עפנט פאַר אונדז אויף די טויערן —
עפנט, עפנט, עפנט אויף!

ווער קען מעסטן אונדזער אומגליק,
ווער קען מעסטן אונדזער פּיין?
וועט צו אונדזער גרויסן ווייטיק,
קיינמאָל גאָר קיין סוף ניט זיין?

שלעכט געווען איז אין מצרים,
אונטער פּרעהס שווערן יאָך.
אונדז איז ערגער, ערגער, ערגער —
טויזנט מאָל, אוי, ערגער נאָך!

פון די פלאַמען אין די כוואַליעס —
וועלף אונדז יאָגן אין געלויף:
עפנט פאַר אונדז אויף די טויערן —
עפנט, עפנט, עפנט אויף!

מצרים (מיצראַים) — עגיפּטן   פּרעה (פּאַרע) — Pharaoh

כבוד, געלע לאַטע

• ה. לייוויק

איך האָב געהאַלטן אין מיין האַנט
אַ שטיקל געל געוואַנט —
אַ צעדריבלטן, צעקנייטשטן ווי אַ שמאַטע,
און ס'האָט מיט קרימעניש און גרויל
זיך דורכגעריסן דורך מיין מויל:
אָט דאָס איז זי — די יידישע, די געלע לאַטע!

און ס'האָט פאַרביי מיין אויג געטאָן אַ בליץ:
פון צווישן יעדן קנייטש אַ בלויער שפּיץ —
זעקס בלויע קרומע שפּיצן פונעם מגן-דוד;
און ס'האָט צום האַלדז געטאָן אַ שלאָג,
אַזוי ווי אַ געשטורעץ פון בלוט אַ הייסער זאָג:
אָט דאָס איז ער — דער יידישער, דער בלויער כבוד.

און ווי איך האָב מיין אַנגסט געשטיקט אַזוי —
האָט איבער מיר געיאָגט זיך אַ געשריי
און ווי אַ שטורעמווינט אַ וואָרף געטאָן מיך נידער;
און נאָכדעם, דורך דער גאַנצער נאַכט ביז פרי,
געשפּירט האָב איך אויף מיינע הענט אַ ברי,
ווי כ'וואָלט זיך צוגערירט צו לייב, צו גלידער.

אַ כבוד, וואָס די שפּיצן זיינען קרום;
אַ כבוד, וואָס די קנייטשן כאַפּן אַרום
די אָרעמס און די פּלייצעס די האָרבאַטע!
אַ כבוד אָנגעזאַפּט ווי אַ שוואָם
מיט חורבן, קידוש-השם און מיט פּאָגראָם —
שפּרייט אויס דיין ליבשאַפט אויף דער געלער לאַטע.

געוואַנט — cloth
צעדריבלט — צעריסן
געשטורעץ פון בלוט — בלוט־שטורץ, hemorrhage
אַנגסט — שרעק, anguish

האָרבאַטע — קרומע, ווי אַ הויקער, hump-backed
קידוש השם (קידעש האַשעם) — מאַרטירער־טויט

קינדער שפּילן זיך לעבן חורבות

הערשעלע און רחלע

(דערציילט פון אַ רויטאַרמייער)

• י. פאַליקמאַן

דאָס שטעטל האָט אונדז אויפגענומען גוט. ווי מיר האָבן נאָר אָפּגעשטעלט די מאַשין לעבן אַ שטיינערן פּלויטל, הינטער אַ צעוואַקסענעם אַקאַציע־בוים, איז אַרום אונדז שוין אויסגעוואַקסן אַ כאָפּטע יאַטלעך—באָרוועסע, אָן היטלען; מיידעלעך מיט צעפּאַטלטע קעפּלעך—געלינקע, שוואַרצינקע, מיט פינקלענדיקע אייגעלעך. מיר האָבן נאָר אַ בעט געטאָן אַ טרונק, און עטלעכע פּאָר פלינקע פיסלעך האָבן באַלד אַוועקגעטראָגן זיך צו פאַרשיידענע טירן. אָט טראָגט שוין אַ יינגעלע אַ גרויסע מעשענע קוואָרט, אַז זיינע הענטלעך ציטערן אַזש. און אָט לויפט אַ מיידעלע מיט אַ קריגל...

צווישן דער כאָפּטע יינגלעך, וואָס האָבן אונדז אַרומגערינגלט, איז מיר באַזונדערס געפעלן געוואָרן אַ דאַר, עלף־יאָריק יאַטל מיט אַ האָרבאַטע נעזל, מיט גוטע, ברוינלעכע, האַרציק־אָפענע אויגן, מיט צעפּאַטלטע קאַשטאַנעווע האָר, וואָס וואַקסן אַזש אַריבער די אויערן און קריכן אין קאָלנער אַריין, — אַ יידיש יאַטל, וואָס אַזאַ בין איך אַמאָל מן־הסתם געווען. עפּעס האָט מיך גערירט אין זיין קוקן אויף מיר. איך האָב אים געפרעגט:

— מע קאָן זיך ביי דיר אַרומוואַשן, יאַטל?

— יאָ, יאָ! — ער האָט עטלעכע מאָל אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט זיך צעשיינט. ער האָט מיט גדלות און פרייד אַ קוק געטאָן אויף זיינע חברים און זיך געלאָזט לויפן פאָרויס צו זיין שטיבל.

הערשעלע, אָט דאָס דאָרע יינגל מיט די האַרציק־אָפענע אויגן, האָט געהאַלטן אין איין אונטערציען די הייזלעך און אונטער־געטאַנצט דערביי — פונקט ווי איך קליינערהייט. הערשעלע דער־ציילט מיר, אַז ער האָט שוין געזען אָט־דאָ אין שטעטל אַ גענעראַל, אַן אמתן רויטן גענעראַל מיט שטערנס אויף די לאַצן, און יענער האָט אים געגעבן אַ צוקערקע... אָט איז דאָס פּאַפּירל דערפון.

און ער האָט מיר באַוויזן אַ זילבערדיק אויסגעפּרעסט פּאַפּירל, אַזאַ ווי איך פלעג אַמאָל קלייבן. דערנאָך האָט ער מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— אפשר האָט איר אַ פושקעלע פון ציגאַרן?

איך בין שוין געזעסן ביי אים אין שטוב, ווען ער האָט דאָס מיך פלוצים אַ כאַפּ געטאָן, צי איך האָב ניט קיין ציגאַרן־פושקעלע. ניין, איך האָב ניט, איך רויכער ניט. כאָטש איך וואָלט איצט ווייס־איך־וואָס אָפּגעגעבן פאַר אַ ציגאַרן־פושקעלע.

— נאָך וואָס דאַרפסטו דאָס, הערשעלע?

— נאָך וואָס? גלאַט אַזוי. איך קלייב ציגאַרן־פושקעלעך... אָט טוט אַ קוק...

און ער פירט מיך אַרויס אין קעמערל און באַווייזט מיר דאָרט אונטערן קיך־טישל זיין גאַנץ פאַרמעגן — אַ היפשע קאָלעקציע ליידיקע ציגאַרן־פושקעלעך.

— איך האָב אָנגעהויבן קלייבן, און אַלע קינדער פון דער גאַס טוען שוין דאָס זעלביקע...

הערשעלע ווייסט, הייסט עס, אויך ניט — אַזוי ווי איך אַמאָל, פונקט אין אַזאַ אומרואיקער, פייערדיקער צייט — וואָס אַרום אים טוט זיך. ער ווייסט ניט און פילט מער ווי עלטערע, ווייל אַ קינדס אַ טרער איז שווערער פון אַן עלטערנס. ער געפינט זיך אין אַ ליכטיקן חלום. אַ שוואַרצער בייז־וואונדער איז פאַר אים אַ חלום... איך האָב גאָר אַמאָל געקליבן ליידיקע קוילן־גילזעס, אַ באַרג גילזעס. דערנאָך האָט מען דעם טאַטן שיער ניט געשאָסן פאַר זיי — נאָר איך האָב עס דען פאַרשטאַנען?... און הערשעלע פאַרנעמט זיך גאָר מיט אַן אומשולדיקער זאַך — מיט ציגאַרן־פושקעלעך. אַז די מאַמע זיינע איז גאַנצע טעג ניטאָ אין דער היים; זי אַרבעט, די מאַמע; און אין

שול איז וואַקאַציע. הערשעלע ווייסט ניט, צי מע וועט שוין לערנען אין שול — פאַרנעמט ער זיך מיט דעם דאָזיקן...

ער שמייכלט, הערשעלע, און איך בין אויך צופרידן. אַלץ זעט אויס אַזוי פּראָסט און אינגאַנצן ניט שרעקלעך. וואָס קאָן דען געשען מיט אַ קינד?

און איך געדענק איצט אַ סך זאַכן, און מער פון אַלץ — איין זאַך אַזאַ, וואָס איז מיר אויף שטענדיק פאַרבליבן אין האַרצן. איך שטיי פאַר הערשעלען אַ גרויסער, אָנגעטאָן אין כאַקי, מיט קאָמאַנדיר־צייכנס אויף די לאַצן, מיט אַ פּיסטאָלעט, און וואָלט וועלן, אַז אָט אַזאַ זאָל איך פאַרבלייבן אין זכרון ביי אים. אַ לויטערער זכרון דאַרף זיין ביי הערשעלען, אַ קלאָרער, ווי דער פרימאָרגן. איך גיי אין אַזאַ געפּאַר, אין העליש פייער גיי איך, רואיק, גרייט צו אַלץ; נאָר אין זכרון ביי הערשעלען וואָלט איך וועלן פאַרבלייבן, פּונקט ווי ביי מיר אין זכרון זיינען פאַרבליבן אַנדערע...

איך בין אַוועקגעפאָרן טאַקע דעם זעלבן אָוונט אויפן פראָנט, נאָר ס׳איז מיר אויסגעקומען צוריק דורכפאָרן פאַרביי דעם שטעטל. ס׳איז געווען אין עטלעכע טעג אַרום, און קיין זאַך האָט זיך דאָ ניט געענדערט. כ׳האָב אָפּגעשטעלט די מאַשין לעבן הערשעלעס שטיבל, לעבן שטיינערן פלויטל אונטער דער צעוואַקסענער אַקאַציע. נאָר פאַרוואונדערט האָט מיך אַ ביסל, וואָס די אַקאַציע איז עפּעס ווי אָפּ־געסמאַליעט, און די טיר, הערשעלעס טיר, איז פון די האַקנס אַראָפּ, דער דאַך איז צעלעכערט און קיין שויבן... קיין שויבן זיינען דאָרט, דוכט זיך, פריער אויך ניט געווען.

מיט אַ קאַלטן קלעם אין האַרצן בין איך צוגעגאַנגען צו דער שטוב. מע זעט ניט הערשעלען. וואו שפּילט זיך איצט דער חברהניק? אפשר ביי זיינע ציגאַרן־פּושקעלעך. נו, נו, דאָס האָב איך שוין ניט פאַרגעסן. איך פיר פאַר אים עטלעכע שיינע פּושקעלעך, און נאָך עפּעס — אמתע גילזעס פון אַ ביקס און פון אַ דייטשישן מאַוזער... אַ שאָקאָלאַד האָב איך פאַר אים, און אַ שיין פּאַסיקל.

אין פאָרהייזל איז שטיל. די ציגאַרן־פּושקעלעך ליגן אונטערן טישל, נאָר סע ליגט דאָרט אויך עפּעס אַ צעריסענער קאַלאָש. הער־שעלע זאָל דאָס דערלאָזן!

שטיל האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר אין צימער אַריין און שטיל האָבן פון אַ וויטן ווינקל זיך אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע, פאַרגליווערטע אויגן. כ׳האָב אַזש אַ ציטער געטאָן. כ׳האָב

גאָר מיטאַמאָל דאָס פּנים ניט דערזען, ניט דערזען דעם מענטשן, נאָר די אויגן, וואָס זיינען געווען פול מיט צאַרן און פּיין, ווי צוויי לויכטנ־דיקע פלעמלעך... כ׳בין פּאַרקילט געוואָרן לעבן שוועל. דאָרט אין ווינקל איז אויף אַ סאָפּקעלע געזעסן אַ פרוי פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, מיט אַ מאַט, אָפּגעצערט פּנים, מיט אָנמעכטיק אַראָפּ־געלאָזטע הענט אויף די קני. די ליפּן זיינען אָפן געווען, ווי אויף עפּעס צו זאָגן, צו שרייען, נאָר מע האָט קיין קלאַנג ניט געהערט, און דאָך האָט זיך געדוכט, אַז זי רעדט צו עמעצן, אָדער זי הערט זיך צו צו עמעצנס שטים.

— איר זייט די מוטער? — האָב איך שטיל געפרעגט. איך האָב שוין אַלץ פאַרשטאַנען, און קיין כח ניט געהאַט אַוועקצוגיין. עפּעס האָט מיך געצויגן זיין דאָ, איינזאַפּן אין זיך דעם דאָזיקן וויי.

כ׳האָב גענומען אַ קליין בענקעלע, וואָס איז געשטאַנען דערביי,

— אַ בענקעלע, אויף וועלכן די פרוי האָט אפשר פריער מיט אַ ווילע געהאַלטן די פיס; דאָס בענקעלע, אויף וועלכן הערשעלע איז געזעסן. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם.

כ׳האָב געוואָלט פרעגן, ווען איז דאָס פאָרגעקומען און ווי אַזוי,

— אין גאַס, אין שטוב, צי אין גאָרטן? כ׳האָב אויף די ווענט קיין סימנים פון שפּליטערס ניט געזען. נאָר איך האָב ניט געוואָלט צע־שטערן דער פרוים שווייגן, און כ׳האָב מורא געהאַט פאַר איר שטים. זי האָט מיך ניט געקענט און ניט געפרעגט, ווער איך בין. אַ שווערער גלייכגילט האָט זי באַהערשט, אָפּגעטעמפּט און אָפּגעטויט אין איר אַלץ. כ׳בין געזעסן, און אַלע שוידערן, וואָס כ׳האָב געזען אויפן פראָנט: פייער און שיסעריי, וואונדן און טויט — האָבן מיר אויסגעזען צו קליין קעגן דעם וויטיק און דעם שטומען פּיין פון דער דאָזיקער מוטער. כ׳האָב זי געוואָלט טרייסטן און אָנגעהויבן גאָר דערציילן וועגן זיך. כ׳האָב דערציילט, אַז אין יאָר 1919, ווען כ׳בין נאָך געווען אַזאַ קליינינקער, ווי הערשעלע, זיינען צו אונדזער שטוב צוגעפאָרן צוויי רויטאַרמייער אויף פערד. זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין שטוב און געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל זיי עפּעס געבן עסן. ער האָט זיי דער־לאַנגט סמעטענע, דערלאַנגט ברויט. דערנאָך האָט ער צוגעשטעלט אַ בענקעלע צו דער שאַפע און אַראָפּגענומען פון דאָרט אַ סלאָי וואַרעניע. די רויטאַרמייער האָבן באַטראַכט דעם סלאָי, גענומען אים אין די הענט, דערנאָך אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און געזאָגט:

— מירן דאָס ניט עסן. זאָל דאָס זיין פאַרן יאַטל...

זיי האָבן אָנגעוויזן אויף מיר, און האָבן מיר נאָך איבערגעלאָזט עטלעכע צוקערקעס...

— אָט יענע צוויי רויטאַרמייער האָב איך געדענקט אויף שטענדיק... איך בין דאָ געווען מיט אַ פּאָר טעג צוריק, — האָב איך ווייטער דערציילט דער פרוי, — איך האָב הערשעלען געזען... ער איז געווען פּונקט אַזאַ, ווי איך דעמאָלט. האָב איך אויך געוואָלט, ער זאָל מיך געדענקען, הערשעלע...

די פרוי האָט קוים אויסגעקערט צו מיר דעם קאָפּ, זי האָט געקוקט אויף מיר שטיל. פול מיט טרויער זיינען געווען אירע גרויסע אויגן — ניט קיין טרערן, נאָר טריפנדיקער טרויער. און איך ווייס ניט, צי זי האָט פאַרשטאַנען מיינע רייד, צי ס'זיינען צו איר פאַרגליווערטן האַרץ דערגאַנגען מיינע ווערטער, נאָר זי האָט געזאָגט שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— איך האָב נאָך אַ מיידעלע...

זי איז אויפגעשטאַנען. מיט אַ פיבערדיקער באַוועגונג פון דער האַנט, פּונקט אַזוי ווי הערשעלע, האָט זי מיך אָנגענומען פאַר אַן אָרבל און אַריינגעפירט אין אַ צווייט צימערל. אויף אַ בעט איז דאָרט געלעגן אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירט קעפּל, מיט רויטע, פון היץ צעפלאַמטע בעקלעך, מיט אַראָפּגעלאָזטע שוואַרצע וויִעס אויף גרויסע, מאַטע אויגן-לעפלעך...

— רחלע! — האָט די מאַמע זי אַ רוף געטאָן. — אוצר מיינער!

רחלע האָט געעפנט די אויגן. שוואַרצע, שוואַרצע, טיפע, ווי אַ ברונעם. אָט אַזאַ מיידעלע דאַרף טאַקע הייסן רחלע.

כ'האָב געקוקט אויפן קינד, אויף די דאַרע, ברוינע הענטלעך, וואָס זיינען אויסגעצויגן געווען אויף דער קאָלדרע. כ'האָב רחלען אָוועקגעלייגט די מתנות, וואָס איך האָב געבראַכט פאַר הערשעלען. דערנאָך האָב איך איר געזאָגט די ווערטער, וואָס איך האָב אפשר פאַר הערשעלען אָנגעגרייט, אָבער געזאָגט זיי אַנדערש, געזאָגט אַזוי, ווי מע דאַרף זיי זאָגן נאָר אַ רחלען:

— וועסט אויסוואַקסן, שוואַרצינקע, זאָלסטו געדענקען, און זאָלסט די קינדער דיינע אויך דערציילן...

זי האָט געקוקט אויף מיר מיט גוטע, שוואַרצע, האַרציקע אויגן. און אין מיר איז אַ גרויסער צאָרן אָנגעזאָטן אויף אַ געשריי טאָן, אַז די ערד זאָל נעמען ציטערן, אַז די וואַנט זאָל זיך צעפּאַלן, און אַלע זאָלן דאָס זען. רחלעס בלוט אויפן שטערן האָט געשריגן. כ'האָב

צונויפגעקריצט די ציין און מיט אַ פיבערדיקער האַנט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן פיסטאָלעט און פאַר די גראַנאַטעס, וואָס זיינען געהאַנגען אויף מיין פּאַסיק.

צעפּאַטלט — disheveled
קוואָרט — אַ טעפּל אָנצונעמען וואַסער
קאַשטאַנעווע — chestnut color
מן הסתם (מינאַסטאָם) — probably
גדלות (גאַדלעס) — שטאָלץ
ציגאַרן־פּושקעלע — cigarette case
גילזעס — shells
זכרון (זיקאָרן) — memory

אָפּגעסמאַליעט — אָפּגעברענט
פאַרגליווערט — פאַרשטיינערט, אומבאַוועגלעך
איינזאַפּן — to absorb
סימנים (סימאָנים) — צייכנס
שפּליטער — splinter
אָפּגעטעמפּט — numb
סלאָי — jar
אָנגעזאָטן — געקאָכט

דער ברידער־קבר

• איציק פעפער

ס'האָט נאָך ניט באַוויזן אַנטלויפן די נאַכט,
ווען ס'האָבן די דייטשן אין פעלד זיי געבראַכט.

דאָס דאָרף האָט געברענט און דער פּראָסט האָט געברענט,
דער האָס האָט געברענט אין ווייסרוסישע הענט.

דער ווינט האָט געפּאַכט מיט זיין שנייאיקער בייטש,
נאָר קעלטער פון פּראָסט איז דאָס פּנים פון דייטש:
— „וואָס שטייט איר? ווער האָט אייך די צינגער פאַרקלעמט?
— „וואָס שטומט איר? נו, גיכער די לאָפּעטעס נעמט

און גראָבט אויס אַ קבר — ס'זאָל טיף זיין און ברייט!..."
דער ווינט האָט די קנוילן נאָך בייזער געדרייט.

די פויערשע בליקן פאַרגייען אין שניי:
— „אַ קבר?"
„קבר."
„פאַר וועמען?"
„פאַר זיי."

דער דייטש טוט אַ ווייז מיט דער האַנט אויף צוריק:
אַ קופּקעלע יידן, געפּענטעט מיט שטריק —

זיי שטייען געבונדן אין ווינד און אין ווײ
מיט אויגן פאַרקילטע אין שטומען געשריי.

זיי שטייען ווי שעפּסן, זיי אָטעמען שווער,
מ'האָט נעכטן פאַרטריבן זיי אַלע אַהער.

זיי שטייען ווי זייערע אָבות אַמאָל,
וואָס זיינען געשטאַנען אַזוי ניט איין מאָל

ווען ס'האָבן זיי מצרים מיט פּיילן געשיט,
ווען מ'האָט פאַר זיי שייטערס געגרייט אין מאַדריד...

זיי שעלטן דעם גורל, וואָס האָט זיי פאַריאָגט
אַהער אין די שנייען צו שטאַרבן. עס טאָגט...

עס טאָגט און עס בלוט שוין דער הימלישער ראַנד,
זיי שטייען פאַריתומט — צו שפּאָט און צו שאַנד.

די פּראַסטיקע לופט גיט אַ קלונג מיטאַמאָל,
דער דייטש טוט אַ דונער — זיי קענען זיין קול...

און ס'גיבן ווייסרוסן אַ הייסן געשריי:
— „מיר וועלן ניט גראָבן קיין קבר פאַר זיי!"

די דייטשישע אויגן — אין פייער, אין פלאַם,
די דייטשישע ליפּן — אין פייער, אין סם...

די דייטשישע פינגער — אויף קאַלטן געווער,
עס דונערן גאַרגלען: „די יידן אַהער!"

— „איר יידן פאַרפלוכטע, די לאָפּעטעס! גיך!"
עס קוקן די יידן אויף זיי און אויף זיך.

— „וואָס שטומט איר? נו, פלינקער! די לאָפּעטעס נעמט!"
די לאָפּעטעס ליגן אין שנייען פאַרשעמט...

— „פאַרשאָלטענע הענדלער! הערט אוים און געדענקט:
ווער ס׳וויל ס׳זאָל אים ווערן דאָס לעבן געשענקט,

ווער ס׳וויל נאָך היינט שלאָפן ביי זיך אין דער שטוב,
זאָל לויפן דער ערשטער און גראָבן אַ גרוב!...״

עס שטומען די יידן, וויסרוסן — מע שטומט,
די רגע די לעצטע, די לעצטינקע קומט...

דער דייטש טוט אַ שמייכל, אַ קרומען: — „גענוג!
עך, יידישע הענדלער און האַנדלען ניט קלוג!...״

— „מיר האָבן געהאַנדלט מיט אַלץ אויף דער וועלט,
נאָר ניט מיט געווימן!״ — אַ הילך טוט דאָס פעלד,

און ס׳פאַלן קרבנות אין ציכטיקן שניי,
אַ דונער פאַרהילכט דעם לעצטן געשריי.

זיי האָבן אינאיינעם געלעבט און געבויט
און האָבן אינאיינעם באַגעגנט דעם טויט.

דער טויט האָט זיין מאַכט אין די קערפּערס געשפּרייט,
דער שניי האָט מיט קלאָרקייט די אויגן פאַרשנייט.

דער דענקמאָל, וואָס מ׳האָט זיי דערוויל ניט געבויט,
איז קלאָרער פון שניי און איז שטאַרקער פון טויט...

געפּאָכט — געקנאַלט, slashed
לאָפּעטעס — shovels
קנויל — coil
געפּענטעט — געבונדן
אָבות (אָוועס) — forefathers
מצרים (מיצרים) — עגיפּטער
שייטערס אין מאַדריד — פייערן, אויף וועלכע מ׳האָט פאַרברענט יידן אין שפּאַניע אין די צייטן פון דער אינקוויזיציע.

גורל (גוירל) — fate
פאַריתומט (פאַריאָסעמט) — ווי יתומים,
סם (סאַם) — poison
גאָרגלען — העלדזער
פאַרפלוכטע — פאַרשאָלטענע, cursed
געווימן — conscience
דענקמאָל — מאָנומענט

די געטאָ־וואַנט אין וואַרשע

אין די אַרעצאַ־בערג

• י. אַפּאַטאָשו

דאָס ווייטע האַרמאַטן־שיסעריי, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט, איז מיטן שפּראַץ אויף טאָג שטאַרקער געוואָרן. דאָס שיסעריי האָט זיך געקייקלט צווישן די אַרעצאַ־בערג, וואו דער וואַלד איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ס׳האָט זעלטן אַהער פאַרבלאָנדזשעט אַ מענטש.

אַהער, אין אַזאַ העק, איז פאַרקראָכן די משפחה שוואַלבע — אַ טאַטע, אַ מאַמע און צוויי יינגלעך. דער עלטערער, משה, דרייצן יאָר אַלט; דער יינגערער, פּייוול, עלף יאָר.

שוין איבער פיר יאָר ווי די משפחה שוואַלבע איז נע־ונד. מען איז געלאָפן אין איין העמד פון קראָקע קיין פאַריז, פון פאַריז צו דער איטאַליענישער גרענעץ, וואו שוואַלבע מיט די צוויי יינגלעך האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ מאָנאַכן־קלויסטער, און זיין ווייב — אין אַ קלויסטער צווישן נאָנעס. און אַז מען האָט זיך מער ניט געקאָנט

אויסבאַהאַלטן אין די קלויסטערס — די דייטשן האָבן דערשאָסן יעדן ייִד וואָס זיי האָבן געכאַפּט, דערשאָסן מאַנאַכן און נאָנעס, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן ייִדן — האָט די משפּחה שוואַלבע געשוואַרצט די איטאַליענישע גרענעץ. פּונקט דעמאָלט האָבן די אַמעריקאַנער און ענגלענדער פּאַרנומען נעאַפּאָל.

בייטאָג האָט די שוואַלבע־משפּחה זיך אויסבאַהאַלטן, מען איז געלעגן אין היילן, אין וועלדער. ביינאַכט האָט מען זיך געשלעפּט איבער פעלדער און דערפער. שטעט און שטעטלעך האָבן זיי אויסגעמיטן. דערנערט האָט מען זיך דערמיט, וואָס פּויערים און פּויערטעס האָבן צוגעוואָרפן — דאָ אַ קאַרטאָפל, דאָ אַ שטיקל ברויט, דאָ אַ ביסל מילך. אַזוי זיינען פאַרביי טעג, וואָכן, חדשים, ביז די משפּחה שוואַלבע האָט זיך דערשלעפּט אין די אָרעצאָ־בערג, פון וואַנען זיי האָבן זיך ניט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן. אַרום, אויף מיילן — קיין דערפל, קיין שטיבל. וועלדער, בערג און אָפּריסן. און צווישן די באַוועלדערטע בערג — שמאָלע, ניט־אויסגעטראָטענע סטעזשקעס, וואָס שלענגלען זיך, וויקלען זיך און פירן צום פּלאַץ פון וואַנען מען איז אַרויס.

פון נישט־דערעסן, פון נישט־דערשלאָפן, פון דער שטענדיקער שרעק פאַרן דייטש, האָט די משפּחה שוואַלבע אָנגעוואָרן דאָס מענטשלעכע אויסזען. די הויט — צעראַצט און צעבלוטיקט, די באָרוועסע פיס — צעכמאַליעט. און פון דעם וואָס איז אַמאָל געווען קליידער — געוואַלד־ריסן, וואָס האָבן מער נישט צוגעדעקט דעם גוף. בלויז די אויגן — שוואַרצע אויגן — האָבן קרענקלעך געפינקלט און געפיבערט. און דערנערט האָבן זיי זיך אין די אָרעצאָ־בערג מיט יאַגעדעס און שוואָמען. און אַז די נעכט זיינען צוגעפאַלן איבער די בערג, ווינטן האָבן זיך געטראָגן מיט אַ פייפעריי, ווי שדים וואָלטן זיך אָפּגעריסן אין די היילן, האָט די שוואַלבע־משפּחה זיך נישט געפילט שוואַך און אומבאַהאָלפן. פאַרקערט, אין די נעכט זיינען זיי געוואָרן אויפגעהייטערט, מער נישט מורא געהאַט פאַר חיה־מענטש, וואָס שלאָפט. אין די נעכט האָבן זיי זיך געלאָזט מיט די וועגלעך און אונטערוועגלעך, געוואָלט אַרויס פון די בערג, און ווי דורך אַ כישוף זיינען זיי אין די פרימאָרגנס אָנגעקומען אויפן זעלבן פּלאַץ, פון וואַנען זיי זיינען אַרויס.

אַזוי שוין די דריטע נאַכט.

די ערשטע צוויי נעכט האָט די שוואַלבע־משפּחה אויפגענומען דאָס בלאָנדזשען מיט אַ שמייכל. די דריטע נאַכט האָבן זיי זיך איבער־

געקוקט מיט אַ מינע, ווי דער נישט-גוטער וואָלט זיי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. און אַז די מוטער האָט צעטיילט ס'אָנגעקליבענע ביסל יאַגעדעס אויף פיר פּאַרציעס, האָט זי אַ זאָג געטאָן צום מאַן:

— הערסט, דוד, איך האָב מורא, אַז מיר וועלן פון דאַנען שוין נישט אַרויס.

— מיר וועלן, מיר וועלן! הערסט שיסן, רחל? דאָס טרייבן אַמעריקאַנער און ענגלענדער דעם דייטש. זיי האָבן אים פאַרטריבן פון רוים, וועלן זיי אים אויך פאַרטרייבן פון פלאָרענץ.

— אָפּטימיסט מיינער! — האָט זי אָנגעוויזן אויף די צוויי ליידיקע בלעכענע קעסעלעך. — מ'דאַרף אַ זוך טאָן אַ ביסל וואַסער.

— איך וועל גיין מיט פּייוולען — האָט משה זיך אָנגערופן.

— נאָר זעט, פאַרקריכט נישט — איז אין דער מוטערס רייד געווען פּיין און יסורים. — און אַז איר וועט באַגעגענען אַ פּאַסטוך, בעט ביי אים אַ שטיקל ברויט.

— לאָמיר נאָר באַגעגענען, מאַמע.

דאָס לאַנגע אומשלעפּן זיך איבער דער וועלט, די שטענדיקע שרעק אומצוקומען, דאָס נישט דערעסן, דאָס נישט דערשלאָפן, און דאָס שטענדיקע אַרויסדרייען זיך פון יעדער געפאַר האָט אַזוי איבער-געאַנדערשט די שוואַלבע-משפחה, אַז דער פאָטער מיט די צוויי יינגלעך האָבן מער נישט געוואוסט וואָס הייסט מורא.

די יינגלעך האָבן גענומען די צוויי בלעכענע קעסעלעך און זיך געלאָזט באַרג-אַראָפּ, זיך געלאָזט מיטן וואַלד, וואָס איז געווען אַזוי פאַרצווייגט, אַז מען האָט געמוזט קריכן אויף אַלע פיר.

דאָס האַרמאַטן-שיסעריי, וואָס האָט זיך געהויבן פון טאָל, האָט כמעט ווי אויפגעהערט. בלויז פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערטראָגן אַ שאָס, ווי אַ ווייטער דונער.

די ברידער זיינען געבליבן שטיין. ס'האָט זיך דערהערט אַ רויש, ווי שנירלעך וואַסער וואָלטן ערגעץ געפאַלן פון אַ באַרג, וואָלטן גערונען צווישן פלאַנצן.

— הערסט, משה? — האָט דער עלף-יאָריקער פּייוול אָנגעשטעלט אַן אויער און זיך אַ בויג געטאָן צום ברודער. — וואַסער!

— יאָ, וואַסער — האָט דער עלטערער זיך פאַרנומען רעכטס. — מען דאַרף זיך לאָזן מיטן גערויש. און דאָרט וואו ס'איז דאָ וואַסער, דאָרט קען מען אַמאָל באַגעגענען אַ פּאַסטוך.

דאָס וואַסער-גערויש האָט געפירט אין טאָל אַריין. די ברידער

זיינען געגאַנגען באַרג־אַראָפּ און געשוויגן. זיי האָבן געמאַכט סימנים, מען זאָל צוריקוועגס נישט בלאָנדזשען, און אַז זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ מייל, האָט דער יינגערער אַ זאָג געטאָן:

— משה, דיך הונגערט?

משה האָט נישט געענטפערט.

— ס'האַרץ נאָגט מיר נאָך פון נעכטן אָן — האָט פּייוול צו־געלייגט ס'קעסעלע צום בויך און געמאַכט בשעת־מעשה אַ מינע, ווי ער וואָלט דאָרטן געהאַט אַ הונגער־גרימעניש. — וואָלט איך געגעסן אַ שטיקל ברויט!... ברויט און וואַסער...

— איך אויך.

די ברידער האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

פון צווישן די צווייגן האָבן זיך געהערט פאַרשטיקטע קולות. די יינגלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד:

— זאָל עס זיין דייטשן?

— ווער ווייס?

אַ צווייג האָט זיך אַ בויג געטאָן, דורכגעלאָזט אַ שטיק ליכט, אָפּגעדעקט איין לאַסט־אויטאָמאָביל, אַ צווייטן, אַ דריטן. די לאַסט־אויטאָמאָבילן — מיליטערישע.

פּייוול האָט איינגערוימט משהן:

— ס'איז דייטשן! לאָמיר אָפּציען.

— ס'איז ניט קיין דייטשן — האָט משה אָפּגעבויגן די צווייג און געקוקט אויף די לאַסט־אויטאָמאָבילן. — כ'זע נישט קיין סוואַסטיקעס.

— ווער דען איז עס?

— כ'ווייס נישט.

די לאַסט־אויטאָמאָבילן זיינען געווען צעשטעלט איבערן טאָל. דאָ — אַ זעלנער, דאָרט — אַ זעלנער.

— אויף די אויטאָמאָבילן זע איך גאָר מגן־דודס! — האָט פּייוול אַ פאַרוואונדערטער אַ זאָג געטאָן. — אָט קוק!

— מגן־דודס? — האָט דער עלטערער זיך אַ צי געטאָן אויף אַלע פיר און זיך איינגעקוקט אין דער בלויקייט. — יאָ, טאַקע מגן־דודס. זאָל עס זיין יידן? — און ער האָט זיך אַליין צעלאַכט. — אפשר ארץ־ישראל יידן?

— אפשר?...

משה און פּייוול האָבן גענומען בויגן צווייגן, זיך געטראָגן אין טאָל אַריין. ביידע האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זיינען הונגעריק, אַז זיי

קענען אַריינפּאַלן אין דייטשישע הענט. די מידקייט איז זיי אויס־געגרונען. די יינגלעך האָבן געבויגן די צווייגן, זיינען געזונקען אין בלעטער און האָבן נישט געפילט ווי די בושעס שטעכן ס׳לייב.

די ביימער, די בושעס זיינען געוואָרן שיטערער. פון אַ לאַסט־אויטאָמאָביל איז אַרויסגעשפּרונגען אַ זעלנער. ער האָט געזען ווי די אָפּגעריסענע יינגלעך זיינען פון שרעק געבליבן שטיין, האָבן זיך גענומען רוקן אויף צוריק, האָט ער אַ זאָג געטאָן אין איטאַליעניש:

— האָט נישט מורא, יינגלעך. קומט אַהער, וועט איר קריגן שאָקאָלאַד!

די יינגלעך האָבן נישט גענוי געכאַפּט, וואָס דער זעלנער זאָגט. זיי האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן, אַז ער מיינט ניט קיין שלעכטס. און אַז זיי זיינען צוגעגאַנגען און גענומען די שטיקלעך שאָקאָלאַד, האָט דער 11־יאָריקער פּיוול געוויזן אויפן מגן־דוד און אַ נישט־דרייסטער זיך געפרעגט:

— יהודי?

— יהודי, יהודי, — האָט דער זעלנער אַרומגעכאַפּט ס׳יינגל און געפרעגט אויף העברייאיש: — און ווער זייט איר? יידן? איטאַ־ליענישע יידן?

— יידן — האָט משה געענטפערט אין יידיש — פּוילישע יידן.

— פּוילישע? — איז דער זעלנער איבערגעגאַנגען אין יידיש. — כ׳בין אויך אַ פּוילישער ייד! און וויפיל פּוילישע יידן זייט איר דאָ, אין די אַרעצאָ־בערג?

— בלויז איין משפחה — האָט משה געוויזן אויפן ברודער — אַ טאַטע, אַ מאַמע און מיר ביידע... מיר זיינען קראָקער... מיר זיינען שוין אַזוי נע־ונד איבער פיר יאָר... און דאָ, אין די אַרעצאָ־בערג, לעבן מיר ווי געיאָגטע חיות, באַהאַלטן זיך אויס אי פון די נאַצים, אי פון די פאַשיסטן . . .

— מיר האָבן צעשלאָגן די נאַצים, צעשלאָגן די פאַשיסטן — האָט דער זעלנער געטרייסט די יינגלעך און גענומען רופן: — דוד! בערל! שמחה! מיר האָבן דאָ פּוילישע יידן!

פון אַלע זייטן זיינען אָנגעלאָפן זעלנער. דאָס זיינען געווען ארץ־ישראל יידן, וואָס האָבן געדינט אין אַ יידישן טראַנספּאָרט־באַטאַליאָן. מען האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט די אויסגעהונגערטע, האַלב־נאַקעטע יינגלעך, ווי מיט אייגענע. אַנדערע האָבן זיך געקושט מיט די יינגלעך. און איידער וואָס־ווען, זיינען די יינגלעך געזעסן אין אַן אויטאָמאָביל,

אַרום זיי זעלנער. אַרום די זעלנער — טאָרבעס מיט עסנוואַרג: פּרעזערוון, ברויט, שאָקאָלאַד, סיגאַרעטס, איטאַליענישע ווײַנען.

און אַז דער מיליטערישער אויטאָמאָביל האָט זיך גענומען הויבן באַרג־אַרויף, אַ באַרג איבער אַ באַרג, האָבן די אָרעצאָ־בערג ס׳ערשטע מאָל דערהערט העברייאישע און יידישע לידער.

דער דרייצן־יאָריקער משה האָט געשוויגן. די אויגן אָבער האָבן בײַ אים געלויכטן, דערציילט אַז אין אים זינגט אַלץ. דערפאַר האָט דער עלף־יאָריקער פּייוול נישט בלויז מיטגעזונגען, נאָר אויך געהערט דעם ווידערהילך פון יעדן בוים, פון יעדן צווייג, וואָס זאָגט אָן טאַטע־מאַמע, אַז דער שונא איז צעשלאָגן, אַז לייבלעכע ברידער קומען אָן מיט ברויט, מיט ווײַן, מיט ליבע.

שפּראָץ אויף טאָג — פאַרטאָג,

העק — פאַרוואָרפן אָרט,

נע־ונד (נאַ ווענאַד) — פאַרטריבן, פאַריאָגט, היימלאָז

אין איין העמד — נאַקעט און באָרוועס

געשוואַרצט (די גרענעץ) — זיך געגנבעט; געלאָפן אין געהיים

צעראַצט — צעריסן

נישט־גוטער — אַ שד, אַ טײַוול

יסורים (יעסורים) — לײַדן, ווייטיק

נאָגט — ציט, gnaws

בשעת מעשה (בעשאַס מייסע) — אין דער זעלבער צײַט

גרימעניש — בויך־ווייטיק

זיך אָנגעשטויסן — פאַרשטאַנען, געטראָפן

יהודי (יעהודי) — אין העברייאיש: ייד



איך גלויב

• שאול טשערניכאָווסקי

קענסט זיך לאַכן פון די טרוימען
וואָס איך טראָג נאָך אַלץ פאַר מיר:
אַז איך גלויב נאָך אין דעם מענטשן,
אַז איך גלויב נאָך אַלץ אין דיר.

אַז איך שטרעב נאָך אַלץ נאָך פרייהייט,
כ׳האָב פאַר גאָלד זיך ניט געפּלייסט;
אַז איך גלויב נאָך אין דעם מענטשן
און אין מענטשנס הויכן גייסט,

וואָס ער רייסט אַראָפּ די קייטן
און דערהויבט אים פון דער נויט.
ווער עס אַרבעט וועט ניט שמאַכטן,
נישט נאָך פרייהייט, נישט נאָך ברויט.

און איך גלויב, אַז מעג ווי פול זיין
אונדזער צייט מיט האַס און פּיין,
ליבשאַפט בינדן וועט די פעלקער,
און ס׳וועט מער קיין קריג ניט זיין.

אויך מיין פאָלק וועט דעמאָלט אויפשטיין
אויף זיין ערד אין פרייען גליק,
אָן דעם יאָך אויף זיינע פּלייצעס,
אָן דעם חושך פאַרן בליק.

און אַ דיכטער וועט באַזינגען
וואָס איז שיין און שטאַרק און גאַנץ;
פון מיין קבר וועט מען נעמען
פאַר אים בלומען אויף אַ קראַנץ.

שמאַכטן — languish, suffer
געפּלייסט — געיאָגט זיך, to strive

חושך — פינצטערניש
דיכטער — פּאָעט

אַמאָל איז געווען

דער סופר — י. איזראַעלס

יוכבד

• י. ל. פּרץ

איך שטיי ביי דיין וויגל,
איך שטיי און איך קלער...
אויף דיין בלאַס פּנים
טריפט מיין טרער.

מיין ביטערע טרער...
קינד מיינס, דו נויגסט
צו מיר דיין קעפּל;
דו חלומסט — דו זויגסט...

וואָס שלאָפט דאָרט אין דיין מוחעלע?
ווייסט, ווער דו ביסט?
ביי דער אַרבעט שטייען מיר...
דרייסט אַוועק פון ברוסט

דיין קעפּל צו דיין טאַטן דאָרט,
וואָס שטייט אונטער דער רוט
נאַקעט, פון דער זון פאַרברענט,
באַפלעקט פון אייגן בלוט...

איך זויג דיך, מיין קינד,
זויג דיך טעג און נעכט...
צי זויג איך אויס אַ פרייען מענטש,
צי זויג איך אויס אַ קנעכט?

וועל איך צו די טויזנטער
נאָך אַ קנעכט דערציען?
וועסט פאַר פרעהס געטער נאָך
און פאַר פרעהן קניען?

אונדז וועט טרעטן פרעהס פוס,
לעקן — דו זיין שטויב?
ניין, זאָל בעסער זיין דיין לייב
ווילדע פייגלס רויב!

און אפשר דריקט די קנעכטשאַפט שוין
די שמאַך אין דיינע אויערן;
קייטן קלינגען הערסטו שוין —
ביסט אין זיי געבוירן!

אפשר פילסט דו דאָס געיאָמער,
וואָס פאַרפילט די לופט...
און באַהאַלטסט ביי דיר אין הערצל
אַלע טראָפּן גיפט...

און דו פילסט שוין! . . . מיינע לידער
האַלטן זיך באַנאַנד
מיטן סוויסטשען פון די בייטשן
און דעם מצרים האַנט...

און עס מישט זיך אַלץ צוזאַמען,
 אַלצדינג אין דיין מוח...
און דו וועסט אַ העלד אויסוואַקסן,
 דו וועסט קריגן כוח...

און דו וועסט דעם יאָך צעברעכן...
 און באַפרייען ברידער.

סם איז, קינד מיינס, אין מיין מילך,
 סם אין מיינע לידער.

יוכבד (יויכעוועד) — די מוטער פון משהן, דעם באַפרייער

מוהעלע (מויכעלע) — קעפעלע; brains

פּרעה (פּאַרע) — Pharaoh

קנעכטשאַפט — slavery

שמאָך — ווייטיק; ליידן

סוויסטשען — פייפן

מצרי (מיצרי) — עגיפטער

יאָך — פאַרשקלאַפונג; yoke

דער פינפער טורעם

• לויט אַנסקי

אין דער שטאָט פּראָג, אַנטקעגן דער שול, איז געשטאַנען אַ גרויסער טורעם, זייער אַן אַלטער און אַ פאַרלאָזענער. דער טורעם האָט געהאַט פינף ווענט, וואָס זיינען אַרויס אויף פינף גאַסן; פאַר די ווענט זיינען געשטאַנען פינף הויכע זיילן פון געשליפענעם שטיין; צווישן די זיילן — צו פינף גרויסע פענצטער, און אויפן דאַך — פינף הויכע טורעמס מיט מענטשלעכע פיגורן.

גערופן האָט מען אים דער פינפער-טורעם.

* * *

ניט ווייט פון פינפער-טורעם איז געשטאַנען אַ קלויסטער מיט אַ הויכן שפּיציקן קופּאָל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ צלם. דער קופּאָל איז געווען אָפּגעפאַרבט מיט אַ ליכטיק גרינער פאַרב.

גערופן האָט מען אים דער גרינער קלויסטער.

אין דעם קלויסטער האָבן געוואוינט דער גלח טאַדעאוש און די דינער פון קלויסטער.

טאַדעאוש איז געווען זייער אַ שלעכטער מענטש און די יידן

האָט ער זייער פיינט געהאַט, און אַלעמאָל האָט ער געטראַכט ווי אַזוי זיי שלעכטס צו טאָן און צו פאַרטרייבן זיי פון שטאָט.

איינמאָל, צוויי וואָכן פאַר פסח, האָט דער גלח טאַדעאוש פאַרנאַרט צו זיך אַהיים אַ יינגל פון איינעם פון די דינער. ער האָט אים אַרונטער־געפירט אין קעלער און דאָרטן האָט ער אים געשאָכטן און דאָס בלוט אויפגעזאַמלט אין אַן עמער.

ער האָט דאָס בלוט דערנאָך צעגאָסן אין קליינע גלעזלעך און אָנגעקלעפּט אויף זיי פּאַפּירלעך, אויף די פּאַפּירלעך האָט ער אָנ־געשריבן אין יידיש די נעמען פון די אָנגעזעענסטע יידן אין שטאָט, און אויך די נעמען פון מהרי״ל, זיינע זין און איידעמס.

דערנאָך האָט ער אַריבערגעטראָגן די גלעזלעך און דעם טויטן יינגל פון זיין קעלער אין קעלער פון פינפער־טורעם און האָט זיי באַהאַלטן אין צוויי אַלטע קאַסטנס, וואָס זיינען דאָרטן געשטאַנען.

ווען די עלטערן פון דעם דערהרגעטן יינגל האָבן זיך געכאַפּט, אַז דאָס קינד איז ניטאָ און זיי האָבן עס ניט געקענט געפינען, האָט דער גלח טאַדעאוש זיי געגומען איינרעדן, אַז דאָס קינד איז געשטאָכן געוואָרן פון יידן, ווייל יידן באַקן זייערע מצות מיט בלוט פון קריסטלעכע קינדער.

ער האָט זיי געעצהט, אַז זיי זאָלן גיין צום הויפּטמאַן פון די שטאָט־היטער און בעטן אים, אַז ער זאָל דורכזוכן אַלע יידישע הייזער. און די מוטער פון קינד האָט ער אָנגערעדט, אַז זי זאָל זאָגן דעם הויפּטמאַן, אַז זי האָט אַליין געזען, ווי אַ ייד האָט עפּעס געטראָגן איבערן פעלד, אין אַ זאַק, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז אין זאַק רירט זיך אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

די מוטער איז אַוועק צום הויפּטמאַן און אים דערציילט אַלץ, וואָס דער גלח האָט מיט איר איינגעלערנט.

* * *

אַ טאָג פאַר פסח, אין אָוונט, טרעפט אַזאַ מעשה: דער מהרי״ל האָט געהאַלטן אין אויסרייניקן דעם חמץ, ווי ס׳איז דער מנהג ביי יידן. ער האָט געהאַלטן אַ פלעדערוויש און אַ הילצערנעם לעפל. מיטן פלעדערוויש האָט ער אַריינגעשאַרט אין לעפל אַריין די ברעקלעך ברויט, וואָס ער האָט געפונען אויף די טישן און ווינקלען פון הויז. זיין דינער אברהם־חיים האָט אים צוגעלויכטן מיט אַ ליכט. מיט־אַמאָל האָט זיך דאָס ליכט אויסגעלאָשן. דער מהרי״ל האָט אים געגעבן אַ וואונק ער זאָל עס אָנצינדן, אָבער ס׳האָט זיך ווידער אויס־

געלאַשן. עטלעכע מאָל אַזוי. דער דינער צינדט עס אָן און ס׳לעשט זיך באַלד אויס.

דער דינער האָט זיך דערשראָקן — עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. דער מהרי״ל האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ טראַכט געטאָן און הויך אויסגעשריען:

— איך זע, אַז עס גרייט זיך אַ צרה, אַז שונאים ווילן אויסלעשן דאָס ליכט פון די יידן! און קלאָר איז מיר דער חלום, וואָס איך האָב געזען דעם שבת.

און דער מהרי״ל האָט דערציילט, אַז ער האָט געזען אין חלום, ווי פון דעם פינפער-טורעם שלאָגט אַרויס אַ גרויס פייער. און אַ גרויסער פלאַם-פייער האָט זיך אָפּגעריסן פון טורעם און זיך אַ וואָרף געטאָן אין די פענצטער פון דער גרויסער שול, בשעת זי איז געווען פול מיט יידן. האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, אָנגעהויבן שרייען מיט אַלע כוחות — און זיך אויפגעכאַפּט אין גרויס שרעק.

און דער מהרי״ל האָט פאַרענדיקט:

— איצט פאַרשטיי איך, אַז אין פינפער-טורעם איז אָנגעגרייט אַ גרויסער בלבול און אַ גרויסע סכנה פאַר די יידן פון דער שטאָט פּראָג — און דער חלום און דאָס אויסגעלאָשענע ליכט איז אַן אָנזאָג, אַז מען דאַרף ראַטעווען די יידן פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס איז אָנגעגרייט אין פינפער-טורעם.

און דער מהרי״ל האָט זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן דעם פינפער-טורעם און האָט אויסגעפונען, אַז די פאַרבאָרגענע הייל, וואָס געפינט זיך אונטערן טורעם, פירט אין „גרינעם קלויסטער״, וואו עס וואוינט דער גלח טאַדעאוש. איז אים באַלד איינגעפאַלן אַ חשד, אַז דאָס האָט מסתמא דער שלעכטער טאַדעאוש צוגעגרייט אין דער הייל אַ בלבול אויף יידן.

* * *

נאָך האַלבער נאַכט האָט דער מהרי״ל געלאָזט רופן זיינע צוויי דינער אברהם-חיים און יאָסעלע גולם. ער האָט געהייסן מיטנעמען דריי דיקע פאַקלען, גענומען זיין שטעקן און זיך געלאָזט צו דער הייל. שטיל און פאַרזיכטיק זיינען זיי געגאַנגען, כדי קיינער זאָל זיי ניט באַמערקן.

אַז זיי זיינען צוגעקומען צום קעלער, האָבן זיי אָנגעצונדן אַלע דריי פאַקלען. נאָר ווי זיי האָבן נאָר געעפנט די טיר, האָט זיך אויפגעהויבן אַ וויכער, דער קעלער איז פול געוואָרן מיט שטויב און די

פּאַקלען האָבן זיך גענומען לעשן. און אַ בילעריי פון אַ סך הינט האָט זיך געלאָזט הערן. איז אָנגעפאַלן אויף זיי אַ שרעק. רופט זיך אָן דער מהר״ל:

— האָט ניט קיין מורא, נאָר בלייבט שטיין אויף אייערע ערטער!

אַז זיי זיינען געבליבן שטיין, איז דער ווינט שטיל געוואָרן און דער שטויב האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן דיל, און די הינט האָבן אויפגעהערט בילן.

אָבער אַז דער מהר״ל און די דינער האָבן גענומען גיין איבערן קעלער, האָבן שטיינער גענומען פאַלן אויף זייערע קעפּ. האָט דער מהר״ל געזאָגט צו יאָסעלע גולם:

— גיי דו אַליין. דיר וועט גאָרניט שאַטן. גיי זוך אין אַלע ווינקעלעך, און אויב דו וועסט עפּעס געפינען, ברענג עס צו מיר.

דער מהר״ל און דער דינער זיינען אָפּגעטראָטן צוריק צו דער טיר און דער גולם איז אַליין אַוועק איבער דער הייל מיט אַ ברענענ-דיקן פאַקל אין דער האַנט. באַלד האָט ער געפונען דעם קאַסטן וואו דאָס טויטע קינד איז געלעגן איינגעוויקלט אין אַ טלית, און נאָך אַ קאַסטן, אין וועלכן עס זיינען געווען אַ דרייסיק גלעזלעך מיט בלוט, מיט די יידישע צעטלעך אויף זיי.

אַז יאָסעלע גולם האָט דאָס אַלץ געבראַכט, האָט דער מהר״ל אים געהייסן נעמען דאָס טויטע קינד און אַריבערטראָגן איבער דער הייל אין דעם גלחס קעלער אַריין און דאָס דאָרטן באַהאַלטן צווישן די פּעסער וויין.

און דער גולם האָט אַזוי געטאָן.

דערנאָך האָט דער מהר״ל געהייסן אויסגראָבן אַ גרוב אין קעלער, צעבראָכן אַלע גלעזלעך און זיי באַגראָבן אין גרוב, אַז עס זאָל קיין סימן ניט בלייבן.

* * *

אין דער פרי, דעם ערשטן טאָג פּסח, האָט זיך אין יידישן קוואַרטאַל פּלוצים באַוויזן דער הויפּטמאַן פון שטאָט מיט אַ סך וואַכ-לייט און זעלנער. אַ שרעק איז באַפאַלן די יידן. דער גלח טאַדעאוש איז אויך געווען מיט זיי. די זעלנער און וואַכלייט האָבן תיכּף גענומען דורכזוכן די יידישע הייזער. פריער האָבן זיי געזוכט אין דער גרויסער שול, דערנאָך ביים מהר״ל און אין די הייזער פון די אָנגעזעענסטע מענטשן פון שטאָט.

דער דינער האָט גענומען נאָכזוכן און געפונען זיין טויט קינד.

ער איז גלייך אַוועק צום הויפּטמאַן און אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

— דאָס האָט טאַדעאוש דערהרגעט מיין קינד, כדי אונטערצו־וואַרפן אים די יידן, — האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן.

פון אָנפאַנג האָט טאַדעאוש געלייקנט, ווען ער האָט אָבער געזען, אַז אַלץ איז אַרויסגעשוואומען ווי בוימל אויפן וואַסער, האָט ער זיך מודה געווען.

מען האָט אים געמשפט און באַשטראָפט.

ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם פינפער־טורעם, רופט זיך אָן דער גלח צום הויפּטמאַן:

— מען דאַרף אַ זוך טאָן אויך דאָ, ווייל די יידן טוען אָפּ אַזעלכע מעשים אין חורבות.

האָט מען גענומען זוכן אין טורעם און אין קעלער, אָבער מען האָט גאָרנישט געפונען.

* * *

אַז עס איז אָנגעקומען דער קריסטלעכער פּסח, האָט דער גלח טאַדעאוש געשיקט זיין דינער, דעם פאָטער פון דערהרגעטן קינד, ער זאָל אַראָפּגיין אין קעלער, זען צי וועט ניט אויספעלן קיין וויין אויף יום־טוב.

ווען דער דינער איז אַראָפּ אין קעלער, איז אים נאָכגעלאָפן זיין הינטל. דאָס הינטל האָט גענומען אַרומלויפן איבערן קעלער און נישטערן אין יעדן ווינקעלע. מיטאַמאָל האָט דאָס הינטל גענומען בילן און שפּרינגען אויף איין אָרט.

זיילן — pillars

קופּאָל — dome

מהר״ל (מאַהאַראַל) — איניציאַלן פון באַרימטן פּראַגער רב, ר׳ יהודה ליווא, אין 16־טן יאָר־הונדערט. לויט דער לעגענדע האָט דער מהר״ל באַשאַפן פון ליים אַ „גולם״ צו פאַרטיידיקן די יידן פון זייערע שונאים.

מנהג (מינעג) — custom

פלעדערוויש — feather-duster

בלבול (בילבול) — frame-up

סכנה (סאַקאָנע) — געפאַר

חשד (כשאַד) — suspicion

מסתמא (מיסטאָמע) — probably

תיכף (טייקעף) — גלייך; immediately

מעשים (מייסים) — טאַטן; actions, deeds

חורבות (כורוועס) — רואינעס

טענהן (טײנען) — רעדן, דערציילן

מודה (מוידע) געווען — confessed

משה

• אברהם רייזען

איך אַרבעט פון פרי,
איך אַרבעט ביז שפּעט
ביים ציגל און ליים;
איך גראָבט און איך קנעט
און מויערט — פאַר פּרעהן
פּאַלאַצן און שטעט.

איך פיל אייער לאַגע,
איך פיל און איך ווייס
איך זע אויפן שטערן
די טראָפּן פון שווייס.

זיי רינען, די טראָפּן,
אַריין אין דעם ניל;
ער ברויזט דאַן און קאָכט
און קען ניט זיין שטיל...

און דאָרט אין דער וויטנס
געפינט זיך אַ לאַנד:
ווי זייד איז דער הימל,
ווי פּערלען די זאַמד.

דאָרט רוישן די ווינטן,
ווי לויטער מוזיק;
דאָרט זינגען די פייגל
פון אייביקן גליק —
און איך שטייט געבונדן
אין קייטן, אין שטריק...

עס שטייען די אַלטע
און קנייטשן די שטערן
און שרייען: „וואָס וויל ער,
וואָס לאָזט ער אונדז הערן?

וואָס קומט ער צו רייצן
אונדז אייביקע קנעכט?....
שוין לאַנג אַז עס דויערט,
עס בלייבט ביי אונדז רעכט.
אומזיסט נאַר, אַ, ווע‌סטו
דיין צונג דיר פאַרדאַרבן,
מיר וועלן ביים ליים
און ביים ציגל שוין שטאַרבן...״

טיפער ווירקט עס אויף די יונגע,
פרישער איז ביי זיי די וואונדן,
און עס האָבן זייערע הערצער
פלאַמענדיק זיך אָנגעצונדן,

און עס קלינגען יונגע שטימען:
„איצט, געקומען איז די צייט
אונדזער שווערן יאָך צעברעכן
מיט דער לאַנגער קנעכטן-קייט.

אוים דער פּרעה, וואָס ער מאַטערט
אונדז אָן אָנפאַנג און אָן סוף;
רויבט ביי‌טאָג די זון, די ליבע,
און ביינאַכט — דעם זיסן שלאָף.

אוים די שוטרים און די צווינגער,
וואָס זיי גיבן נישט קיין רו,
מיט די פויסטן און מיט בייטשן
צו דער אַרבעט טרייבן צו...״

און זיי קוקן ליב אויף משהן,
פול מיט האָפענונג אין בליק,
און עס ברעכן זיך די קייטן
און עס רייסן זיך די שטריק.

ברוויזט — שטורעמט
פּרעה (פאַרע) — Pharaoh

שוטרים (שויטרים) — אויפזעער
ביי דער אַרבעט



„תמות נפשי עם פלשתים" גוסטאוו דאָרעי

שמשון און דלילה

• מ. כאַשטשעוואַצקי

עס יובלען די פלשתים. עס שיינט און עס בלענדט
אין טעמפּל פון אָפּגאָט פון גרויסן,
און פול איז דער דאַך, און מע שטייט ביי די ווענט,
און קינדער ביי טישן זיך שטויסן.

עס איז ביי זיי יום-טוב: — ס'איז שמשון — דער העלד,
דער שרעקלעכער קעגנער געבראָכן,
עס האָט זיין געליבטע פאַרקויפט אים פאַר געלט;
ס'האָט טייער געקאָסט דער נצחון.

זיי האָבן מיט חכמה דעם גיבור פאַרנאַרט,
באַרויבט אים די שיין פון די אויגן;
דאָס לעבן געשענקט, נאָר אין תפיסה פאַרשפּאַרט,
און זאָל ער ביים מילשטיין זיך בויגן.

עס יובלען די פלשתים, און זי — אויך מיט זיי,
דלילה, די יונגע, די שלאַנקע.

זי זיצט אויך ביים טיש, און די מענער אין ריי
באַגריסן זי, שמייכלען און דאַנקען.

עס יובלען די פּלשתים, געלעכטער און פרייד
דעם ריזיקן טעמפּל פילט איבער:
אַ בלינדער, האַלב-נאַקעט, אין זאַקענעם קלייד
עס שטייט דער געפאַנגענער גיבור.

און רופן, געשרייען משוגענערווייז
זיך הייבן אַרויף, ווי אַ שטורעם:
— היי, שמשון, באַווייז דיינע קונצן באַניים!
היי, ייד, נו, באַווייז אונדז דיין גבורה!

און שמשון שטייט שטיל, מיט געבויגענעם קאָפּ,
עס ווערט דער געלעכטער אַלץ פרעכער.
עס הענגט אים די מעכטיקע פּאַטליע אַראָפּ,
עס שוואַרצן פון אויגן די לעכער.

ס'איז דורך ווי אַ בליץ אין זכרון די צייט,
ווען ער האָט דאָס פאָלק זיינס געריכטעט.
דערמאָנט זיך די יאָרן פון קאַמף און פון שטרייט,
די אַלע באַרימטע געשיכטעס.

און גאָר דער פּאַרדראָס, וואָס אין האַרץ האָט געגרייפט,
איז אויפגעגאַנגען איצטער אין צאָרן,
און ער האָט דערפילט — ס'ווערן אָדערן שטייף,
ס'ווערט ווידער זיין כוח געבאָרן.

געטאָן אויף פאָרויס האָט דער גיבור אַ טראָט
(ס'האָט אַלצדינג געדויערט איין ווייל),
צעשפרייט זיינע הענט בלינדערהייט, און ער האָט
דערלאַנגט צו די נאָענטע זיילן.

עס האָט די געביידע געקראַכט מיטאַמאָל,
און אין שוידער-געהויל אין צעמישטן
געגעבן אַ קלונג האָט אויף דורות דאָס קול:
— זאָל שטאַרבן מיין זעל מיט די פּלשתים!

יובלען — פייערן; פרייען זיך
נצחון (ניצאָכן) — זיג
תפיסה (טפיסע) — prison

זכרון (זיקאָרן) — memory
שוידער-געהויל — געברום און געוויין פון שרעק



ע. גליצענשטיין　　　　　　　　　　　בר־כוכבא

בר־כוכבא

• א. ליעסין

אָט זע איך אים אויפגיין אין חושך,
ווי דער צאָרן פון פאָלק, אַזוי גרויס,
און עס גייען די פרייע און בראַווע
פאַר זיין ליכט אין דעם וועלט-קאַמף אַרויס.

און ער האַלט די געפאַלענע אונטער,
און ער צינדט די פאַרלאָשענע פאָן,
און עס שמעלצן די קייטן פון קנעכטשאַפט
און עס ציטערן צעזאַר און טראָן.

נאָכאַנאַנד דורך ניין יאָר האָט דער גיבור
זיי צוריק, ווי אַ ים-פעלדז, געקלאַפט,
ביז דער שטאָל-רינג פון רוים האָט צום סוף אים
אין פאַרהונגערטן ביתר פאַרכאַפט.

און אָט פליט מען פון פעסטונג, ווי רוחות,
מיט אַ שטורמיקן אימפעט, אַרויס:
פאַרן לאַנד! פאַרן פאָלק! אויפן שונא! —
און דער שיינענדער פירער פאָרויס.

חושך (כוישעך) — פינצטערניש　　　גיבור (גיבער) — העלד
ביתר (בעטער) — אַ פעסטונג　　　רוחות (רוכעס) — טייוולאָנים

מאַראַנען

י. אָפּאַטאָשו

לאָפּעז האָט היינט לענגער אויפגעהאַלטן זיינע מאַטראָסן. ער איז געשטאַנען ביים פאַראַנקערן די שיפן, געוואַרט ביז מען האָט אויסגעלאָדן די סחורה און אַז אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, איז ער אַן אָפּגעברענטער, אַ צעוואַקסענער געבליבן אַ ווײַלע אויפן ברעג, גע־קוקט אויפן שוימיקן ים, וואו זיינע שיפן האָבן זיך ערגעץ דאָרט געטראָגן.

לאָפּעז האָט אין אַלעם געזען גאָטס האַנט.

רוים איז פאַרפלייצט געוואָרן, ליסאַבאָן — צעטרייסלט פון אַן ערד־ציטערניש. און אַפילו אין דעם, וואָס ער, לאָפּעז, אַ געוועזענער מאַטראָס, איז איצט איינער פון די רייכסטע סוחרים אין לאַנד — אומעטום וואונדער איבער וואונדער.

דורך אַ שמאָלער, באַהאַלטענער שווינדל־טרעפּ, וואָס האָט זיך געדרייט ווי אַ געקרויזטע פּאה, אַז איין מענטש האָט זיך קוים געקאָנט באַוועגן אויף איר, האָט זיך לאָפּעז אַראָפּגעלאָזט טיפער און טיפער.

אַ שווערע, זייטיקע טיר האָט זיך געעפנט, אָפּגעגאָסן די שווינדל־טרעפּ מיט ליכט.

אין אַ ליכטיקן צימער אָן פענצטער, ביי אַ געדעקטן טיש, זיינען געזעסן איבער צוואַנציק מאַראַנען, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און געוואַרט אויפן באַלעבאָס.

פּנימער אויסגעצערטע, פינצטערע. אויגן צעפינטלטע, ווערן גרעסער ביים קלענסטן שאָרך, און דער טויט־שרעק פאַרברענט צו ווערן צינדט זיך אין די שוואַרצע אויגן.

די באַלעבאָסטע, אַ פאַרפּוצטע אין ווייסע, זיידענע קליידער, דער האַלדז פול מיט פּערל, האָט צעשטעלט זילבערנע בעכערס, פלעשער וויין, פאַרזיכטיק איינגעוויקלט דריי מצות אין בראָקאַט און זיי אַוועק־געלייגט אויבן־אָן אויף אַ זילבערנער טאַץ.

שטיל האָט מען אָנגעגאָסן די כוסות. נאָך שטילער האָט לאָפּעזעס איינציקער זון געפרעגט די קשיות. די עטלעכע צוואַנציק מיילער האָבן געענטפערט מיט אַ מורמל, נאָכגעזאָגט וואָרט נאָך וואָרט אַ גרויען מאַראַן, וואָס האָט געזאָגט די „הגדה“ אויפן קול.

דאָס זאָגן האָט זיך געמישט מיט פּליעסקען פון וואַסער אָן די דיקע, שטיינערנע ווענט. און כאָטש דער עולם איז געווען זיכער, אַז

דעם רייכן, פרומען לאַפּעז, וואָס האָט אויסגעבויט אַ קירך, וועט קיינער נישט חושד זיין, פונדעסטוועגן זיינען די איבערגעשראָקענע מאַראַנען געבליבן אָן לשון ביי יעדן שטאַרקערן רויש פון ים. מיט אַמאָל איז פון הינטערן טיש אַרויס אַ פרעמדער, נאָך גאָר אַ יונגער מאַן.

דער גאַנצער עולם האָט זיך אָן איבערראַשטער אַ רוק געטאָן אויף צוריק. געגומען פרעגן איינער ביים צווייטן:

— ווער איז?

— ווער איז ער?

— כ'האָב אים דאַכט זיך ניט באַמערקט דעם גאַנצן אָוונט.

— איך אויך ניט!

— איך אויך ניט!

קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער ער איז.

אַ הויכער, אַ שוואַרצער, אויגן ווייכע, טיפע, אַז ס'האָט זיך געוואָלט אין זיי קוקן. ס'מויל אַ קליינס, אַ קינדישס. און אין גאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרשלאָפן און איילט זיך זייער.

— איר זיצט דאָ און ריכט אָפּ די „הגדה" — האָט דער פרעמדער שטיל געזאָגט — און מאָרגן וועלן אייערע ווייבער און קינדער פאַרברענט ווערן.

די מאַראַנען האָבן זיך אַ רוק געטאָן צום פרעמדן מיט צעשפּרייטע הענט און פאַרצערטע אויגן:

— וואָס קענען מיר טאָן?

— וואָס קענען מיר העלפן?

— איר קענט זיי העלפן, — האָט דער פרעמדער געציילט די ווערטער, — נאָך היינט ביינאַכט פאָרט אַהין פון וואַנען איר זענט אַנטלאָפן.

— וועט מען דאָך אונדז אויך כאַפּן?! — האָבן צוואַנציק העלדזער אַ געשריי געטאָן מיטאַמאָל.

— בטחון אין גאָט! אַ ביסל מער בטחון און מען וועט אייך ניט כאַפּן!

דעם פרעמדנס ווערטער האָבן ווייכער געמאַכט די שרעק, צוגענומען דאָס אומבאַהאָלפנקייט פון די אויגן. די מאַראַנען זיינען אַ פאַל געטאָן צו זיינע פיס, זיך צוגערירט מיט די ליפּן צום זוים פון זיין שוואַרצן מאַנטל.

— פיר אונדז, וועלן מיר גיין!



די אינקוויזיציע

— זיי אונדזער פירער!

— אויב ביסט געשיקט פון גאָט!

דער פרעמדער האָט זיך אַ דריי געטאָן, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף לאַפּעזן, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אַ צעשטראַלטער, געזען אין דעם אַ גאָט־זאַך.

— אַ שיף איז גרייט?

— צוויי שיפן שטייען פאַראַנקערט.

— גוט.

איינציקווייז האָבן די מאַראַנען זיך געהויבן איבער דער שווינדל־טרעפּ, באַוואָפנטע זיינען זיי אַריין אין איינער פון די שיפן, וואָס זיינען געווען צוגעבונדן צום ברעג מיט אייזערנע קייטן.

לאַפּעז אַליין האָט אָפּגעבונדן די קייטן, און אַ קלימפּער זיי אַראָפּ־געלאָזט אין דער שיף. ריטמיש האָבן זיך אַ הויב געטאָן איבערן ים די רודערס, איינס־צוויי און די שיף אָן אַ ליכט, און אָן אַ פּאָן, האָט זיך געגנבעט נישט ווייט פון ברעג, זיך געוויגט צווישן די כוואַליעס.

דער פרעמדער איז געשטאַנען אין דער מיט אַזאַ רואיקער, אַזאַ זיכערער, נישט באַמערקט ווי די שיף הויבט זיך, ווי ס'וואַסער ווערט העכער, העכער, ווי אַ שוימיקער וואַל לויפט אָן, גיסט אָפּ אַלע מיט ווייסקייט, טוט מיטאַמאָל אַ פּלאַץ — און די שיף נעמט פאַלן

נידעריקער, זי וועט, דאַכט זיך, באַלד זיך איבערקערן צווישן די כוואַליעס.

די מאַראַנען האָבן זיך געקליבן אַרום דעם פרעמדן, געווען זיכער, אַז ער דאַרף נאָר אַ וואָרף טאָן זיין מאַנטל איבער די כוואַליעס, ווי אליהו איבערן ירדן, און זיי וועלן זיך לאָזן נאָך אים.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער פרעמדער איז דער ערשטער אַרויס. און אַז די שיף איז שוין געווען פאַראַנקערט אָן אַ שטיין, האָט ער זיך געלאָזט מיט צען באַוואָפנטע מאַראַנען אין דער נאַכט אַריין. ער איז געגאַנגען אויף פריער מיט אַ צלם אין ביידע הענט, צו דער תפיסה.

פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגערוקט, געמאַכט פּלאַץ און איבער־געצלמט זיך; געווען זיכער, אַז דאָס זיינען מיטגלידער פון דער אינ־קוויזיציע, זוכן מאַראַנען וואָס האַלטן דעם יידישן פּסח.

דער פרעמדער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אייזערנעם טויער. ער האָט אָנגעקלונגען. דער קלונג האָט אָפּגעהילכט אין דער שטיל־קייט און צוריקגעבראַכט דעם פּיין פון די פאַרשפּאַרטע. די לופט איז געווען פול מיט טריט און קיינער איז נישט געקומען. דער פרעמדער האָט אַ שטאַרקערן קלונג געטאָן.

פון הינטערן פאַרזשאַווערטן טויער האָט זיך געהערט אַ שטים:

— ווער איז?

— אַן אייגענער!

— ווער אַן אייגענער?

— אַ ברודערל, אַ דאָמיניקאַנער...

— טאָ וואָס שלעפּסטו זיך אַרום אין אַזאַ פאַרשאָלטענער נאַכט?

גלייך ווי דער טויער האָט זיך געעפנט, האָבן די מאַראַנען גע־בונדן דעם דאָמיניקאַנער, אים פאַרשטאָפּט ס'מויל. איבערגענומען די וואַך און זיך געלאָזט איבער די קאַמערן.

פאַרשטיקטע געשרייען פון די דאָמיניקאַנער אויף דער וואַך זיינען געבליבן אין האַלדז. אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן געקוקט, ווי די נישט־גלויביקע עפענען אַ קאַמער נאָך אַ קאַמער, פירן אַרויס פרויען און קינדער.

דער פרעמדער מיטן צלם אויף אַפריער האָט געשפּרייזט אין דער נאַכט, געגאַנגען מיטן שטילן וויגן פון די גלאָקן, געגאַנגען צו דער שיף.

און אַז די שיף האָט זיך ווידער געהויבן איבער די כוואַליעס, געפאָרן מיט די פרויען און קינדער צו לאָפּעז, איז דער פרעמדער

צווישן זיי נישט געווען. ער איז געבליבן אין דער תפיסה־שטאָט; געזאָגט, אַז מען וועט אים דאָרטן מאָרגן דאַרפֿן.

פֿאַראַנקערן — to anchor
שוימיק — foaming
שווינדל־טרעפּ — winding staircase
אויסגעצערט — דאַר
בראָקאַט — brocade
כּוסות (קויסעס) — goblets
הגדה (האַגאָדע) — Hagadah
לשון (לאָשן) — שפּראַך
בטחון (ביטאָכן) — האָפֿענונג
קלימפּער — רעש (ראַש), קלאַפּעריי

אליהו (עליאָהו) — אליהו הנביא
ירדן (יאַרדן) — טייך אין ארץ־ישראל
צלם (ציילעם) — cross
תּפֿירה (טפֿיסע) — prison
איבערגעצלמט (איבערגעציילעמט) זיך — crossed themselves
פֿאַרשפּאַרטע — אַרעסטירטע
פֿאַרזשאַווערט — rusty
געשפּרייזט — מאַרשירט

די שיינע פֿראַנציסקאַ

• א. ליעסין

זיי גייט פֿון דער שטיין־שוואַרצער הייל אַזוי שטום
אין מאָרגן אַרויס;
עס בלאָנדזשעט איר בליק אין דער ליכטיקייט אום
ווילד־פֿרעמד און ווילד־גרויס.
נאָך פֿינצטערע לאַנגע מאָנאַטן
אַן אויפֿהער אויף קוועל־באַנק געמאַטערט,
זי שטייט צווישן וואַך פֿון סאָלדאַטן,
אין שאַנד־זאַק אין גרויען, און פֿלאַטערט —
די שיינע פֿראַנציסקאַ.

אַ פֿלאַטערנדע הינד, אַזוי יונג, אַזוי צאַרט,
פֿון יאַגד־הינט צעפּליקט;
דאָך האַלט זי אין גרויסער אַנטשלאָסנהייט האַרט
די ליפּן פֿאַרדריקט.
אַט קומען מאָנאַכן אין ווייסן,
עס קומען מאָנאַכן אין שוואַרצן,
ווי קלינגען די גלעקער און רייסן
אין זיבעצן־יאָריקן האַרצן
דער שיינער פֿראַנציסקאַ.

זי ווייס וואו מען פירט זי, זי האָט זיך צו דעם
געגרייט אַזוי לאַנג —
צו גיין צו די פלאַמען אויף קידוש השם
אַ ווירדיקן גאַנג.
דאָך שײַנט דורך דער וועלט דורך דער פֿײַער
דער זומער אין גרין-זייד געוועבן;
ווי ליב איז גאָטס וועלט און ווי טײַער,
ווי ווילט זיך איר לעבן, אָ לעבן,
דער שײנער פראַנציסקאָ.

זי גייט און אַ פינצטערניש גייט אויף איר וועג
אַרונטער געדיכט;
ניט זען וועט זי שוין מער קיין זוניקע טעג,
קיין זוניק געזיכט!
און הינטער דעם פאָרהאַנג דעם שוואַרצן,
וואָס האָט איר די יון-זון פאַרהאַנגען,
ווי ווײַנט זי אין גלות-יונגן האַרצן,
מיט הונדערט געהײמע פאַרלאַנגען —
די שיינע פראַנציסקאָ!

אָט בלאַנקט איר דעם קעניגס יונג ווייב; זי דערפילט
איר אַנגסט-בליק אויף זיך.
און פּלוצלונג אַן אויסגעשריי יאָמערט אויף ווילד:
„אָ, ראַטעוועט מיך!
איך קען ניט מיין גלויבן פאַרוואַרפן,
פאַרראַטן די שוועסטער און ברידער!“
און גלייך מיט אַ שפּיז מיט אַ שאַרפן
פאַרשטומט מען אין גרויל-מאַרש זי ווידער —
די שיינע פראַנציסקאָ!

דעם קעניגס יונג ווייב טוט אַ ווייש אָפּ פון זיך
איר זינדיקע טרער;
דער גרויס-אינקוויזיטאָר טראָגט אונטער אויף גיך
אַ גאָלדן קרייץ שווער.
דער קעניג שווערט טרייהייט צום צלם
און צינדט אַליין אָן אַזוי מונטער,

אין אַנזען פון קניענדן עולם
דעם פייער וואוהין מען פירט אונטער —
די שיינע פראַנציסקאַ.

קוועל־באַנק — torture bench
הינד — „זי״־הירש; doe
יאַגד־הינט — hounds
קידוש השם (קידעש האַשעם) — מאַרטירער־טויט (הייליקן גאָטס נאָמען)

געזיכט — פּנים
גלוט — ברען
בלאַנקט — שיינט
אַנגסט — anguish
גרויל — שרעק
צלם (ציילעם) — cross

חנה מיט די זיבן זין

• מ. באַשטשעוואַצקי

אָט איז זי, די מוטער, מיר קענען זי גוט,
געדענקען די זין אירע זיבן!
דאָס דריטע יאָרטויזנט עס פליצט זייער בלוט,
דאָס בלוט איז דאָס זעלבע געבליבן.

מע האָט אונדז פאַרניכטן ניט איין מאָל פאַרטראַכט,
מיט גיפט און מיט שאַנד אונדז פאַרסמען. —
. . . מע האָט זיי אין תפיסה צום פאַרשער געבראַכט,
די זין מיט דער מוטער צוזאַמען.

און ס׳האָט זיך דער הענקער צום עלטסטן געווענדט:
— איך וויים, ס׳איז דאָס לעבן דיר טייער,
טרעט אָפּ פון דיין פאָלק און זיין נאָמען דו שענד,
און כ׳וועל דיך פון תפיסה באַפרייען.

און הויך איז דער עלטסטער, איז שלאַנק און איז שיין,
און שוואַרץ זיינע אויגן און לאָקן.
און שטאָלץ האָט דער עלטסטער געענטפערט אים: — „ניין!
כ׳האָב זיך קיינמאָל פאַר טויט ניט געשראָקן.

מיין האַרץ צו מיין פאָלק און מיין גלויבן געהער,
איך האַלט ניט צו טייער מיין לעבן.״

און מילד צו דער מוטער דאָס פּנים אַ קער:
„דיך בעט איך דיין לייד מיר פאַרגעבן!"

ס'האָט פּאַסן נאָך פּאַסן געשונדן זיין הויט,
אים שטיקערווייז גלידער געריסן;
מע האָט אים געפּייניקט, געפּייניקט אויף טויט,
פון פּיין זיינע אויגן זיך שליסן.

און די, וועלכע האָט אים גענערט פון איר ברוסט,
וועלכע האָט אים געשאָנקען דאָס לעבן,
זי האָט זיינע ליידן דאָרט צוזען געמוזט
און מיט אים צום שטאַרבן נאָך געבן.

מע האָט אויך דעם צווייטן, אַזוי ווי דעם בכור,
די גלידער אויף שטיקער געריסן,
געברענט אים אין פייער, געצופּט אים די האָר,
מיט שטעכיקע דערנער געשמיסן.

דערנאָך אויך דעם דריטן, דעם פערטן, דערנאָך
דעם פינפטן, דעם זעקסטן... פון זיבן, —
אָ, ליכטיקע מוטער, ווי גרויס איז דיין בראָך!
איין איינציקער איז דיר געבליבן.

דער לעצטער, דער ליבסטער איז יונג נאָך געווען,
כמעט נאָך אַ קינד לויט די יאָרן,
און ווען ס'האָט דער מערדער דאָס יינגל דערזען,
איז ער, דאַכט זיך, מילדער געוואָרן.

און ער האָט געזאָגט צו דעם יינגל: — הער אויס,
דו דאַרפסט מיר נאָר טרייהייט איצט שווערן,
און איך וועל דערהייבן דיך, מאַכן דיך גרויס,
אַן עלטסטער אין לאַנד וועסטו ווערן. —

און דאַן צו דער מוטער, וואָס גליווערדיק שטייט:
— אַ מוטער ביסטו, צי אַ חיה?
רעד איבער מיט אים, אויך אויף אים וואַרט דער טויט.
צי איז דיר דיין יינגל ניט טייער?

ס'האָט חנה געגעבן אַ טראָט אויף פאָרויס,
און צום זון האָט דערנעענט זיך חנה,

גערדריקט האָט זײַן קאָפּ צו איר וואָרעמען שויס,
דער זון האָט דעם צייכן פאַרשטאַנען.

און זי האָט געזאָגט: „אין די גרויזאַמע טעג,
ווען ס׳וויל אונדז דער מערדער פאַרדאַרבן,
זאָלסטו, ווי די ברידער, ניט וויסן פון שרעק
און מוטיק, ווי זיי, זאָלסטו שטאַרבן!"

און הויך טוט דאָס קול פונעם ייִנגל אַ קלונג:
— דו, הענקער, דו מעגסט ניט פאַרזאַמען,
דער זיבעטער ברודער איך בין, כאָטש נאָך יונג, —
אַ קינד פון דער זעלביקער מאַמען.

אַזוי האָט דאָס ייִנגל גערעדט פאַר דעם פּיינט,
די מוטער געשטאַנען איז נעבן,
איר האַרץ האָט געקלאַפּט, ס׳האָט איר פּנים געשיינט
און מוט האָט איר בליק אים געגעבן.

ס׳איז חנה געשטאַנען אַזוי ווי אַ שטיין,
אַזוי ווי אין שלאַכטפעלד אַ קריגער,
די פּיין טיף דערשטיקט, און פאַרביסן די ציין,
און געקוקט אויפן פּיינט ווי אַ זיגער.

דער פּיינט האָט געשפּירט אין איר אָנבליק זײַן פּסק,
וואָס קומט אָן געשווינד און אַנטשיידן:
אַ פּאַך מיט דער האַנט, און די בלוטיקע האַק
האָט חנהן באַפרייט פון די ליידן.

... עס יאָגן זיך דורות, עס בייט זיך דער דין,
נאָר ס׳פּלייצט אַלץ און פּלייצט אין די ימען
דאָס בלוט פון די זיבן מאַרטירער, די זין,
באַנאַנד מיטן בלוט פון דער מאַמען.

תפיסה (טפּיסע) — prison
שענד — disgrace
שלאַנק — slender
בכור (בכאָר) — ערשט־געבוירענער
בראָך — אומגליק

כמעט (קימאַט) — almost
גליוורדיק — פאַרשטיינערט
פּסק (פּסאַק) — sentence
אַנטשיידן — decisive
דורות (דוירעס) — generations

אַ ייד אַ פויגל

• שלום עליכם

איין מעשה, וואָס דער זיידע משה יאָסי האָט דערציילט פאַר זיינע אייינקלעך, אַ מעשה ווי אַ ייד איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, געדענקט זיך גאַנץ באַזונדער. און די דאָזיקע מעשה ווערט דאָ איבער־געגעבן בקיצור, ווייל דער זיידע משה יאָסי, זאָל מיר מוחל זיין, האָט ליב געהאַט צו דערציילן לאַנגע מעשות און אָפּטמאָל פאַרפאָרן קיין בוויבעריק.

די מעשה האָט זיך געטראָפן שוין לאַנג, נאָך פאַר זיין זיידן, עליו השלום, דעם אַלטן האַמאַרניק. פאַרוואָס האָט מען אים גערופן „האַמאַרניק"? ווייל האַמאַרני האָט געהייסן דאָס דאָרף, וואו ער איז געזעסן, געהאַלטן אַ מיל אין אַרענדע. אין דעם זעלבן דאָרף איז געזעסן אַ ייד, מיטן נאָמען נוח, געהאַלטן די קרעטשמע. געווען איז דער נוח אַ ייד אַ פּשוטער, נאָר טאָג ווי נאַכט געדאַווענט און געזאָגט תהילים. די גאַנצע טוערין איז געווען זי, זיין ווייב. זיין טועכץ איז געווען נאָר צאָלן ראַטע אין הויף און דינגען די קרעטשמע פון אייי יאָר אויפן אַנדערן.

קומט ער צו גיין איינמאָל צום פּריץ דינגען די אַרענדע און טרעפט אָן אַ שיעור געסט, אַ גאַנצע סעודה. נאָך דער סעודה קלייבט מען זיך אויף געיעג. עס שטייען שוין צוגעגרייט פערד און קאַרעטעס, און הינט, און די יעגערס מיט די גרויסע פעדערן און מיט די פייפעלעך. אַלצדינג, הייסט עס, פּאַרטיק. „נישט געטראָפן די גוטע צייט — טראַכט זיך נוח — דער פּריץ וועט ניט וועלן רעדן איצט פון דער אַרענדע."

צום סוף האָט ער אַ טעות געהאַט. אויפגעשטאַנען מיט די געסט פון טיש און געוואָלט זיך שוין אַרויפזעצן אויף די פערד, האָט דער פּריץ דערזען דעם ייד שטיין ביי אַ זייט, אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. מאַכט ער צו אים מיט אַ פריילעך פּנים:

— „אַ יאַק שע מאַש, פּאַן אַרענדאַרזש?" וואָס מאַכט אַ ייד אַרענדאַר?

זאָגט אים נוח:

— אַדוני פּריץ, איך בין געקומען וועגן דער קרעטשמע.

צעלאַכט ער זיך, דער פּריץ, געווען שטאַרק אונטערן גלעזל, און רופט זיך אָן צו אים:

— אויף וויפיל יאָר ווילסטו דען די קרעטשמע?

זאָגט ער צו אים:

— װעלן װאָלט איך געװאָלט אויף עטלעכע יאָר, נאָר אַזוי װי דער מנהג איז ביי דיר, יאַסנעװעלמאָזשנע פּאַן כראַביע . . .

לאָזט אים דער פּריץ ניט אויסרעדן און מאַכט צו אים:

— דאָבזשע (גוט, הייסט עס), איצטיקס מאָל גיב איך דיר אָפּ די קרעטשמע אויף דעם אייגענעם פּרייז, װאָס אַלעמאָל, אויף צען יאָר. נאָר מיט איין תנאי: זאָלסט מיר זיין אַ פויגל.

קוקט אים אָן דער ייד:

— װאָס הייסט איך זאָל זיין אַ פויגל?

ענטפערט אים דער פּריץ:

— גאַנץ פּשוט. דו דאַרפסט אַרויף, זאָגט ער, אויפן דאַך פון אָט דער שטאַל. זעסטו? דאָרטן דאַרפסטו זיך פאַרשטעלן, זאָגט ער, פאַר אַ פויגל, און איך, זאָגט ער, װעל זיך צילן אין דיר און פרואװן טרעפן גלייך אין קאָפּ אַריין. האָסטו עס צעקיימט?

װערט אַ געלעכטער צװישן די פּריצים. און דער ייד כלומרשט לאַכט אויך. ער טראַכט זיך: „דער פּריץ טרייבט קאַטאָװעס, גע-נומען אַן איבעריק ביסל װיין...“

— נו? — פרעגט אים דער פּריץ. — איז דאָס אָפּגעמאַכט?

טראַכט זיך נוח: „װאָס ענטפערט מען אים דערויף?“ און טוט אים אַ פרעג:

— װיפיל צייט גיסטו אויף צו באַטראַכטן זיך?

זאָגט אים דער פּריץ גאַנץ ערנסט:

— יעדנאַ מינוטאַ, — איין מינוט הייסט עס, ניט מער. די ברירה איז ביי דיר, זאָגט ער. אָדער דו קריכסט אַרויף אויפן דאַך און פאַר-שטעלסט זיך פאַר אַ פויגל, אָדער מאָרגנדיקן טאָג, זאָגט ער, װערסטו אַרויסגעװאָרפן פון דער קרעטשמע.

װאָס טוט מען? מיט אַ פּריץ שפּילט מען זיך ניט. און יענער הייסט שוין טראָגן לייטערס — אַפּנים, ס'איז גאָרניט קיין קאַטאָװעס. רופט ער זיך אָן נאָכאַמאָל צום פּריץ:

— און װאָס װעט זיין טאָמער, חלילה, טרעפסטו טאַקע?

װערט נאָך אַ גרעסערער געלעכטער צװישן די פּריצים, און נוח בלייבט שטיין אַ צעטומלטער. ער װייס ניט צי דער פּריץ מאַכט חוזק, צי ער מיינט דאָס מיט אַן אמת. זען זעט עס אויס װי אַן אמת, װאָרים מע הייסט אים די רגע קריכן אויפן דאַך אָדער גיין אַהיים אָפּרייניקן די קרעטשמע. װייל ער שוין גיין אַהיים, דערמאָנט ער זיך

אַן זיין גרויסן הויזגעזינד. הויבט ער זיך אָן בעטן ביים פּריץ ער זאָל אים כאָטש געבן עטלעכע מינוט אויף אָפּצוזאָגן ווידוי. זאָגט אים דער פּריץ:

— דאָבזשע (גוט), איך גיב דיר נאָך איין מינוט אויף צו זאָגן ווידוי.

איין מינוט? וואָס קען אַ ייד זאָגן אין איין מינוט, חוץ „שמע ישראל"? און דאָ שטופּט מען אים שוין אַרויף אויפן לייטער. זאָגט ער „שמע ישראל" און נעמט קריכן אויפן לייטער, און טרערן גיסן זיך אים. וואָס זאָל ער טאָן? מסתמא איז אים באַשערט אומצוקומען אויף קידוש השם. און אפשר וועט נאָך גאָט רחמנות האָבן און טאָן אַ נס? דער אויבערשטער אַז ער וויל — קאָן ער! אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ דאַך, הערט ער ניט אויף צו זאָגן „שמע ישראל" שטילער־הייט און צו וויינען, גיסן מיט טרערן. טאָמער וועט דער אויבערשטער פאָרט רחמנות האָבן. אַז דער אויבערשטער וויל — קאָן ער!

דער פּריץ האָט דערוויל קיין צייט ניט. הייסט ער אים ער זאָל שטיין גלייך — שטייט ער גלייך. דערנאָך הייסט ער אים ער זאָל זיך אָנבויגן — בויגט ער זיך אָן. ער זאָל צענעמען די הענט — צענעמט ער די הענט. ער זאָל אויסזען ווי אַ פויגל — זעט ער אויס ווי אַ פויגל... און דער פּריץ — האָט אויסגעשאָסן און געטראָפן נוחן גלייך אין שטערן אַריין. און נוח איז אומגעפאַלן, ווי אַ געשאָסענער פויגל, און האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַראָפּ פונעם דאַך...

דער פּריץ האָט אָבער געהאַלטן וואָרט. צען יאָר כסדר האָט ער נישט גערירט די אלמנה פון דער קרעטשמע. אַמאָליקע פּריצים!

קידוש השם (קידעש האַשעם) — אַ מאַרטירער־טויט
בקיצור (בעקיצער) — אין קורצן
עליו השלום (אָלעוו האַשאָלעם) — may he rest in peace
תהילים (טילים) — psalms
אַרענדע — a lease
אדוני (אַדוינִי) — מיין הער
מנהג (מינעג) — custom
יאַסנאַוועלמאַזשני פּאַן כראַביע — אין פּויליש: אַ טיטול פאַר אַ גראַף (count)

תנאי (טנײַ) — באַדינג
צעקייעט — דאָ געמיינט: פאַר־שטאַנען
כלומערשט (קלוימערשט) — נאָכ־געמאַכט; ניט אויף אַן אמת
ברירה (ברײַרע) — choice
קאַטאָוועס — שפּאַס, געלעכטער
חלילה (כאַלילע) — God forbid
ווידוי (ווידע) — confession
שמע ישראל (שמאַ ייסראָעל) — די ערשטע ווערטער פון אַ תפילה
כסדר (קעסיידער) — continually

אַמעריקע

ה. רויזענבלאַט •

אויף אונדזער ערד געוואַנדערט האָט דער גייסט
פון לינקאָלן, דזשעפערסאָן, דזשאָן בראַון און פּעין.
אויף אונדזער לאַנד און אונטער אונדזער הימל —
געזונגען האָט וואָלט וויטמאַן וועגן מענטש און גאָט
און ים,
און עמערסאָן — פון ליכט און פרייד און גליק,
און פּאָו — פון ליבע, בענקעניש און טויט.
און דו, און איך? — קינדער פון אַן אַנדער וועלט —
מיר האָבן אויף די ברעגן פון דעם שיינעם לאַנד
געבויט דאָ אונדזער ניי געצעלט.
מיר האָבן לאַנג געוואָגלט, און געקומען שפּעט,
נאָר, — פריי און גרויס איז נאָך דער ברעג,
און מאָרגן, מאָרגן נעמט מען בויען נייע שטעט.
און לויטער הענגען וועט דער הימל איבער אונדז,
און לאַנגע, לאַנגע וועלן ציען זיך די ווייסע טעג.

צו אַ נייער וועלט

ד. פּעסין •

לואי דע טאָרעס איז געשטאַנען אויפן דעק פון דער „סאַנטאַ מאַריאַ" און געזונגען. קולות פון אויפגערעגטע מאַטראָסן האָבן מיט־אַמאָל איבערגעריסן דאָס האַפערדיקע געזאַנג. סאַנטשאָ, אַ פעסט־געבויטער, גראָבער מאַטראָס, האָט געוואָרטשעט:

— טייערע געווירצן... אינדיע... דער נייער וועג קיין אינדיע!...

— וואַסער, וואַסער, וואַסער, — האָט געמורמלט מאַרקאָ, אַ צווייטער מאַטראָס, ציענדיק די שטריק. — מען זעט גאָרניט, נאָר וואַסער און וואַסער. איך בין קראַנק, קראַנק און מיד...

— וואָס קלאָגט איר? — האָט לואי דע טאָרעס געפרעגט. — וועט אייך דערפון לייכטער ווערן? און וואָס האָבן מיר דען צו פאַרלירן?... געווינען קענען מיר אַ גאַנצע וועלט...

— מיר וועלן אַלע פריער אויסשטאַרבן, — איז סאַנטשאָ צו־געטראָטן צו דע טאָרעסן. — זאָג מיר, לואי דע טאָרעס — דו ביסט דאָך אַ געלערנטער מענטש — גלויבסטו טאַקע קאָלומבוסן, אַז מיר וועלן אָנקומען קיין אינדיע?

— יאָ, קאָלומבוס איז גערעכט, — האָט געענטפערט לואי דע טאָרעס. — די ערד איז קיילעכדיק און אונדזער וועג פירט קיין אינדיע.

די מאַטראָסן האָבן אים שטאַר אָנגעקוקט. קאָלומבוס, וואָס איז געזעסן איינער אַליין ביי זיך אין דער קאַיוטע, האָט דורך דער אָפענער טיר אונטערגעהערט דעם שמועס.

— לואי דע טאָרעס! — האָט קאָלומבוס אים גערופן.

לואי דע טאָרעס האָט זיך אומגעדרייט און איז אַריין אין אַדמיראַלס קאַיוטע.

— איך האָב געהערט דיינע רייד מיט די מאַטראָסן, — האָט קאָלומבוס געזאָגט. — איך בין צופרידן וואָס אויף מיין שיף געפינען זיך אַזעלכע מענטשן ווי דו, וואָס פאַרלירן ניט אַזוי לייכט דעם מוט.

— איך דאַנק אייך! — האָט געענטפערט דע טאָרעס.

קאָלומבוס האָט שטיל פאָרגעזעצט:

— דו האָסט ווירקלעך מוט. דו האָסט דעם מוט פון אַ מענטשן, וואָס האָט גאָרניט צו פאַרלירן און וויל גיין אַלץ פאָרויס...

דע טאָרעס האָט שווייגנדיק געקוקט אויף קאָלומבוסן און ניט געענטפערט.

— דו האָסט דעם מוט פון אַ מאַראַן, — האָט קאָלומבוס זייער שטיל אַרויסגעזאָגט, קוקנדיק דע טאָרעסן גלייך אין די אויגן. לואי דע טאָרעס האָט אַלץ געשוויגן.

— ביסטו אַ מאַראַן? — האָט קאָלומבוס אים געפרעגט.

— יאָ, איך בין אַ מאַראַן.

— איך האָב עס געוואוסט שוין פון לאַנג. און איך מיין, אַז אונדזער דאָקטער בערנאַל איז אויך אַ מאַראַן.

— יאָ, אמת. מיר זיינען געווען צופרידן צו פאַרלאָזן שפאַניע.

— אויפן ים דאַרפסטו קיין מורא ניט האָבן, — האָט קאָלומבוס ווידער אָנגעהויבן. — דאָ זיינען מיר אַלע מאַטראָסן. דאָ זיינען ניטאָ קיין תפיסות, דאָ איז ניטאָ די אינקוויזיציע.

— איך בעט נאָר צו גאָט, אַז מיין פאָלק, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון שפאַניע, זאָל אויף דער גאַנצער ערד מער ניט דאַרפן שרעקן זיך פאַר דער אינקוויזיציע, אַזוי ווי דאָ אויף דער שיף.

In the astronomical laboratories of Abraham Zacuto: Christopher Columbus calls for aid in preparation of tables by Pedro IV, thus assisting Columbus on his voyage to America. These tables were translated into Latin by Joseph Vecinho

קאָלומבוס ביים אַסטראָנאָם אברהם זאַקוטאַ   טאמסאן

— דע טאָרעס, וואָס האָט דיך געבראַכט צו מיר אויף דער שיף?

— גאַנץ איינפאַך. איר האָט געזוכט אַן איבערזעצער. און איך האָב ליב אַוואַנטורעס און האָב ניט מורא פאַר געפאַר.

— דו האָסט מיר געטריי געדינט און געבראַכט גרויסע נוצן, דע טאָרעס. איך האָף, אַז איך וועל דיך נאָך באַלוינען אַזוי ווי דו ביסט ווערט. און האָב קיין מורא ניט: קיינער וועט דיין סוד זיך ניט דערוויסן.

קאָלומבוס האָט זיך ווידער גענומען צו זיינע מאַפּעס און לואי דע טאָרעס איז צוריק אַרויס אויפן דעק פון שיף.

די „סאַנטאַ מאַריאַ”, און צוויי שיפן הינטער איר, האָבן זיך געטראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער איבער אומבאַקאַנטע וואַסערן. שטורעמס האָבן זיי געטרייסלט, ווינטן האָבן זיי געשמיסן, און די הייסע זון האָט זיי געבאַקן. קאָלומבוס איז מייסטנס געזעסן איינער

אַליין ביי זיך אין דער קאַיוטע, אַנגעבויגן איבער זיינע מאַפּעס. טייל־מאָל איז ער געשטאַנען מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און געקוקט מיטן פּילאָט. די מאַנשאַפט אויף די שיפן האָט געוואָרטשעט און זיך גע־זידלט: זיי האָבן געבענקט נאָך לאַנד, שפּייז איז געוואָרן ווייניקער. לואי דע טאָרעס איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער ביים אַנלען און זיינע אויגן האָבן געבלאַנדזשעט וויט פאָרויס.

פלוצים האָט אַ מאַטראָס אויף דער וואַך אויסגעשריען:

— לאַנד!

אויף איין מאָמענט האָט אַ שטילשווייגן אַרומגעכאַפּט די שיפן, אָבער באַלד זיינען די דעקן פאַרפלייצט געוואָרן מיט באַגייסטערטע שטימען:

די מאַטראָסן זיינען געפאַלן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס; זיי האָבן געוויינט פון פרייד, ווי קינדער.

קאָלומבוס האָט באַפוילן צו פאַראַנקערן די שיפן און האָט געקוקט אין אַלע זייטן. ערנסט האָט ער באַטראַכט די פּנימער פון אַלע זיינע מענטשן און, ענדלעך, האָט ער אַ רוף געטאָן: „לואי דע טאָרעס!"

לואי דע טאָרעס האָט געגעבן אַ טראָט פאָרויס.

— לואי דע טאָרעס, דיין מוט און דיין שפּראַכן־קענטעניש וועלן איצט צונוץ קומען. גיי אַראָפּ אויפן לאַנד, פאָרש עס אויס, געפין אויס אַלצדינג. זאָל ראָדריגאָ דע כערעז מיטגיין מיט דיר...

אין צווייען האָבן זיי זיך געלאָזן גיין; זיי זיינען פאַרשוואונדן צווישן די ביימער, טיפער אין לאַנד.

פינף טעג זיינען פאַרביי און מען האָט פון זיי ניט געהערט. אויף די שיפן האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז מען וועט דאַרפן גיין זיי זוכן. טייל האָבן געטענהט, אַז ס'איז שוין פאַרפאַלן, זיי זיינען זיכער טויט. אָבער אויפן זעקסטן טאָג האָבן זיי זיך צוריק באַוויזן.

אַלע האָבן זיי אַרומגערינגלט און נייגעריק זיך צוגעהערט צו דער שילדערונג פון די מאָדנע אומבאַקאַנטע מענטשן און זייערע מאָדנע, אַנדערשדיקע פירונגען. דע טאָרעס האָט באַוויזן עטלעכע בלעטער, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך.

— די אָרטיקע מענטשן — האָט ער דערציילט — וויקלען די בלעטער. איין עק שטעקן זיי אַריין אין מויל, דעם אַנדערן עק צינדן זיי אָן, און זיי בלאָזן אַרויס דעם רויך פון מויל.

די צוהערער האָבן געקוקט פאַרגאַפט.

— זיי רופן די בלעטער טאַבאַק — האָט לואי דע טאָרעס הנאה געהאַט, קוקנדיק אויף די דערשטוינטע פּנימער.

— און זיינען די מענטשן געווען פריינטלעך צו אייך? — האָט געפרעגט קאָלומבוס.

— יאָ. זיי האָבן אונדז פריינטלעך פאַרבעטן אין זייערע היימען און האָבן אונדז געקושט הענט און פיס.

— איך בין צופרידן, — האָט געזאָגט קאָלומבוס. — אָבער מיר דאַרפן פאָרן ווייטער. דו, דע טאָרעס, קענסט זיך אויסקלייבן וואָסער באַלוינונג דו ווילסט.

דע טאָרעס האָט זיך פאַרקוקט אויפן אָקעאַן. אין דער ווייט האָבן זיך פאַר זיינע אויגן פאַרבייגעטראָגן שפּאַניע מיט אירע תּפיסות, זיין פאָלק, וואָס ווערט געיאָגט און געפּלאָגט.

— איך וואָלט געוואָלט דאָ פאַרבלייבן, — האָבן זיינע ליפּן גע־וויספּערט, — דאָ אין לאַנד, וואו פרעמדע ווערן אויפגענומען ווי אייגענע, ווי פריינט. דאָ וויל איך זיין דער ערשטער מענטש פון דער ווייסער ראַסע. —

קאָלומבוס האָט זיך פאַרטראַכט, אויף אַ ווייל ניט געקענט באַ־שליסן, אָבער דאַן געזאָגט צו דע טאָרעסן:

— איך האָב דיך אַליין געהייסן אויסקלייבן דיין באַלוינונג, לואי דע טאָרעס. און כאָטש איך שאַץ דיין ווערט פאַר מיר, מעגסטו פאַרבלייבן דאָ אין לאַנד, אויב דו ווילסט.

די דריי שיפן האָבן פאַרהויבן די אַנקערס. פון דעק פון דער „סאַנטאַ מאַריאַ” האָט קאָלומבוס אַראָפּגעקוקט אויף לואי דע טאָרעסן, וואָס איז געשטאַנען איינער אַליין אויפן ברעג אונטערן פרייען הימל. לואי דע טאָרעס האָט געטראַכט פון שפּאַניע, דעם לאַנד, וואָס ער האָט פאַרלאָזן.

— זעגלט אויף! — האָט קאָלומבוס באַפוילן זיין מאַנשאַפט.

— זעגל אויף צו אַ נייער וועלט, אָ, מיין פאָלק! — האָט לואי דע טאָרעס שטיל נאָכגעשעפּטשעט...

האָפּערדיק — מונטער, שטאָלץ
מאַטראָס — sailor
קאַיוטע — cabin
מאַראַן — ייִד, וואָס האָט אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן צוליב די פאַרפאָלגונגען פון דער אינקווי־זיציע, אָבער אין געהיים אָנגע־האַלטן דעם יידישן גלויבן.
תּפיסות (טפיסעס) — prisons
אָנלען — railing
פאַרגאַפט — פאַרוואונדערט
זעגלט אויף — sail on

חיים סאַלאָמאָן און פּראָוואָסט־דזשייל

• לויט **האָוואַרד פּעסט**

מען האָט חיים סאַלאָמאָנען צוריקגעבראַכט אין דער פּראָוואָסט־טורמע. ניט צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטן דאָס מאָל, נאָר אין אַן איינצל־צעל מיט גראַטעס אין קעלער פון דער טורמע. די פאַר־משפּטע אַרעסטאַנטן פלעגט מען האַלטן די נאַכט פאַרן הענגען אין אָט דער קאַמער.

אין דער קאַמער איז געשטאַנען אַ שמאָלע הילצערנע באַנק. שעהן לאַנג איז סאַלאָמאָן געלעגן אויף דער באַנק, די הענט הינטערן קאָפּ און געפּרוואווט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז אין עטלעכע שעה אַרום וועט ער שטאַרבן. ער האָט געפּרוואווט בייקומען די מורא פאַרן הענגען, און זיך צוגעוואוינען צום פאַקט אַז קיינמאָל, קיינמאָל מער וועט ער שוין ניט זען זיין ווייב און קינד.

ס'האָט זיך אים כּסדר געדאַכט, אַז דער באַגינען קומט שוין אָן, אַז דער טאָג ברעכט זיך שוין, און ער האָט אַזוי שטאַרק — אוי ווי שטאַרק! — געוואָלט, אַז די שעהן ביז טאָג זאָלן זיך ציען און ציען, כאָטש ער האָט אַליין ניט געוואוסט אויף וואָס ער האָט צו האָפן. ער איז געלעגן אין דער פינצטער און זיך צוגעהערט ווי די סעקונדעס קלאַפּן אָפּ איינע נאָך דער אַנדערער, איינע נאָך דער אַנדערער, אויף זיין זייגער.

אָט דער זייגער און אַ שווער גאָלדן פינגערל זיינען געווען די איינציקע זאַכן, וואָס זיי האָבן אים דערלויבט האַלטן ביי זיך. זיין זייגער איז געווען אַ זעלטענער און אַ טייערער. . . .

סאַלאָמאָן האָט זיך אין דער פינצטער איינגעגעסן מיט די אויגן אין דעם זייגער. . . . עלף . . . צוועלף . . .

נאָך האַלבער נאַכט האָט מען געביטן די וואַך. ער האָט געהערט ווי די וועכטער האָבן זיך דורכגעשמועסט אויף זייער העסישן דייטש. איינע פון די שטימעס איז אים געווען אַ ביסל באַקאַנט. ער האָט פּלוצים דערהערט:

— האַלאָ, מיין יידישער פריינט! — ס'איז געווען דער העס, וואָס האָט אים נעכטן נאָכן משפּט געהאַט מכבד געווען מיט אַ שמעק טאַבאַק.

— האַלאָ! — סאַלאָמאָן האָט זיך אויפגעשטעלט.



חיים סאַלאָמאָן מאָנומענט אין שיקאַגאָ

— כ'האָב געהערט, אַז פאַרטאָג וועלן זיי דיך אויפהענגען — האָט דער העם געזאָגט.

— יאָ.

— פאַר פאַרראַט, האַ? מיין גאָט, וואָסערע נאַראָנים איר יידן זייט! כ'הער, אַז דו ביסט געווען אַ רייכער מאַן. פאַרוואָס זשע ביסטו ניט צופרידן געווען צו זיין רייך, און צו וואָס האָסטו נאָך געדאַרפט ווערן אַ פאַררעטער?

— דאָס איז מיין היימלאַנד — האָט סאַלאָמאָן געזאָגט פאַמעלעך, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער ענטפער צו אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, צו זיין גאַנץ לעבן.

— און העסען איז געווען מיין היימלאַנד — האָט דער וועכטער געענטפערט. — און גלויב מיר, אַז דער פירשט פון העסען קאָן גיין צום טייוול, און איך וואָלט אַפילו קיין פינגער ניט אויפגעהויבן אים צו העלפן.

— הייסט עס, אַז דו ווילסט זיך ניט שלאָגן פאַר די בריטישע?

— פאַרזיכטיק! — האָט דער העם געזאָגט. — איך וויל ניט הערן אַזעלכע פאַררעטערישע רייד.

— איז עס פאַררעטעריש, ווען איך זאָג אַרויס דאָס, וואָס דו טראַכטסט?

— פונוואַנען ווייסטו וואָס איך טראַכט?
סאַלאָמאָן האָט געשמייכלט:
— מען דאַרף ניט זיין קיין חכם צו פאַרשטיין, אַז אַ מענטש האָט ניט ליב ווען מען פאַרקויפט אים ווי אַ קו און מען פאַרשיקט אים טויזנטער מייל פון זיין היים זיך צו שלאָגן קעגן אַ פריי פאָלק, וואָס האָט אים קיינמאָל ניט געטאָן קיין שלעכטס.
— איך וויל ניט הערן אַזעלכע רייד! — האָט דער העס זיך גע־עקשנט.
— אויב אַזוי, הער זיך ניט צו צו מיר, ווען איך זאָג דיר, אַז אונדזער קאָמאַנדיר, גענעראַל וואַשינגטאָן, גיט הונדערט אַקער פרוכטבאַר לאַנד און אַמעריקאַנער בירגערשאַפט צו יעדן העס, וואָס גייט אַריבער צו די אַמעריקאַנער. שטעל זיך נאָר פאָר וואָס דאָס מיינט, מענטש איינער!
דער העס האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן:
— הונדערט אַקער? אין העסען האָט אַפילו אַ פירשט ניט מער ווי הונדערט אַקער.
— און נאָך הונדערט אַקער אַזוי שנעל ווי דו האָסט צעאַקערט די ערשטע הונדערט.
דער העס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:
— דו זאָגסט ליגן.
— ניין, איך זאָג ניט קיין ליגן. מיר איז שוין אַלץ איינס. סיי־ווי וועל איך אין דער פרי שטאַרבן, אָבער איך קאָן ניט צוזען אַז אַ בחור ווי דו זאָל זיך שלאָגן קעגן מענטשן, וואָס ווילן בלויז זיין פריי און לעבן בשלום.
— דו ווייסט דאָך וואָס זיי טוען מיט אַ העס וואָס דעזערטירט, אויב זיי כאַפּן אים.
— ניט ערגער ווי אַז מען ווערט דערהרגעט בעת מען שלאָגט זיך פאַר אַ זאַך אין וועלכער מען גלויבט ניט. איכ'ל דיר העלפן. אָט האָב איך אַ גאָלדענעם רינג, וואָס איז ווערט פופציק האָלענדישע דאָלער און אַ זייגערל וואָס איז ווערט דריי הונדערט דאָלער. דו ביסט געווען פריינטלעך צו מיר. נאַ, נעם זיי.
דער העס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:
— דאָס איז צופיל. איך קאָן פאַר דיר גאָרניט טאָן.
— דריי הונדערט און פופציק דאָלער איז אַ סך געלט. דו האָסט מסתמא אַן אַלטן טאַטן, אָדער אַן אַלטע מאַמע אין העסען. אפשר

וואָלסטו זיי געוואָלט אַראָפּברענגען קיין אַמעריקע...

— איך האָב אַן אַלטע מאַמע — האָט דער העם געזאָגט. — ווען איך וואָלט געקאָנט דיר מיט עפּעס אָפּצאָלן . . .

חיים סאַלאָמאָן האָט אַלץ איינגעשטעלט, דער שטראַל פון האָפענונג איז אַ ביסל העלער געוואָרן. ער וועט פּרוּווּן.

— דו קאָנסט דעזערטירן היינט ביינאַכט. אַנטלויף צו צפון און שטעל זיך אין פאַרבינדונג מיט די אַמעריקאַנער. לאָז בלויז אָפן די טיר פון מיין קאַמער. איכ'ל דיר געבן אַ שעה צייט דו זאָלסט קענען אַרויס פון שטאָט, אַזוי אַז אויב מען וועט דיך כאַפּן, וועלן זיי דיך ניט באַשולדיקן פאַר מיין אַנטלויפן, ווייל איך וועל נאָך אַלץ זיין דאָ. אויב אין אַ שעה וועט גאָרניט געשען, וועל איך פּרוּווּן אַוועק פונ־דאַנען.

דער העס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

סאַלאָמאָן האָט אים געגעבן דעם זייגער און דאָס פינגערל.

— ווער אַן אַמעריקאַנער נאָך היינט ביינאַכט — האָט ער שטיל געזאָגט.

דער העס האָט געקוקט אויפן זייגער און אויפן פינגערל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. חיים סאַלאָמאָן האָט שוין מער גאָרניט געקאָנט טאָן אָדער זאָגן. ער איז צוריקגעגאַנגען צו דער הילצערנער באַנק און זיך אַוועקגעזעצט.

אַפילו אַזוי ווייט פון דער טיר האָט ער נאָך אַלץ געקאָנט הערן דעם טיק־טאַק פון זייגער. נאָכדעם איז דער טיק־טאַק שטילער גע־וואָרן, נאָכדעם האָט זיך געהערט ווי אַ שליסל דרייט זיך איבער אין אַ שלאָס, נאָכדעם שנעלע טריט.

נאָכדעם איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל.

חיים סאַלאָמאָן האָט זיך ניט קיין ריר געטאָן. ער האָט קוים געאָטעמט.

ער האָט געפּרוּווט ציילן די סעקונדעס, די מינוטן. ער האָט גע־וואָלט וויפיל מאָל אויפשטיין און זיך צוריקגעזעצט. ער האָט פאַר־ביסן די ליפּן ביז ער האָט דערפילט בלוט אין מויל. ער האָט די נעגל איינגעגראָבן אין די הענט.

— ס'איז צייט — האָט ער ענדלעך באַשלאָסן.

מיט אַ ציטער האָט ער געפּרוּווט די טיר — זי האָט זיך געעפנט.

ער איז אַרויס אין קאָרידאָר.

ער איז שטילערהייט געקראָכן, געטאַפּט די ווענט און געפונען

אַ טיר. טרעף האָבן אים געפירט אַראָפּ, אונטן. ער האָט דערפילט, אַז ער געפינט זיך אין אַ פייכטן פּלאַץ. אהאַ! מסתמא אין קעלער. ער האָט געטאַפּט די ווענט אין דעם נידעריקן סופיט, געפונען אַ טיר איבערן קאָפּ. פּאַמעלעך זי געשטופּט און געשטופּט און — דערפילט די פרישע נאַכט־לופט אויף די באַקן.

ער איז פּאַמעלעך אַרויסגעקראָכן. געשטאַנען צוגעקלעפּט צו דער וואַנט. אַ וועכטער איז פאַרבייגעגאַנגען ניט מער ווי פינף פוס פון אים, אָבער אים ניט געזען. חיים סאָלאָמאָן איז אַריבערגעלאָפן די גאַס, אַריבער אַ פּלויט, צערייסנדיק אויף זיך דאָס העמד, און אַריינ־געפאַלן צו עמעצן אין גאָרטן אַריין.

ער איז געווען פריי.

*   *   *

עטלעכע שעה שפּעטער האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אַן אַמעריקאַנער פאַרמער ערגעץ אויבן ביים סוף מאַנהעטן צווישן מאָרנינגסייד הייטס און וואַשינגטאָן הייטס און געבעטן:

— באַהאַלט מיך. איך בין אַן אַמעריקאַנער. די בריטישע יאָגן זיך נאָך מיר.

דער פאַרמער האָט ברייט געעפנט די טיר:

—קום אַריין.

בעת (בעאיס) — while

מכבד (מעכאַבעד) געווען — גע־ געבן, געשענקט

בייקומען — באַזיגן

העסען—אַ דייטשע פּראָווינץ. העסי־ שע געדונגענע סאָלדאַטן האָבן זיך געשלאָגן קעגן וואַשינגטאָנען.

זיך געעקשנט (געאַקשנט) — זיך איינגעשפּאַרט

פּלויט — צוים, fense

בנימין דעפינזאָ

• באַרבעט פון ל. זירין

1.

דער דיליזשאַנס איז פאַרפאָרן לעבן איינפאַר-הויז.

איינער פון די פּאַסאַזשירן איז געווען אַ הויכער מאַן, געקליידט אין אַ לאַנגן, שוואַרצן מאַנטל, מיט אַ מאָדנעם היטל אויפן קאָפּ. ביי דער זייט איז אים נאָכגעגאַנגען אַ יינגל פון אַ יאָר פערצן-פופצן.

דער מאַן האָט באַשטעלט אַ צימער און איז מיטן יינגל אַרויף די טרעפּ צום אויבערשטן שטאָק.

בנימין דעפינזאָ האָט געקוקט אויף דעם יינגל, זיין ברודער משהס זון, וועלכער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דער נייער וועלט. ער איז גלייך און שלאַנק ווי אַ הי-געבוירענע ווערבע. בנימין זעט ניט קיין אונטערשייד צווישן אים און אַנדערע הי-געבוירענע אַמעריקאַנער.

בנימין האָט זיך דערמאָנט אין זיינע קינדער-יאָרן אין דער ענגער אַמסטערדאַמער געטאָ. ער האָט געטראַכט וועגן די אויסגעדאַרטע ישיבה-בחורים מיט אויסגעבלייכטע פּנימער, וואָס זעען קיינמאָל ניט אָן די זון. זייערע קליידער, זייער רעדן, זייערע געדאַנקען — מיט אַלץ זיינען זיי אַנדערש פון די אַרומיקע יינגלעך. שטענדיק שרעקן זיי זיך, אַז אָט וועט מען זיי אויך פון אַמסטערדאַם אַרויסיאָגן ווי אַ שרעקלעכע מגפה, אַזוי ווי מען האָט עס געטאָן אין מאַדריד און אין טאָלעדאָ.

בנימין האָט פאַרטריבן פון זיך די שרעקלעכע געדאַנקען פון דעם אַמאָל און גענומען טראַכטן פון היינט.

אָט דאָ אין פילאַדעלפיע זיצן מענטשן הינטער פאַרשלאָסענע טירן און אַרבעטן אויס אַ קאָנסטיטוציע פאַר דער נייער רעפּובליק. ווייניק מענטשן ווייסן וואָס ס'וועט אַרויסקומען פון די היציקע דיסקוסיעס.

מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָט דאָס פאָלק זיך צוגעהערט צו אַלערליי קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן.

די יידישע קאָלאָניע פון ניו-יאָרק האָט געהערט, אַז די פּלאַנ-טאַטאָרס פון דער סאָוט און די ניו-יאָרקער באַנקירן זיינען קעגן פרייער אימיגראַציע פאַר די יידן פון אייראָפּע. האָבן זיי אויסגעקליבן דעם יידן בנימין דעפינזאָ, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק אַריבער-געקומען פון האָלאַנד, אַז ער זאָל פאָרן קיין פילאַדעלפיע, זיך פאַר-

בינדן מיט בענדזשאַמין פראַנקלינען און איבערצייגן די פירער פון דער נייער וועלט, אַז פאַר אַזאַ געזעץ איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין אַ קאָנסטי־טוציע פון אַ פריי לאַנד.

בנימין האָט געקענט פראַנקלינען נאָך פון אייראָפּע — אין יענער צייט, ווען פראַנקלין איז געווען דער אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך. בענדזשאַמין פראַנקלין האָט געלייענט בנימין דעפּינזאָס בוך וועגן נאַטור און האָט זייער וואַרעם גערעדט וועגן אים.

דער יינגל סיימאָן דעפּינזאָ, בנימינס פּלימעניק, איז מיטגעפאָרן אַלס זיין וועגווייזער אין אומבאַקאַנטן לאַנד.

בנימין האָט זיך געווענדט צום יינגל:

— מיר האָבן נאָך צוויי שעה ביז וועטשערע, לאָמיר גיין אין שטאָט אַריין, זען חיים לעווין. ער וועט אונדז פירן צו בענדזשאַמין פראַנקלין.

דיליזשאַנס — stage coach | איינפאָר־הויז — inn

2.

דער וועג צו דער שטאָט איז געווען געפּאַקט. די קאָנווענשאָן האָט צוגעצויגן אַ סך מענטשן, און צוליב דעם וואָס די זיצונגען זיינען געווען געשלאָסענע און מען איז געווען נייגעריק צו וויסן וואָס ס'גייט דאָרטן אָן, האָט זיך דער עולם געזאַמלט אין די גאַסן און געפירט הייסע דיסקוסיעס.

לעבן מאַרקעט און בראָד סטריט איז געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם. סיימאָן און בנימין זיינען צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן. צוויי מענטשן האָבן היים דיקוטירט וועגן דער קאָנווענשאָן. אַן אַלטער, דיקער מאַן געקליידט לויטן לעצטן ניו־יאָרקער פאַסאָן, האָט אַרגומענטירט מיט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט לויט די קליידער אויסגעזען ווי אַ געזעל אָדער אָרעמער פאַרמער.

— צום טייוול! — האָט דער עלטערער זיך געהיצט. — וועט יעדער בעטלער און אָרעמער פאַרמער אונדז זאָגן דעות ווי צו פירן דאָס לאַנד? די בענק און דער האַנדל דאַרפן באַשיצט ווערן, און אויב די קאָנווענשאָן וועט עס ניט טאָן, וועלן מיר געפינען אַ צווייטע פאַן וואָס וועט עס פאַר אונדז יאָ טאָן.

דער יונגערמאַן האָט זיך געווענדט צום עולם:

— ווייזט אויס, אַז ס'האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך דזשאָרדזשן...

דער עולם האָט געלאַכט און ענגער אַרומגערינגלט די רעדנער.

בנימין האָט אַ צי געטאָן סיימאָנען און זיי זיינען אַוועק ווייטער מיט בראָד סטריט. ווען זיי האָבן איבערגעקרייצט טשעסטנאַט סטריט, זיינען זיי אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ גרויסן מענטשן־שטראָם. בנימין האָט זיך באַמיט נאָכצוהאַלטן דעם פּלימעניק, וועלכער איז פאַרכאַפּט געוואָרן און זיך געיאָגט מיטן מענטשן־שטראָם. מיט אַמאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זיי געפינען זיך לעבן דעם קאָנווענשאָן־זאַל.

דער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוזאַמענגעמישט מיט די הונדערטער, וועלכע האָבן שוין פון פריער געוואַרט.

די טירן פון דעם קאָנווענשאָן־זאַל האָבן זיך צעעפנט און אַ גרופּע מיליציאַנטן האָט גענומען דורכשלאָגן אַ וועג צווישן עולם פאַר די דעלעגאַטן. עס האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען:

— פאַרוואָס זעט מען ניט קיין פאַרטרעטער פון די פאַרמער און אַרבעטער?

— פאַרוואָס עפנט מען ניט די טירן פאַרן פאָלק?

— וואו זיינען פּעין און דזשעפערסאָן?

— הורא פאַר וואַשינגטאָן און פרענקלין!

די מאַסע האָט זיך אַ לאָז געטאָן, דורכגעריסן זיך דורך די מיליציאַנטן און זיך אַריינגעריסן צווישן די דעלעגאַטן.

סיימאָן האָט גענומען דורכשניידן אַ וועג פאַר זיין פעטער. פּלוצים האָט ער דערזען ווי אַן אַלטער מאַן פּרוּווט זיך אויפהויבן פון דער ערד, אָבער די מאַסע שפּאַרט זיך אויף אים און אָט־אָט ווערט ער צעטראָטן. סיימאָן האָט מיט אַלע כוחות זיך דורכגעשפּאַרט, אויפּ־געהויבן דעם אַלטן און מיט אַלע זיינע כוחות גענומען דורכשניידן אַ וועג. מיט גרויסע שוועריקייטן איז ער אָנגעקומען צום סקווער מיטן אַלטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

דער אַלטינקער, אַ מאַן אין די זיבעציקער, מיט אַ פאַרוק אויפן קאָפּ, האָט אַ שמייכל געטאָן צו סיימאָנען:

— אַ דאַנק, יונגערמאַן! נאָך איין מינוט און אָט דער אַלטער קאָפּ וואָלט צעטראָטן געוואָרן אונטער זייערע פיס.

ער האָט זיך געווענדט צו בנימינען:

— אייער זון האָט מיך געראַטעוועט.

בנימין האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דאָס איז מיין פּלימעניק, און איך בין צופרידן פון אונדזער באַגעגעניש, מיסטער פרענקלין.

בענדזשאַמין פרענקלין האָט זיך גוט איינגעקוקט אין אַלטן בנימינען.

— יאָ, — האָט בנימין געשאָקלט מיטן קאָפּ, — איך בין בנימין דעפּינזאָ. איך האָב זיך באַקענט מיט אייך אין פּאַריז מיט צוועלף יאָר צוריק.

— יאָ, — האָט פרענקלין געזאָגט. — איך געדענק. אַ יונגער ביבל-סטודענט, וועלכער האָט אויפגעכאַפּט דעם גייסט פון דער נייער צייט. קומט, — האָט ער אַרומגענומען בנימינען און סיימאָנען, — מיר וועלן עסן וועטשערע ביי מיר אין איינפאָר-הויז.

פאַסאָן — מאָדע, fashion, style געזעל — journeyman זאָגן דעות (דייעס) — דיקטירן פּאַרוק — wig	דזשאָרדזש — דזשאָרדזש III, קעניג פון ענגלאַנד אין דער צייט פון דער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט.

3.

דאָס איינפאָר-הויז איז געווען איבערגעפּאַקט. דער עולם האָט זיך געלאָזן וואוילגיין: געטרונקען און געזונגען אויף די העכסטע טענער. נאָר בנימין און סיימאָן האָבן גאָרניט געהערט, אחוץ פרענקלינס אָנגענעם קול. דער אַלטער פילאָסאָף און וויסנשאַפטסמאַן האָט גערעדט צו בנימינען:

— דער אַפּעטיט פון די באַנקירן און פּלאַנטאַטאָרס וועט דאַרפן געצוימט ווערן. דאָס פאָלק וועט ניט דערלאָזן קיין דיסקרימינאַציעס קעגן יידן אָדער אַנדערע פעלקער פון אייראָפּע, וואָס קעמפן קעגן דער טיראַניע פון פעאָדאַליזם. איך פאַרזיכער אייך און אייערע פריינט, אַז די נייע רעגירונג וועט אייך ניט שטערן אַריבערצוברענגען אייערע ברידער אַהער. מיר וועלן אָפּשעצן זייער פייאיקייט און זייער אונטערנעמונג-גייסט. מיר נעמען דאָס בעסטע פון דער אַלטער וועלט, און — האָט ער פאַרגעזעצט — דאָס אייביקע שטרעבן פון די יידן צו פרידן און פרייהייט איז שיין און גרויס.

בנימין איז געווען טיף גערירט פון דעם לויב פאַר זיין פאָלק און פון דעם געדאַנק, אַז זיין מיסיע איז געווען אַ דערפאָלג.

סיימאָן איז נאָך אַלץ געווען צעטומלט פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט היינט געהערט צווישן עולם. האָט ער כמעט שטאַמלענדיק געפרעגט:

— מיסטער פרענקלין, פאַר וואָס איז דאָס פאָלק אומצופרידן מיט דער קאָנסטיטוציע?

— ניט מיט דער קאָנסטיטוציע, מיין זון, נאָר מיט די מענטשן וועלכע שרייבן זי. דאָס פאָלק האָט ניט קיין צוטרוי צוליב דער געהיימניש מיט וועלכער מען האָט צונויפגערופן די קאָנווענשאָן, און די פאַרשלאָסענע טירן הינטער וועלכע זי ווערט געשריבן. און איך האָב מורא — האָט ער געזאָגט נאָכדענקענדיק — אַז עס וואָלט געווען נאָך ווייניקער צוטרוי, ווען מען וואָלט געהערט אייניקע פון די רעדעס, הינטער די פאַרשלאָסענע טירן. איך פאַרזיכער דיך — האָט ער געשמייכלט — אַז דאָס פאָלק וועט אויסבעסערן יעדן טעות וואָס מיר מאַכן. אַ פאָלק וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ שווערן קאַמף ווי מיר, וועט זיך ניט לאָזן באַרויבן פון זיין פרייהייט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו בנימינען:

— מיין פריינט, איך האָב דאָ מיט זיך אַ קאָפּיע פון פאַרוואָרט צו דער קאָנסטיטוציע. איך דענק, אַז דאָס וועט ביי אייך אָפּווענדן יעדן צווייפל וועגן דער פרייהייט פאַרן פאָלק.

געצוימט — curbed	אונטערנעמונג־גייסט — enterprising spirit

4.

בנימין און סיימאָן זיינען אַהיימגעקומען זייער שפּעט. סיימאָן איז באַלד איינגעשלאָפן. בנימין האָט זיך אָנגעזעצט לעבן בעט און געקוקט אויפן פאַרמעט. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט איין זאַץ, זייער אַ קורצן, אָבער פאַר דעם זון פון אַ פאָלק, וואָס האָט יאָרן לאַנג געליטן פון אונטערדריקונג, האָבן די ווערטער געבראַכט אַן אָנזאָג אויף פרייהייט.

פאַר זיינע אויגן האָט זיך צעוויקלט אַ בילד פון נויט, עלנט און אונטערדריקונג — די געשיכטע פון די יידן אין אייראָפּע.

ער האָט געזען ווי די שפּאַנישע נאָבל־לייט פאַרפאָלגן די יידן, יאָגן זיי אָרום ווי חיות. ער האָט געזען ווי מען פאַרניכט גאַנצע קהילות. ווי מען פאַרברענט מענער, פרויען און קינדער אין די סינאַגאָגעס, ווי מען יאָגט און מען באַליידיקט די יידן אין אַלע לענדער. ער האָט געזען זייער פאַרצווייפלונג, אָבער אויך זייער האָפענונג, אַז אַ ליכט וועט אויפשיינען אין זייערע געטאָס און זיי באַפרייען.

און ער איז אפשר דער ערשטער ייד, וואָס האָט דערזען אָט דאָס ליכט אַרויסשיינען פון די פּשוטע ווערטער פון פאַרוואָרט צו דער קאָנסטיטוציע.

און פאַר אָט דעם יינגל, וואָס שלאָפט דאָ אַזוי געשמאַק — ניט

ווינסדיק פון גאַרניט — פאַר אים בויט זיך אַ נייע וועלט, פריי פון די שווידערלעכע שרעקן, וועלכע האָבן פאַרפאָלגט זיין פאָטער. פריי? — אַ פלוצימדיקער געדאַנק האָט אים טרויעריק געמאַכט: אפשר וועלן מיט יאָרן שפּעטער אויך דאָ אין פרייען לאַנד אויפשטיין אונטערדריקער און צוריק אויפהויבן די פאָן פון פּאָגראָמען? — ער האָט אָבער גלייך אָפּגעטרייסלט פון זיך די טרויעריקע געדאַנקען. אַ פאָלק, וואָס האָט איינמאָל געהערט די גרויסע ווערטער פון דער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט“, און געהייליקט די ווערטער מיט זיין בלוט, וועט ניט דערלאָזן קיין נייע אונטערדריקונג. קאַמפן וועלן אפשר פאַרקומען. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז דאָס פאָלק וועט אָפּהיטן זיין פרייהייט און זי ניט אויפגעבן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַטאָנענדיק די ווערטער, האָט ער גענומען לייענען פון פּאַרמעט, וואָס בענדזשאַמין פראַנקלין האָט אים געגעבן, לייענען מיט דעם זעלביקן ניגון, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל אין זיינע יונגע יאָרן געלערנט אין חדר:

"We, the people . . ."

פּאַרמעט — parchment	קהילות (קעהילעס) — Jewish communities
ניגון (ניגן) — מעלאָדיע	



אוריאל אַקאָסטאַ מיט שפּינאָזאַן — ש. הירשענבערג

דער גוטער אייב

• ל. מילער

אַזאַ הויכער, אַזש פון הויכקייט זיך געבויגן,
מילד ווי פרילינג-ווינט און שטאַרק ווי אַ לייב,
אַ ריז אַזאַ, מיט קלוגשאַפט אין די אויגן.
גוטע מענטשן האָבן אים גערופן: „גוטער אייב“,
שלעכטע — האָבן פאַר זיין גוטסקייט אים געהאַסט;
שטענדיק האָט ער אומעטיק געשמייכלט
און מיט יעדערן געשפּאַסט.

אין אָרעמקייט געבוירן, אין נויט דערצויגן,
מיט צוויי שטאַרקע אַרבעטזאַמע הענט,
האָט ער פאַר רייכן האָר זיך ניט געבויגן.
און געזאָגט האָט אייב, ווען ר׳איז געוואָרן פּרעזידענט,
אַז צום פאָלק באַלאַנגט וואָס עס טוט און שאַפט
דער מענטש!
האָבן אים דערפאַר די רייכע לייט געשאָלטן,
ס׳פאָלק — האָט אים געבענטשט.

האָט אייב געדינט זיין לאַנד, ווי אַ זון אַ טרייער,
האָט דעם נעגער-שקלאַף באַפרייט פון ווייסן האַר,
ווייל אַלע מענטשן דאַרפן גלייכע זיין און פרייע.
האָבן אים די שלעכטע לייט געטויט דערפאַר!
נאָר רעדן רעדט דאָס פאָלק, אַז נאָר אַזוי
דאַרף זיין אַ פּרעזידענט, ווי ס׳איז געווען
אייב לינקאָלן פון אילינאָי.

אַ מענטשהייט פֿון ברידער

• מאָריס ווינטשעווסקי

ווען די פֿרייהייט וועט זיצן געקרוינט אויפֿן טראָן
פֿון אַ גליקלעכער וועלט און אַ מענטשהייט פֿון ברידער;
ווען דער אמת וועט האָבן אַ פּלאַץ אויבנאָן
און אין תהום וועט זיין אַלץ וואָס איז איר דערווידער;

ווען די ליבע וועט האָבן פֿאַרניכטעט דעם האַס,
און דאָס גליק וועט פֿאַרטיליקן קנאה און פֿיינטשאַפֿט,
ווען די גאַסן אין שטאָט און די הייזער אין גאַס
וועלן פֿול זיין מיט איינקייט, ליבע און פֿריינטשאַפֿט, —

דאַן וועט זיצן אַמאָל אין אַ ליבלעכן קרייז
פֿון צופֿרידענע קינדער, געבוירן אין פֿריידן,
אַ געלערנטער מאַן, אַ דערפֿאַרענער גרייז,
וועלכער וועט זיי דערציילן פֿון אונדזערע ליידן:

ווי מיר האָבן געליטן מיט דורות צוריק,
ווי מיר האָבן אָן אויפֿהער געקעמפֿט, וועט ער מעלדן,
ווי עס האָבן געוואָרגן די תליות, די שטריק,
די אַמאָליקע ערלעכע, מוטיקע העלדן.

און די גליקלעכע קינדער, פֿאַרזאַמלט אין קרייז,
וועלן אויפֿשטיין גערירט פֿון דעם זיידעניוס ווערטער,
און דריקן די האַנט פֿון דעם זקן, דעם גרייז
און דאַן לויפֿן באַזוכן די הייליקע ערטער, —

וואו עס רוען די קעמפֿער פֿון היינטיקן דור,
וואָס דער טויט נאָר אַליין האָט געמעגט זיי באַצווינגען.—
און באַגייסטערטע קינדערשע שטימען אין כאָר
וועלן דעם אָנדענק מיט ערפֿורכט באַזינגען...

תהום (טהאָם) — אָפּגרונט, abyss
דורות (דוירעס) — generations
פֿאַרטיליקן — פֿאַרניכטן
קנאה (קינע) — envy
תליות (טליעס) — gallows
זקן (זאָקן) — אַלטער, גרייז
ערפֿורכט — reverence

צו די לערער

„אונדזער בוך" איז אַ ליטעראַרישע כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן יאָר מיטלשול, ד.ה. פאַרן פינפטן שול־יאָר (אָדער פאַרן זעקסטן, לויט די לעצטע באַשלוסן, אַז די עלעמענטאַרע שול דאַרף זיין אַ פינף־יאָריקע).

„אונדזער בוך" איז אַ שטאַרק־געענדערטע און רעווידירטע נייע אויפלאַגע פון דער כרעסטאָמאַטיע פאַר דער מיטלשול אונטערן זעלבן נאָמען, וואָס דער מחבר צוזאַמען מיט א. גאָלדבערג האָבן צוזאַמענגעשטעלט אין 1939. פון יענער כרעסטאָמאַטיע זיינען אַרויסגענומען פאַרן איצטיקן בוך 23 זאַכן, אַזוי אַז דער ווייט־גרעסטער טייל פון בוך באַשטייט פון נייעם מאַטעריאַל. דער פּלאַן, לויט וועלכן דאָס בוך איז געבויט, איז אַן אַנדערער. דאָס נייע „אונדזער בוך" איז אויסגערעכנט אויף איין יאָר, בעת דאָס פריערדיקע בוך איז געווען פּלאַנירט אויף צוויי יאָר.

ביים צוזאַמענשטעלן דאָס בוך האָט דער מחבר זיך געשטעלט דעם ציל צו געבן קינסטלעריש־ווערטפולע מוסטערן פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס בוך דאַרף דינען אַריינצופירן דאָס קינד אין ליטעראַטור־לימוד. ביים אָפּקלייבן דעם מאַטעריאַל האָט דער צוזאַמענשטעלער געהאַט אין אויג, חוץ דעם קינסטלעריש־ליטעראַרישן ווערט, אויך דעם מאָמענט פון צוגעפּאַסטקייט און צוגענגלעכקייט פאַרן (12 - 13 יאָריקן) לייענער. דער מחבר האַלט, אַז ס'איז ניט גענוג, און ס'איז אפשר ניט דער עיקר, דאָס לערנען ליטעראַטור. דער עיקר ציל דאַרף באַשטיין צו דערוועקן ביים קינד, צו פּלעגן און אַנטוויקלען אין קינד אַ לעבעדיקן אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור און צום יידישן לעבן, וואָס ווערט אין איר אָפּגעשפּיגלט.

די פינף אָפּטיילן פון בוך גיבן אַ באַגריף וועגן פּלאַן, לויט וועלכן דאָס בוך איז געבויט. דער מחבר האַלט, אַז טעמאַטיש דאַרף די ליטעראַטור פאַר קינדער פון דעם עלטער אָפּשפּיגלען אַ סביבה, וואָס איז זיי מער נאָענט און פאַרשטענדלעך. אַמעריקע, די יידישע אַמעריקע און, ספּעציעל, דאָס אַמעריקאַנער־יידישע קינד וואָלטן געדאַרפט פאַרנעמען דאָס הויפּטאָרט. דאָס האָט אָבער געקענט רעאַליזירט ווערן נאָר טיילווייז, ניט אין דער מאָס ווי דעם מחבר וואָלט זיך וועלן. די יידישע ליטעראַטור גיט לייִדער ווייניק פּאַסיקן קינסטלערישן מאַטעריאַל, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס איצטיקע יידישע לעבן אין אַמעריקע. דאָס יידישע אַמעריקאַנער קינד זעט זיך כמעט אינגאַנצן ניט אָן. דאָך פאַרנעמט די אַמעריקאַנער טעמאַטיק אַ קנאַפּע העלפט פון בוך. זאַכן מיט אַן אַמעריקאַנער טעמאַטיק גייען אַריין ניט נאָר אין דעם ערשטן אָפּטייל — „אונדזער לאַנד", נאָר קומען אַריין אין אַלע אַנדערע אָפּטיילן פון בוך (חוץ אין איינעם — „אויף יענער זייט ים", וואָס איז אָפּגעגעבן פאַר דער שילדערונג פון יידישן לעבן אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פּוילן, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין ארץ־ישראל). אמת, די אַמעריקאַנער זאַכן פאַרנעמען זיך מער מיטן לעבן פון די זיידעס און טאַטעס, ווי פון דעם היינטיקן אַמעריקאַנער יידן. כדי צו געבן דאָס אַמעריקאַנער־יידישע קינד, איז געווען נויטיק אָנצוקומען צו אַן איבערזעצונג („אַ ציגעלע", פון ס. אָרניץ, איבערזעצט פון נ. בוכוואַלד). די אַלגעמיינע אַמעריקע איז פאַרגעשטעלט דורך

קינסטלערישער פובליציסטיק (פּ. הירשביין, מ. אָלגין). דאָס איז אַ בלויז וואָס ניט דער מחבר טראָגט פאַר איר די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ס'איז ניט איבעריק צו דערמאָנען די לערער, אַז דער ליטעראַטור־לימוד טאָר זיך ניט באַגרענעצן מיטן לייען־בוך. דער לימוד דאַרף דערגאַנצט ווערן דורך פאַרלעזונגען פון לערער אין קלאַס, דורכן אַנאַליז פון געלייענטן מאַטעריאַל, דורך באַקענען דאָס קינד מיט עלעמענטן פון ליטעראַטור־קענטעניש, דורך ביאָגראַפיעס און אויסצוגן פון די זכרונות פון שרייבער, כדי צו באַקענען די קינדער מיטן לעבן און ווירקן פון די שאַפער און בויער פון דער יידישער ליטעראַטור. דער מחבר האַלט ניט, אַז ס'וואָלט געווען פון פּראַקטישן ווערט צוצוגעבן עטלעכע פראַגעס נאָך אַ דערציילונג אָדער פּאָעמע, אָדער אַ טרוקענע ביאָגראַפישע נאָטיץ וועגן אַ שרייבער. נוצלעך וואָלט געווען אַן אַרבעטס־העפט, וואָס זאָל באַגלייטן דעם מאַטעריאַל פון לייען־בוך. ביזן דערשיינען פון אַזאַ אַרבעטס־העפט דאַרף דאָס באַאַרבעטן דעם לייען־מאַטעריאַל זיין אין די הענט פונעם לערער. דאָס לייענען דאַרף אין גרעסטן טייל פאַרגעבן ווערן אויף צוצוגרייטן אין דער היים. אין קלאַס דאַרף מען זיך פיל אָפּגעבן מיט אַנאַליז און באַאַרבעטונג.

דער לערער דאַרף, אַרבעטנדיק מיטן לייענבוך, זען אַנטוויקלען ביי די קינדער די געוואוינהייט זעלבשטענדיק צו לייענען יידיש. ס'איז נויטיק, אַז דאָס קינד זאָל איינזען, אַז לייענען יידיש מיינט ניט דווקא „לערנען", נאָר אַז עס קען (און דאַרף!) מיינען לייענען צוליב פאַרגעניגן. דער לערער דאַרף דערוועקן דעם אינטערעס ביים קינד, אַז עס זאָל וועלן לייענען לשם אייגענער הנאה. פאַר דעם צוועק קענען דינען ניט נאָר אַזעלכע גרינגע און פאַרן קינד אינטערעסאַנטע זאַכן ווי „אין דער יידישער שול", „די לעצטע לעקציע" און „אַ גאַסט אין שול", פון א. גאָלדבערג, נאָר אַ גאַנצע סעריע דערציילונגען אין בוך („דאָס לאָשעקל", פון א. ראַבאָי; „מיר אַרבעטן אין שאָפּ" און אַנדערע פון שלום־עליכם; „אָנקל מאָזעס", פון שלום אש; משה נאַדירס הומאָרעסקעס — אַנצואווייזן בלויז אויף עטלעכע).

כדי אַרויסצוהעלפן אין זעלבשטענדיקן לייענען איז נויטיק גלייך פון אָנהויב צו שענקען פולע אויפמערקזאַמקייט צו די פאַרטייטשונגען און דערקלערונגען. דאָרטן געפינט זיך אויך די פאָנעטישע טראַנסקריפּציע פון העברייאישע ווערטער און פראַזעס, וואָס זיינען פאַרן קינד די גרעסטע שטערונג ביים זעלבשטענדיקן לייענען יידיש. די פאַרטייטשונגען קומען נאָך יעדער פּאָעמע אָדער דערציילונג. ביי לענגערע זאַכן קומען די פאַרטייטשונגען נאָך יעדן קאַפּיטל. ס'איז נויטיק צו מאַכן געניטונגען ביז די קינדער וועלן זיך איינגעוואוינען, אָן באַזונדערע שוועריקייטן און אָן צופיל צייט־פאַרשווענדונג, זיך צו באַנוצן מיט די פאַרטייטשונגען.

דער מחבר דריקט אויס אַ וואַרעמען דאַנק דעם נאַציאָנאַלן בילדונג און שול־דירעקטאָר פון יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, א. גאָלדבערג, פאַר זיין הילף און ווערטפולע אָנווייזונגען.

דער מחבר וועט מיט דאַנק אויפנעמען באַמערקונגען און רעקאָמענדאַציעס, וואָס לערער וועלן צושיקן. שרייבן אויפן אַדרעס פון אָרדן.

ניו־יאָרק, 1945.
א. בערגמאַן.

אינהאַלט

1.
אונדזער לאַנד

		זייט
אונדזער לאַנד	י. י. שווארץ	3
איך האָב ליב אמעריקע	מ. אַלגין	4
אין סאַבוויי	מ. ל. האלפּערן	7
קאַליפאָרניע	פּרץ הירשביין	8
די סטאַטוע פון פרייהייט	א. ליעסין	10
אויף דער שיף	י. קאָפּעלאָוו	10
דער שטורעם אויפן ים	מאָרים ראָזענפעלד	14
מיר ארבעטן אין שאַפּ	שלום־עליכם	15
סוועט־שאָפּ	מאָרים ראָזענפעלד	21
אין קאַמף	דוד עדלשטאַט	23
צום יידישן ארבעטער	דוד עדלשטאַט	24
א צייכן פון זומער	ז. ליבין	24
דער פרייהייט־גייסט	מאָרים ווינטשעווסקי	28
מיין משפחה	משה נאדיר	29
אַ פייער אין קלינטאָן סטריט	כאַווער־פּאַווער	30
פערשקע ביימלעך	משה נאדיר	34
כ'האָב ליב	מ. א. סול	36
א קליינער פּאַרק	ז. לאַנדוי	37
דער שטורעם	מאני לייב	37
אַנקל מאָזעס	שלום אַש	39
א. דער נייער „פרעה"		39
ב. דער יוניע־מאַן		41
ג. קוזמין סטרייקט		43
א ווידער־קול	משה נאדיר	51
מיין יידיש וואָרט	ז. וויינפּער	54
אויף קאַנאַדער ערד	ש. שטערן	55
א פישער־דאָרף אין מעין	י. א. ראָנטש	56
דאָס לאָשעקל	א. ראַבאָי	57
ביים גרענד קעניאָן	מ. בירנבוים	69
אויך איך	לענגסטאָן יוז	70

2.
קינדער־יאָרן

		זייט
אין דער יידישער שול	א. גאָלדבערג	71
1. מיר גראַדואירן		71
2. א נייע וועלט		74
3. מאַמע־לשון		76
4. „פּרעשים"		78
אָקטאָבער	ל. ניידוס	79
די קינדער זיינען אַנגעלאָפן	י. י. שוואַרץ	80
שוין איינמאָל א סוכה	שלום־עליכם	81
אויפן גליטש	פּרץ מארקיש	86
א ציגעלע	ס. אָרניץ **(יידיש — נ. בוכוואַלד)**	87
1. ניין יאָר		87
2. פערצנטער פירער		90
3. דאָס לעצטע וויגליד		93
ווינטער־ליד	ח. נ. ביאַליק **(יידיש — י. י. שוואַרץ)**	95
דאָס דריידל	שלום־עליכם	96
די מאַמע גייט אין לייבראַרי	אברהם רייזען	101
טענים	ל. מילער	104
רשעות	י. אָפּאַטאָשו	105
יינגלווייז	ה. לייוויק	109
זכרונות	מאָרים ראָזענפעלד	110
הערשעלע	מענדעלע מוכר ספרים	112
דער אַלכעמיקער	יהואש	115
די לבנה דערציילט	י. ל. פּרץ	116
ערב פּרילינג	יהואש	118

3.
אויף יענער זייט ים

צוויי ברידער	י. ל. פּרץ	119
קאַסרילעווקער האָטעלן	שלום־עליכם	123
צום העמערל	אברהם רייזען	126
בין איך מיר א שניידערל	פאָלקסליד	126
די מוטער צום קינד	אברהם רייזען	128
דער תענית	י. ל. פּרץ	129
גאָר און גאָרניט	משה שיפרים	133
פּענעק	דוד בערגלסאָן	134
הערשקע	פאָלקסליד	141
יאַנעק און יאַנקל	כאַוווער־פּאַווער	143

		זייט
טרייסט	י. ל. פּרץ	149
די ערד דערוואַכט	ל. ניידוס	150
נס־ציונה	ז. ווײַנפּער	151
אין אַ באַיאַרע	יהואש	152
אַ נײַ לעבן	נ. לוריע	153
א) העלע פּייערן		153
ב) דער אַלטער חיה רבקהס מעשות		154
ג) קינדער		157
אַ חתונה אין ביראָ־בידזשאַן	איציק פּעפּער	159

4.
פאַר פאָלק און לאַנד

דאָס לאַנד רופט	בער גרין	163
די לעצטע לעקציע	א. גאָלדבערג	166
שאַל דיין טרומפּייט	נחום ווייסמאַן	169
אַ גאַסט אין שול	א. גאָלדבערג	171
פּליכטלינג־ליד	ל. מילער	176
כבוד געלע לאַטע	ה. לייוויק	177
הערשעלע און רחלע	י. פאַליקמאַן	178
דער ברידער־קבר	איציק פּעפּער	183
אין די אָרעצאָ־בערג	י. אָפּאַטאָשו	186
איך גלויב	שאול טשערניכאָווסקי (יידיש — מ. יאַפּע)	192

5.
אַמאָל איז געווען

יוכבד	י. ל. פּרץ	193
דער פּינפער טורעם	לויט אַנסקי (מ. שיפּרים)	195
משה	אברהם רייזען	200
שמשון און דלילה	מ. כאַשטשעוואַצקי	202
בר־כוכבא	א. ליעסין	204
מאַראַנען	י. אָפּאַטאָשו	205
די שיינע פראַנציסקאַ	א. ליעסין	209
חנה מיט די זיבן זין	מ. כאַשטשעוואַצקי	211
אַ ייִד אַ פויגל	שלום־עליכם	214
אַמעריקע	ה. רויזענבלאַט	217
צו אַ נייער וועלט	ד. פּעסין (יידיש—א. ב.)	217
חיים סאַלאָמאָן אין פּראָוואָסט־דזשייל	לויט האָוואַרד פּעסט (יידיש — א. ג.)	222
בנימין דעפּינזאַ	באַאַרבעט פון ל. זירין (יידיש — מ. שיפּריס)	227
דער גוטער אייב	ל. מילער	233
אַ מענטשהייט פון ברידער	מאָרים ווינטשעווסקי	234

בילדער און אילוסטראַציעס

		זייט
ניו־יאָרק		3
אימיגראַנטן	יאָסל קאָטלער	11
אויף דער שיף	א. מ. ליליען	14
דער בלינדער פידלער	מאַרק שאַגאַל	20
דער שניידער	א. מ. ליליען	22
איסט סייד	יאָסל קאָטלער	33
בראָנקס	א. מאַנעוויטש	45
פּיאָנערן־פּרווי	דזשאָ דייווידסאָן	67
פּיאָנערן־פּרווי	מאָריס סטוירן	67
ברידער	הוגאָ געלערט	70
ווינטער אין ניו־יאָרק	י. ביעל	80
פּורים־שפּילער	אסתר ווישניצער	111
א זון פון אַלטן פאָלק	י. איזראַעלס	119
דער אויבס־הענדלער	י. ב. ריבאַק	124
דער שוסטער	יודאָווין	127
א שטעטל	מאַרק שאַגאַל	131
נאָך א פּאָגראָם	מינקאָווסקי	146
קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל		152
אויף די פעלדער פון קרים	י. ב. ריבאַק	155
אין פעלד	י. ב. ריבאַק	158
„האָט מען עס א טאַנץ געטאָן“	מאַרק שאַגאַל	162
גלות	ש. הירשענבערג	176
קינדער שפּילן לעבן חורבות		178
די געטאָ־וואַנט אין וואַרשע		186
דער סופר	י. איזראַעלס	193
„תמות נפשי עם פלשתים“	גוסטאַוו דאָרעי	202
בר כוכבא	ע. גליצענשטיין	204
די אינקוויזיציע		207
קאָלומבוס ביים אסטראָנאָם אברהם זאַקוטאַ — טאָמסאָן		219
חיים סאַלאָמאָן מאָנומענט אין שיקאַגאָ		223
אוריאל אַקאָסטאַ מיט שפּינאָזאָן		232